## מאדערנער

# אידישער רעדנער

### אויסדערוויילטע דרשות און רעדעס.

צוזאמענגעשטעלט לויט די ווערק
פון:


הרב י. לאזארעוו,
" ש. הורוויץ,
" א. גאלאנטי,
צבי מאסליאנסקי,
גדליהו בובליק,
ח. מאליץ א. אנד.



פארלאג „ביליקע ביכער“ ריגע.

הויפטפארקויף: ב. שערעשעווסקי, ריגע, מאריען־גאס 6. טעל. 26245.

מאדערנער

# אידישער רעדנער

אויסדערוויילטע דרשות און רעדעס
אף
**רעליגיעזע, פילאזאפישע און נאציאנאלע טעמעס.**

צוזאמענגעשטעלט און איבערזעצט
פון **א. ש.**

לויט די ווערק פון: הרב י. לאזארעוו,
" ש. הורוויץ,
" א. גאלאנטי,
צבי מאסליאנסקי,
גדליה בובליק,
ח. מאליץ און אנדערע.

H. Bieltschikov

פארלאגס=בוכהאנדלונג **ב. שערעשעווסקי,**
ריגע, מאריען גאס 6.

בוכדרוקעריַי „וו א ר ד ס"
ריגע, שווים גאס 24
טעל. 2-3-4-0-9

# ערשטער טייל.

## ווי אַזוי דאַרף מען דרשענען.

„ר״א חלש עאל לגביה רבי יוחנן, חזא דהוה קא גני בבית אפל. גלייא לדרעיה ונפל נהורא, חזייה דקא בכי ר״א. א״ל אמאי קא בכית, אי משום תורה דלא אפשת שנינו אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון לבו לשמים וכו׳, א״ל על האי שופרא דקא בלע בעפרא קא בכינא. א״ל על דא ודאי קא בכית ובכי תרווייהו...״ (ברכות).

עס זיינען דאַ צווייערליי דרשנים. דער ערשטער סאָרט איז זייער פרום און כסדר ער זוכט נאָר חסרונות אַף אידן. ווי גוט דאָס פאָלק זאָל נישט זיין, געפינט ער עפּעס אַן וואָס זיך צו טשעפּן. ער וויינט און שרייט און שמעלט פאַר דעם עונש מיט די שרעקליכסטע פאַרבן. ער האַלט אין איין זוכן עוונות; און אַז מען זוכט — געפינט מען. און אַז ער געפינט שוין גאָר נישט, איז ער דאַן ערשט מקיים דעם מאמר אין ברכות: „פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה״.

דער צווייטער דרשן איז אַזאַ סאָרט מענטש, וואָס זוכט נאָר מעלות אַפן אידן. ער שרייט נישט, באַזערט זיך נישט; ער רעדט מיט מאַקט, שילט נישט. אין געגנטייל — ער שמעלט פאַר די גרויסקייט פון אידישן פאָלק, ווי הייליק דאָס עם ישראל איז. און דאָ וואו ער געפינט נישט קיין מעלה, קריגט ער די מעלה פון דעם כלל אידן, זייער צדקות, וואוילטעטיקייט, חברות, תלמוד תורות און אַלע איבעריקע אנשטאַלטן, זייער גמילות חסדים און אַזוי ווייטער, קורץ, ער זוכט מעלות — און דאָס וואָס ער זוכט געפינט ער.

איצט וועלן מיר זען ווער פון זיי ביידן איז וויכטיקער. פראקטישער, וועלכער פון זיי קען מער אופטאן פארן פאָלק. יעדער פארנינפטיקער איד פארשטייט, אז דער צווייטער טוט קליגער, פראקטישער. ער קען גיכער עפּעס מתקן זיין ווי דער ערשטער. אט וועל איך דערקלערן דעם מאמר.

רבי אליעזר איז פּלייכט געווען פון דעם סאָרט גרויסע רבנים, דרשנים, וואָס ויינען און קלאגן און זוכן די אידישע חטאים אופצודעקן, כסדר מוסר זאָגן. „ר״א חלש — ווען רבי אליעזר איז קראנק געוואָרן, איז אריינגעקומען אים מבקר חולה זיין רבי יוחנן — עאל לגביה רבי יוחנן; חזא דהוה קא גני בבית אפל — האָט ער געזען אז רבי אליעזר שלאפט אין א „בית אפל״, כסדר ער איז אומעטיק, שטענדיק אין עצבות, זיין גאנצן לעבן האט ער זיך פארטונקלט, און כמעט ער איז אלעמאָל דער גרויסער צדיק, זוכט ער אימער די טונקעלע זייט פון אידישן פאָלק, כדי צו לערנען זיי, אז זיי זאָלן זיין בעסער. „א״ל אמאי קא בכית — פארוואָס דארפסטו אימער וויינען, אימער זיך מתרעם זיין אף אידן: זיינען זיי דען ניט גענוג פרום? איז זייער פרומקייט ניט גאנץ גענוג? פיליכט צוליב די תורה. „אי משום תורה דלא אפשת שנינו, אחד המרבה ואחד הממעיט ובלבד שיכון לבו לשמים״, וויינסטו ווייל דו האָסט גענוג תורה ניט געלערנט — דארפסטו אף דעם ניט וויינען, זיך ניט מתרעם זיין: ניט אלע קענען זיצן און לערנען, די וועלט וואָלט אף אזא ארט קיין קיום ניט געהאַט. זע דאָס אידישע פאָלק! זע זייערע צדקות, גמילות חסדים, זייערע הברות, ויפל געלט זיי גיבן אויס! ווער וואָלט געקענט לערנען ווען זיי וואָלטן ניט געשטיצט די לומדי תורה. „גלייא לדרעיה ונפל נהורא״, האָט ער אפגעדעקט פאר אים זיין ארעם, ער האָט אים געוויזן די אדישע האַנט, די צדקות — עס איז אים ליכטיק געוואָרן, ווייל ער האָט אים געוויזן די אידישע מעלות...

א״ל על האי שופרא דקא בלע בעפרא״, אף דעם וויין איך, וואָס דו, אזא טייערער אידישער מנהיג, מיט אזא הערליכע ליכט ווי דו האָסט אימער געפירט דעם פאָלק — וועסט אויך דארפן שטארבן! דאן האָבן זיי זיך ביידע צעוויינט.

פריינט! עס איז געווים אלו ואלו דברי אלקים חיים, אבער דאָך מוזט איר מודה זיין, אז דער צווייטער וועג איז א שענע־ רער, און פיליכט דער בעסערער וועג.

---

# שבת.

דער טאג שבת איז נים בלויז א טאָג פון רו. וואָלט דער צוועק פון שבת געווען נאר אויסצורוען דעם קערפער, דאן וואלט נים נויטיק געווען צו רוען דוקא דעם זיבעטן טאג פון שבת, עס וואָלט גענוג געווען דאָס יעדער איד זאָל זיך אויסקלייבן א טאג אין וואָך צו רוען, דעם טאָג, וועלכער איז פאר אים לייכ־ טער, פאסיקער און בעסער. ס׳פאַרשטייט זיך אז דאן וואלטן אלע אידן בא היינטיקן טאָג געמאכט זייער שבת זונטיק — ווי די רעפאָרמירטע אידן ווילן — און אונזער אמת׳ער שבת וואלט חס ושלום אונטערגעגאנגען. דער ריינער אמת איז, אז היטן שבת דאַרף מען נאָר דעם זיבעטן טאָג פון וואָך, שבת קדש, און נים זונטיק אדער יעדן אנדערן טאָג פון וואָך. וואָלט געווען דער טעם פון שבת היטן נאר צוליב אפרוען דעם קערפער, האָבן נאָר גע־ דאַרפט היטן שבת ארבעטער, וועלכע ארבעטן שווער א גאַנצע וואָך, אנדערע אידן וועלכע ארבעטן נים פיזישע ארבעט וואָלטן נים געדארפט שבת היטן. דער אמת׳ער טעם פון שבת איז אבער נים נאָר צוליב רו, נאָר מען זאָל אויך האָבן די מעגליכקייט צו ערווערבן קדושה פאַר דער נשמה און אנערקענען, אז שבת איז הייליק, און דער יעניקער וועלכער היט שבת לויטן שלחן ערוך, ווערט ער אויך הייליק.

און אט דער געדאנק ליגט באהאלטן אין די ווערטער וועלכע מיר לייענען אין דער תורה וואָס גאָט ברוך הוא זאגט צו משה׳ן: „ואתה דבר אל בני ישראל לאמר, אך את שבתותי תשמורו, כי אות היא ביני וביניכם לדורותיכם, לדעת כי אני ה׳ מקדשכם״. (תשא). גאָט זאָגט צו משה׳ן אז די מצוה פון שבת איז נים נאָר צום אויסרוען דעם קערפער, ניין, עס איז פיל הע־ כער, פיל וויכטיקער, עס איז צוליב דעם, אז דורך די מצוה פון שבת זאָלט איר הייליק ווערן, לדעת כי אני ה׳ מקדשכם! שבת איז א ברכה פון גאָט, און שבת איז געהייליקט בא גאָט! דער

שבת־רו איז געטלעך און אט פאר אזא געטליכע רו וועלן זיך אמת׳ע אידן מוסר נפש זיין און וועלן מקדש השם זיין — דאָס זאָגן מיר אין אונזערע שבת׳דיקע תפילות: „יום מנוחה וקדושה לעמך נתת... ועל מנוחתם יקדישו את שמך!״

און דאס זאָגט דער נביא ישעיה: אם תשיב משבת רגליך — ווען שבת וועסטו נים גיין, וועסט זיך נים פירן ווי דו פירסט זיך אויף א גאנצע וואך, — עשות חפציך ביום קדשי — ווען דו וועסט שבת נים טאן קיין זאך וואס דו ווילסט טאָן נים צוליב אפרוען זיך, ווייל שבת איז דער יום קדשי, א טאג פון קדושה, דאן איז „וקראת לשבת עונג״, וועסטו דאן פילן דעם אמתן פארגניגן וואָס א מענטש קען נאָר פילן אין לעבן. אויסער דעם גרויסן תענוג פון שבת ולקדוש ה׳ מכובד, וועסטו פילן די קדושה און דעם כבוד פון שבת. ווייל אויסער קדושה געפינט זיך אין שמירת שבת דער כבוד פון אידישן פאָלק, דערמיט איז שוין פארשטענדלעך, אז ווען דער שבת ווערט פארשוועכט עפנטלעך, ווערט דערמיט געטראטן אונטער די פיס דער אידישער כבוד, דער כבוד פון אונזער פאָלק.

דער רשע טורנוס־רופוס האָט געפרעגט ר׳ עקיבא׳ן: „מה יום מיומים? אמר לו ומה גבר בגוברין? אמר ליה דמרא צבי, אמר לו שבת נמי דמרא צבי״. (סנהדרין ס״ה). אף אידיש הייסט דאס: טורנוס־רופוס, דער רוימישער הערשער, האָט געפרעגט רבי עקיבא׳ן מיט וואָס איז שבת וויכטיקער ווי אלע אנדערע טעג? שבת איז א טאג פון רו, ווען דער מענטש קלייבט כחות צו ארבעטן אין דער צוקונפט — דארפן דאָך די אלע אנדערע טעג פון וואָך זיין וויכטיקער און הייליקער, עס דארף זיין בא זיי קדושת העבודה, ווייל אין אט יענע טעג ארבעט מען דאך פאר דעם נוצן פון דער מענטשהייט? ענטפערט אים אבער ר׳ עקיבא: ומה גבר בגוברין? וואָרום ביסטו, טורנוס־רופוס, וויכטי־ קער פון אלע אנדערע מיליאנען מענטשן איבער וועלכע דו הערשט? זיי ארבעטן דאָך מער פון דיר, פארוואָס ביסטו דוקא דער פירער פון פאָלק און נים זיי? איז דאָך דער תירוץ, ווייל דו ביסט העכער און וויכטיקער פון זיי; אט די זעלבע זאך איז מיט דעם שבת: דער שבת איז נים בלויז א טאָג פון רו, נאר א טאג פון קדושה עליונה, דערפאר איז שבת וויכטיקער פון אלע אנדערע טעג פון וואָך. טורנוס־רופוס וויל אבער נים

אנערקענען דעם אמת. פארוואס? אויב ער זאל מודה זיין אז דערפאר שטייט דער שבת העכער פון אלע אנדערע טעג פון וואך ווייל ער איז הייליקער, דאן וועט ער דאָך מוזן מודה זיין דעם ביטערן אמת וואס די גאנצע וועלט וויל ניט מודה זיין: אז אידן שטייען העכער פון אלע פעלקער פון דער וועלט, ווייל דאָס אידישע פאָלק איז א הייליקע פאלק, כי עם קדוש אתה ל׳ה אלקיך — און אזא אמת שמעקט ניט טורנוס־רופוס הרשע, דערפאר ענטפערט ער ר׳ עקיבא׳ן: דמרא צבי, ניט דערפאר בין איך דער הערשער, ווייל איך שטיי באמת העכער פון פאָלק, נאר ווייל מיין האר, דער קיסר חיל מיך; ווען ער וויל אן אנדערן, ווערט יענער דער הערשער. זאָגט אים ר׳ עקיבא: שבת נמי דמרא צבי, גאט וויל ניט קיין אנדער טאג פאר שבת, ניט זונטיק און ניט פרייטיק, נאָר דוקא דעם שבת וועלכן אידן היטן אלס שבת. נאר דער שבת און ניט קיין אנ־דערער איז אונזער שבת קדש.

און דערמיט דערקלערט זיך וואָס די גמרא זאגט: „אלמלא שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהם אומה ולשון, שנאמר, ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקט וכו׳ וכתיב בתריה ויבא עמלק וילחם עם ישראל ברפידים״. ווי באלד אז אידן זיינען מחלל שבת, צייגן זיי דאמיט אז עס איז ניטא קיין אונטערשייד פון קדושה און וואכעדיקייט, אלעס איז גלייך, איז דאָך דאן אויך ניט קיין אונטערשייד פון אידן ביז ניט־אידן, און ווי באלד אז מען נעמט צו ביי אידן די קדושה וואס זיי פארמאגן, שטייען זיי ניט העכער און פילייכט נידריקער אין מאנכע הינזיכטן פון מאנכע אנדערע פעלקער, איז דאן ויבא עמלק, דאן קומט עמלק און באקעמפט די אידן; וואלטן אבער אידן געהיט שבת, וואלטן זיי געמאכט פילן אז זיי שטייען הויך, זיי זיינען א הייליקע פאלק, וואלט די קדושה פון שבת ארויסגערופן פאר זיי דעם רעספעקט פון אנדערע פעלקער און זיי וואלטן ניט הערשן אף אידן, און אידן וואלטן דאן ניט פארקויפט זייער נשמה, זייער נאציאנאלן שטאלץ, זייער כבוד, זייער שבת, צו אלע אנדערע פעלקער. ווען מיר טראכטן זיך טיפער אריין אין די ווערטער: לא שלטה בהם אומה ולשון, — געפינען מיר אוים אונזער גרויסע טראגעדיע, אז ווען דאס אידישע פאלק היט ניט קיין שבת, הערשט אף אים אומה ולשון — פאלק און שפראך, מען אסימילירט זיך אין דעם

פרעמדן פאלק, מען מאכט נאך זײנע מנהגים, זײנע זיטן און טראדיציעס, מען פלעגט זײן קולטור און ליטעראטור, מען אסי־מילירט זיך אין זײן שפראך, דאס אידישע פאלק רעט ניט זײן נאציאנאלע שפראך — העברעאיש, נאר ער און זײנע קינדער ריידן פרעמדע לשונות: שלטה בהם אומה ולשון!

אידן! איז ניט צייט אז מיר זאלן האבן א חשבון הנפש און גוט באטראכטן וואס מיר טוען, אז צוליב די עטלעכע לאטן (ליטן, זלאטעס א. א. וו.) וואס מיר פארדינען שבת חס ושלום דערקלערן מיר אז מיר לייקענען אין גאט! זעט, רבותי, זעט אי־דישע קינדער, זעט ווי שוואך מיר זײנען, מיר זײנען געפאלן אזוי נידעריק — ווילן מיר זיך ניט קענען אופהויבן א ביסל העכער און פארשטײן די טיפע געטליכע פילאזאפיע וואס ליגט אין היטן שבת? אידישע ארבעטער! איר ארבעט אום שבת, איר קריגט דא־דורך מער געלט, איר פארדינט און פילט נעבעך ניט, אז צוליב די עטלעכע מטבעות פון חלול שבת האט איר אייער נשמה פארלארן! איר האט אייערע קינדער פארלארן, קינדער פון מחללי שבת! קינדער וואס וואקסן אוים אין שבת ווילן פרעמד בלייבן צו אייך, צו אייער פאלק, צו אייער הייליקער אמונה — פארלירט איר ניט מער וויפל איר פארדינט?

וועט איר פייאיק זײן צו קעמפן פארן שבת וועט איר פילן אז אייער לעבן איז ניט קײן פוסטער, אייער לעבן איז הייליק, אינהאלטסרייך. קײן איד איז ניט געשטארבן פון הונגער צוליב היטן שבת! עס לעבן אידן אוים זייער וועלט, מאכן חתונה קינ־דער, ניט ווינדיק ווי אזוי און פון וואנעט... אט גאט שיקט צו! דער מן איז נאך היינט אויך פא־אן... באמש ניט אלע זעען אים... דער „צנצנת המן" איז געבליבן „למשמרת עולם"... גאט גיט פרייטיק א טאפלטע פארציע פאר פרייטיק און שבת צוזאמען. וויל עס איז געשריבן: בחריש ובקציר תשבות! עס קען זיך זײן אין דיין געשעפט, אין דיין ארבעט איז איצט פיל צו טאן, עס איז א צייט פון חריש וקציר, עס איז צייט פון אקערן און זייען אז דו וועסט אום שבת ניט ארבעטן וועסטו ניט האבן פון וואנעט צו לעבן — גלויב דאס ניט! גאט, וועלכער גיט לעבן, וועט געבן צום לעבן, און וואס איז דער לעבן ווען ער איז ניט א הייליקער לעבן? בחריש ובקציר תשבות! דערפאר לאמיר קעמפן פאר שבת און הקדוש ברוך הוא וועט אונז העלפן!

רבותי! איך וויל איר זאלט מיך פארשטיין, איך וויל איר זאלט אנהויבן פילן מער, גרינדלעכער, טיפער וואס שבת מיינט פאר אונז. גאלד, זילבער, דימאנטן, בריליאנטן, שיינע מעבל, כבוד, פא־גניגן — דאס איז דא גענוג אף דער וועלט, אבער, רבותי, גאטס ברכה, וועלכע גיט די מנוחת הנפש, וועלכע בא־רואיקט די צורודערטע נערוון, די מענשליכע נשמה, די הארץ און די געראנקן, גאטס ברכה, וועלכע גיט שלום ושלוה, די פרייד פון לעבן, אפילו ווען מען איז ארעם, גאטס ברכה וועט איר געפינען נאר דארטן וואו דער שבת איז!

רבותי! לאמיר זך אלע פאראייניקן צו היטן שבת, ובזכות השבת וועלן מיר זוכה זיין צו דער גאולה. אזוי זאגט אונז דער ילקוט אין בהעלותך: „אם שמרתם נרות של שבת, אני מראה לכם נרות של ציון" — ווען איר וועט היטן די ליכט פון שבת, וועל איך אייך ווייזן די ליכט פון ציון! שוין באלד 2 טויזנט יאר זוי מיר זעען ניט די ליכט פון ציון ווירושלים. פינסטער, שרעק־לעך פינסטער!.. לאמיר אבער דערציען אונזערע טעכטער זיי זאלן צינדן די שבת'דיקע ליכט, וועלן די ליכט באלייכטן אונזער וועג... די אידישע נשמה... דעם אידישן לעבן! דאן וועלן מיר דערזען די ליכט פון ציון ווירושלים במהרה בימינו אמן!

---

# שבת.

שבת קדש! שבת איז הייליק! אן שבת קענען אידן ניט עקזיסטירן! אידן האבן געהיט שבת אין אלע צייטן און אין אלע לענדער, האבן זיך מוסר נפש געווען פאר שמירת שבת. אבער דער, וועלכער איז באקאנט מיט דער אידישער געשיכטע ווייס או מער ווי אידן האבן געהיט שבת, האט דער שבת געהיט די אידן, געהיט זיי זיי זאלן ניט אונטערגיין, זיך ניט אסימילירן, זיי זאלן ניט פארגרעבט ווערן אין גלות צווישן פרעמדע, צייטנ־ווייז אויך ווילדע פעלקער. דער שבת האט אלעמאל געהאט דעם כח צו פארוואנדלען דעם א־עמען, אומגליקליכן, געיאגטן און געפלאגטן אידן אין א בן מלך, אין א פרינץ. א גאנצע וואך — געפלאגט בכל מיני פורעניות, שבת — א בן מלך! און דערפאר זאגן אונזערע חכמים: שקולה שבת כנגד כל המצות — נעמט

אלע מצוות אף איין וואגשאל און שבת אף דער אנדער וואגשאל, וועט שבת אריבערוועגן. איר קענט גיין אין בית המדרש, לייגן תפילין, טראגן ציצית, איר קענט טאן אלע מצוות, נאָר קוים היט איר ניט קיין שבת, האבן אלע אייערע מצוות קיין טעם ניט, קיין נשמה ניט. ווייל שבת איז די נשמה פון דער וועלט, שבת איז די נשמה פון לעבן. אן שבת, חס ושלום, לעבט מען א וואכעדיקן, ביליקן, פּראָסטן קערפּער־לעבן, עס פעלט דעם לעבן א נשמה, עס פעלט דער יום־טוב פון לעבן.

די תורה זאגט אונז: „ששת ימים תעבד ועשית כל מלאכתך", זעקס טעג אין וואך זאָלסטו ארבעטן! ארבעט איז הייליק, אף ארבעט שטייט די וועלט, א מענטש איז באשאפן געוואָרן צו ארבעטן. אונזערע חכמים זאגן: „אדם הראשון לא טעם כלום עד שעשה מלאכה, שנאמר ויניחהו בגן עדן לעבדה ולשמרה (בראשית ב׳ ט״ו) והדר, מכל עץ הגן תאכל" (אבות דרבי נתן פי״א). דער ערשטער מענטש אף דער וועלט האָט גאָרנישט פארזוכט, ביז ער האָט ניט געאַרבעט. ער האָט זיך געפונען אין גן עדן ניט אף ארומגיין ליידיק, נאָר צו ארבעטן. נאָר ווען ער האָט געענדיקט זיין ארבעט, האָט מען אים דער־לויבט צו עסן. די תורה האָט געהייסן ארבעטן. ווייל ווער עס אַרבעט ניט, איז ניט בארעכטיקט צו עסן. דו טארסט ניט נעמען פון דער וועלט און גאָר ניט געבן! א מענטש מוז ארבעטן! ששת ימים תעבוד ועשית כל מלאכתך וביום השביעי שבת לה׳ אלקיך! ארבעט איז הייליק, ווען מען ארבעט זעקס טעג נאכאנאנד און מען טוט די ריכטיקע, גאנצע ארבעט וואָס א מענטש קען טאן, איז דאן ווערט פון דער קדושת העבודה באשאפן א גאלדענע פאדים וועלכע וועבט זיך אריין אין די קדושת השבת. ווען „ששת ימים תעבד" איז „ויום השביעי שבת לה׳ אלקיך"! נאָך ארבעט פון א גאנצע וואך וועסטו פילן די וויכטיקייט און הייליקייט פון שבת.

שבת רוט דער קערפּער, איז אבער טעטיק דאן די נשמה. די נשמה־ארבעט פאנגט זיך ערשט אן אום שבת. שבת איז א טאג צום שפייזן די נשמה: דאווענען, לערנען און לערנערן. שבת דארף זיין געווידמעט פאר תורה. שבת דארף יעדער איד האָבן א קאָנפערענץ מיט זיין נשמה, און דאָס איז אפשר די טיפע כונה פון מדרש: „אמרה שבת לפני הקדוש ברוך הוא: רבונו

של עולם! לכולם יש בן זוג, ולי אין בן זוג! אמר לה הקדוש ברוך הוא: ישראל בן זוגך הוא!" שבת טענה'ט צו גאט, — זאָגט דער מדרש, — יעדער טאג האט צו זיך א פּאָר, א בן זוג, איך, שבת, בין אליין, האב נים קיין פאר צו זיך, דאס הייסט: יעדער טאג פון וואך שאפט עפעס, פראדוצירט עפעס, מיליאנען מענטשן אף דער גאנצער וועלט ארבעטן יעדן טאָג פון וואך, יעדער טאג פון וואך קען זיין שטאלץ, קען אנצייגן פיל נוצלעכע זאכן וואָס זיינען אין אים אפגעטאָן געווארן — איך, שבת, טו גאר נים אוף אף דער וועלט, איך האב צו זיך קיין בן זוג נים, אין מיר שאפט מען נים, ארבעט מען נים. ענטפערט הקדוש ברוך הוא: דו, שבת, טוסט מער פון אלע טעג, דו שאפסט די נשמה פון לעבן, פון ארבעט. אן דעם שבת, אן די נשמה וואלט די גאנצע ארבעט פון די איבריקע טעג פון וואך גארנישט ווערט געווען. שבת לערנען אידן תורה א גאנצן טאג. שבת הייבט אוף דעם גייסט פון גאנצן פאלק, פון דעם אידישן פאלק. שבת איז די נשמה פון דאס אידישע פאלק, און דאָס אידישע פאלק איז די נשמה, דער גייסט פון דער גאנצער מענטשהייט, דאס איז די ממלכת כהנים וגוי קדוש! גאט האט געזאָגט דעם שבת: ישראל בן זוגך הוא! שבת און ישראל, שבת און איד זיינען פאר-איינינקט צוזאַמען, אן דעם אידן קען קיין ריכטיקער שבת נים זיין, און אן שבת קען דער איד נים זיין: דער איד איז דער בן זוג פון שבת קדש! און ווייל דער איד און שבת זיינען אייניג פארבונדן צוזאמען, מעג מען מחלל שבת זיין כדי צו ראטעווען א אידן -- פקוח נפש דוחה שבת! צוליב פקוח נפש פון א אידן דארף מען מחלל שבת זיין. „ושמרו בני ישראל את השבת, אמרה תורה חלל עליו שבת אחת כדי שישמר שבתות הרבה" (יומא פ"ה). מען איז מחלל שבת צו ראטעווען דעם לעבן פון א אידן, מחלל נאר איין שבת, כדי דער איד זאל היטן פיל מאָל דעם שבת קדש, ווייל איד און שבת איז איינס!

דער ערשטער וועלכער האט פארשטאנען די וויכטיקייט, נוצלעכקייט און הייליקייט פון שבת איז געווען משה רבנו! משה רבנו האט פארשטאנען, אז ארבעטנדיק אום שבת וועלן זיך די אידן אסימילירן מיט די גוים, זיי וועלן אזוי פארגרעבט ווערן, אז עס וועט פשוט אונמעגלעך זיין צו באפרייען זיי פון גלות מצרים. די קייטן פון שקלאפעריי וועלן זיך איינעסן אין זייערע

נשמות און דער אידישער פאלק וועט פארשווינדן פון דער וועלט. און משה באשליסט: אידן מוזן היטן שבת, דאן וועט שבת היטן די אידן זיי זאָלן ניט אונטערגיין! אין שמות רבה, פ״א, ל״ב ווערט דערציילט, אז משה האָט דערקלערט פרעה׳ן ווי וויכטיק עס איז פאר דער מלוכה פון עקאנאמישן שטאנדפונקט אז אידן זאלן היטן שבת: זיי וועלן א טאג אין וואך ניט ארבעטן, וועלן זיי אנקלייבן כחות פאר א גאנצע וואָך און דאן וועט די ארבעט זיין בעסער, גרינדלעכער. ווען די אידן וועלן ארבעטן כסדר אן אופהער, וועלן זיי אויסשטארבן און פרעה וועט זיי פארלירן אינ־גאנצן. פרעה האט איינגעשטימט מיט משה׳ן. געוויס האָט ער געוואָלט אז די אידן זאָלן רוען אין דעם טאג ווען די מצריים רוען, אבער משה האָט אויסגעפירט אזוי, אז די אידן זאָלן רוען אין דעם אידישן שבת, אין דעם שבת קדש.

מיליאנען אידישע ארבעטער און בעלי מלאכות ארבעטן ניט א טאג אין וואך, אבער צום גרויסן אומגליק ארבעטן זיי ניט זונטיק, אבער זיי ארבעטן אום שבת קדש! אט די מיליאנען אידן האבן דאך קינדער צו דערציען! ווי קענען אבער אידישע קינדער דערצויגן ווערן אלס אידן, ווען זיי זעען, נעבעך, ניט אין זייער פאטערס הויז קיין סימן פון דעם שבת קדש? ניט די מאמעס ליכט בענטשן, ניט דעם פאטערס קידוש, ניט די שבת־דיקע תפילות — ארעמע, עלנדע, אידישע ארבעטער־קינדער!

און וואו נעמט מען איצט די גרויסע נאציאנאלע פיגור, דעם איש הרוח, א משה רבנו וועלכער זאל קענען ווירקן אף די פרעה׳ס פון די אידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען און פאב־ריקן, אז די אידישע ארבעטער זאָלן ניט ארבעטן אום שבת, אז עס זאָל איינגעפירט ווערן א סיסטעם פון א 5־טאגיקע אר־בעטס־וואָך: מען זאָל ארבעטן 5 טעג לייענגערע שטונדן, כדי מען זאל אינגאנצן ניט ארבעטן שבת און זונטיק, ווייל דאס איז די איינציקע לייזונג פון דער שבת־פראגע אין אלע לענדער.

און וואס איז מכח די אידישע געשעפטן וועלכע זיינען אפן אום שבת? דער חלול הקדש, דער חלול השם איז הימל־שרייענד! מיר האבן דאך געדארפט וויינען און שרייען, אז אונ־זערע קולות זאלן שפאלטן הימלען, זאלן אופשטורמען יעדע אי־דישע הארץ! אפענער מאסן־חלול שבת! מיר האָבן דאך געדארפט זיך ארגאניזירן און בעטן יעדע אידישע פרוי ניט גיין קויפן קיין

זאך אים שבת! מיר האבן געדארפט ארגאניזירן קינדער־דעמאנ־סטראציעס קעגן דעם חלול שבת! ווען דער שבת ווערט חרוב ווערט צוזאמען חרוב דער יונגער אידישער דור, די אידישע הויז, די שול, דער גאנצער אידישער לעבן. מיר האבן געדארפט ארויסרופן א גרויסע, שטארקע, ברענענדע, פייערדיקע שבת־באַ־וועגונג, וועלכע זאָל וועקן די אידישע עפנטלעכע מיינונג, זאל מאכן אומרואיק די אידישע נשמה! אין יעדער שול האָט גע־דארפט זיין א „שבת־קאמיסיע" און אט די אלע הונדערטער און טויזנטער שבת קאמיסיעס האבן געדארפט האבן א גרויסן „שבת־פארבאנד" וועלכער זאל קאנטראלירן די טעטיקייט פאר שבת דורך א צענטראלע קערפערשאפט, וועלכע זאל האָבן פארשטייער אין יעדער שול, וועלכע זאָל קענען זיך ווענדן צו דער מלוכה. מען דארף אופהויבן די שטימע פון שבת אזוי הויך און שטארק, אז די שטימע פון שבת זאל דערשטיקן דעם חלול שבת. די אידישע פ־עסע וואלט דאן געהאט די מעגליכקייט צו אגיטירן פאר שבת. די פרומע ארבעטער, בעלי מלאכות און סוחרים האבן געדארפט ארגאניזירן א „שומרי שבת ארבעטער־פארבאנד". מיט איין ווארט, רבותי, עת לעשות היא! עס איז איצט א צייט פון טאָן, טאן פאר שמירת שבת.

יעדער איד האט געדארפט אריינשטעלן בא זיך אין גע־שעפט, ביורא אדער פאבריק די פאלגענדע פייערדיקע ווערטער פון מדרש שמות רבה: „אמר להם הקדוש ברוך הוא לישראל, אם תזכו לשמר את השבת מעלה אני עליכם כאילו שמרתם כל המצות שבתורה. ואם חללתם את השבת, מעלה אני עליכם כאילו חללתם את כל המצות". גאט האט געזאגט צו די אידן: ווען איר וועט זוכה זיין היטן שבת וועל איך אייך רעכענען גלייך ווי איר האט מקיים געווען אלע מצוות פון דער תורה, אָבער ווען איר האט מחלל שבת געווען, איז גלייך ווי איר האט פארשוועכט אלע מצוות פון דער תורה. ווען דער שבת ווערט פארשוועכט, ווערט דאס גאנצע אידנטום פארשוועכט.

רבותי! פארצייטן אין די קליינע שטעטלעך, וואו עס איז ניט געווען קיין שטעטישע פייערלייט און א שריפה פלעגט אוים־ברעכן, פלעגט יעדערער כאפן א האק מיט א עמער וואסער און לויפן לעשן די שריפה, כדי ער און זיינע קינדער זאלן ניט

פארברענט ווערן. רבותי! א שרעקלעכע שריפה האט אויסגע־בראכן — אונזער שבת קדש ווערט פארברענט! ווארט ניט אף קיינעם, פארלאזט זיך ניט אף קיינעם! זאל יעדער איד טאן וואס ער קען, זאל יעדער נעמען זיין האק און זיינע וואסער און העלפן לעשן דעם פייער פון חלול שבת, וואו מיר און די נשמות פון אונזערע קינדער ווערן פארברענט. לאמיר היטן דעם שבת, וועט דער שבת אונז היטן פון אלע שלעכטס און מיר וועלן זוכה זיין צו ישועות ונחמות, צו ביאת הגואל במהרה בימינו, אמן!

---

# שבת שובה.

היינטיקער שבת איז אן אויסערגעווייניטלעכער שבת, ער טראגט א גרויסן הייליקן נאמען „שבת שובה", ווייל אין דעם שבת לייענען מיר די ווערטער פון אומשטערבלעכן נביא הושע: „שובה ישראל עד ה' אלהיך", קער זיך אום, דו איד, צו דיין גאט! עס איז א שבת פון תשובה, א שבת פון אומקערן זיך.

שובה ישראל! קען זיך אום צו דיין הייליקן שבת! אויב מיר זיינען ניט קיין ריכטיקע שומרי שבת, זיינען מיר ניט קיין ריכטיקע אידן.

שובה ישראל! קער זיך אום צוריק צו דיין תנ"ך — תורה, נביאים וכתובים. דער תנ"ך איז אונזער געטלעכער אוצר, דער גרעסטער אוצר וואס א פאלק קען פארמאגן. יעדער ווארט איז א מתנה פון גאט, יעדער פסוק — אן אוצר פון געדאנקן, די־מענטן, בריליאנטן. די גייסטיקע אויג זעט אין יעדעם ווינקעלע פון תנ"ך א קרוין פון פערל. יעדער איד און יעדע אידישע פרוי האט געדארפט זיין קלאר דעם תנ"ך אויסוויייניק. און ווי שרעק־לעך פארנאכלעסיקט דער תנ"ך איז בא אונז! מיליאנען אידן וויסן ניט דעם תנ"ך, הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער ווערן דער־צויגן אן דעם גייסט פון תנ"ך! זיי, די גוים לערנען און שטו־דירן דעם תנ"ך, און מיר, אידן, וועלכע האבן געשאפן דעם ספר הספרים לערנען ניט און וויסן ניט דעם תנ"ך. דער תנ"ך איז דער יסוד פון אידנטום, דער טעקסט בוך פון דער מענטשלעכער ציוויליזאציע. דאס גאנצע אידנטום: משנה, גמרא, מדרשים,

ילקוטים, פוסקים און מוסר זיינען געבויט אפן תנ״ך. אן תנ״ך קען קיין אידנטום ניט זיין! לאמיר היינטיקן שבת, שבת שובה, האבן א חשבון הנפש און זיך נעמען צוריק צום תנ״ך!

שובה ישראל! צוריק צו דער גמרא! אן תורה שבעל פה קען מען בשום אפן ניט פארשטיין תורה שבכתב! די גמרא איז א פרוש, דער בעסטער פרוש אף אונדזער תנ״ך. מען קען ניט זיין א איד אן גמרא. א איד וועלכער האט ניט געלערנט גמרא איז א טרוקענער, אומוויסנדער איד. גמרא איז די נשמה פון יודנטום.

שובה ישראל! צוריק צו א כשר׳ע אידישע הויז! די אידישע קיך מוז כשר זיין! א טריפה קיך, חס ושלום, איז א טריפה הויז, טריפה נשמות, טריפה נעדאנקען, דער אידישער טיש מוז כשר זיין, מען דארף האבן א כשר׳ן שלאף-צימער, די קינדערלעך זאלן כשר זיין לויטן אידישן דין! די טהרת המשפחה זאל הייליק בלייבן; א אידישער ספר זאל זיך געפינען אין יעדער אידישער הויז, א מזוזה, תפילין, ציצית, שבת, יום טוב,—צוריק צו דער אידישער הויז!

שובה ישראל! קער זיך אום צוריק צו דיין הייליק לאנד, צוריק אין ארץ ישראל, לאמיר העלפן ווידער אופלעבן אונדזער הייליקע לאנד, לאמיר דערציען אונדזערע קינדער אין דעם ארץ ישראל—גייסט.

היינט דארף מען תשובה טאן אויף אלע שבתים פון יאר. עס איז דער לעצטער שבת וואס ער איז פאר דעם יום הדין הגדול והנורא-יום הכפורים. ווען מיר וואלטן שבת געהיט, וואלטן מיר קיין מורא ניט געהאט פאר דעם יום הדין, אפילו מיר זיינען א גאנץ יאר „עובדי עבודה זרה״ צום „עגל הזהב״—דעם לאט (ליט, זלאטע א. א. וו.) און מיר וואלטן כאטש שבת ניט מחלל געווען, געהיט זיך ניט עובר צו זיין אף די ל״ט מלאכות, וואלטן מיר ארויס געגאנגען זכאים בדין, ווי חכמים זאגן: „כל השומר שבת כהלכתו, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו״.

און דאס זאגט ר׳ עקיבא, אידאלעך, זייט וויסן צו היטן כאטש דעם שבת פון עובר זיין די ל״ט מלאכות וועט איר זיין זכאים בדין, „אשריכם ישראל״ גליקלעך זייט איר אידן, אז גאט ב״ה האט אייך געגעבן אזא מתנה ווי שבת קודש, וואס מיט היטן

שבת איז מען איך מכפר אלע עבירות אייערע, אשריכם ישראל. ווען איר האט דעם "לפני מי" דאס הייסט "לפני" בעפאר "מי" — בעפאר דעם ווארט "מי". בעפאר דעם מ"ם איז דאך א למ"ד, בעפאר דעם יום י"ד פון ווארט "מי" איז דאך א ט"ית. למ"ד און ט"ית צוזאמען איז ל"ט — דאס זיינען די 39 מלאכות וואס מען טאר ניט עובר זיין אף זיי אום שבת. אויב איר וועט היטן דעם "לפני מי" — איז געווים "אתם מטהרין", וועט איר געחים געריי-ניגט ווערן.

---

# שבת הגדול

היינטיקער שבת איז נים א געוויינלעכער שבת, דעם שבת רופט מען דער גרויסער שבת, שבת הגדול. מיר ווייסן דאך דעם אמת אז יעדער שבת איז גרוים. איז דאך די פראגע פארוואס רופט מען עפעס דיזן שבת — שבת הגדול? עס זיינען דא פיר דערקלע-רונגען אף דעם.

ערשטענס: ווייל בשעת די אידן זיינען ארוים פון מצרים, האבן זיי גענומען דעם קרבן פסח 10 טעג אין חודש ניסן, וועלכער איז דאן אויסגעפאלען אום שבת, דער שבת פאר פסח. אידן האבן זיך דערשראקן און האבן געזאגט: הן נזבח את תועבת מצרים לעיניהם, ולא יסקולונו? (שמות ח"כ"ב) איז דען מעגלעך אז מיר וועלן שעכטן זייער גאט — דער גאט פון מצרים איז געווען א שעפס — און זיי וועלן אונדז נים פארווארפן מים שטיינער? האט גאט ב"ה געזאגט צו די אידן: איר וועט זען די וואונדער וואס איך וועל טאן מיט אייך! ווען די מצרים האבן געזען אז די אידן וועלכע זיינען זייערע שקלאפן, שלעפן די שעפסן און בינדען זיי צו צו די פיסלעך פון זייערע בעטלעך בכדי זיי זאלן ווארטן ביזן 14-טן טאג פון ניסן אום צו געשאכטן ווערן פאר א קרבן פסח זיינען זיי, די מצריים, ווילד געווארן און געוואלט מאכן א שחיטה אף אידן. נאר זיינען צוליב א נס שוואך און מאכטלאז געווארן און די אידן זיינען געבליבן גאנץ. צוליב דעם גרויסן נס וואס האט פאסירט יענעם שבת פאר פסח רופט זיך פון דעמאלסט אן דער שבת פאר פסח — שבת הגדול. דער "גדול" מיינט דער גרוי-סער נס.

צווייטנס: ווייל אין דיזן שבת פארבריינגט דער עולם כמעט דעם גאנצן טאג אין שול. אינדערפרי דער דאווגען און פיוטים, ביטאג גייט מען הערן די דרשה פון רב. דער רב וועלכער זאגט ניט קיין דרשות א גאנץ יאר האלט אבער א לאנגע דרשה אום שבת הגדול. דערפאר רופט מען דעם שבת דער גרויסער שבת. דורך פיוטים און דרשות ווערט ער גרויס—שבת הגדול.

דריטנס: דער שבת פאר פסח איז בא יציאת מצרים אויס־געקומען 10 טעג אין ניסן. יענעם שבת האט מען אנגעזאגט די אידן נעמען דעם קרבן פסח און זיי האבן געמאכט א גוטן אנ־הויב. זיי האבן יענעם שבת אנגעפאנגען טאן מצוות. אזא טאג רופט זיך א גרויסער טאג, דערפאר רופט זיך דער שבת שבת הגדול.

פירטנס: שבת פאר פסח לייענט מען אין דער הפטרה פון נביא מלאכי: „הנה אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ה׳ הגדול והנורא". יום ה׳ הגדול מיינט מען שבת הגדול. א טאג וואס אין אים לייענט מען וועגן די ארבעט פון אליהו הנביא, אז „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם"—די הארץ פון די עלטערן און די הארץ פון די קינדער וועלן זיך פאראייניקן, דער יונגער אידישער דור וועט זיין אזוי אידיש ווי דער אלטער דור איז געווען—אזא טאג, ווען ער וועט קומען, און אזא שבת, וועלכער רעט וועגן געבן אונדזערע קינדער א גוטע דערציאונג, איז ניט קיין געוויינטלעכער שבת—עס איז שבת הגדול!

דער מדרש און ילקוט זאגן: „אם אין ישראל עושים תשובה אין נגאלים, ואין עושים תשובה עד שיבא אליהו!". א טיפער גע־דאנק! עס קען ניט זיין די גאולה אן תשובה. דאס פאלק, אזוי ווי ער איז איצט, וועט ניט קענען בויען און אפלעבן ארץ ישראל. סיידן דאס פאלק וועט אנדערש ווערן, פרומער ווערן, בעסער ווערן, נאציאנאלער ווערן, פילן די נויטיקייט פון דער גאולה, און דאס קען ניט זיין סיידן דער יונגער דור וועט געניסן אן אמת׳ע אידישע דערציאונג, וועט ברענען מיט הייליקן פייער פון אופלע־בונג פון החזקת התורה והיהדות. דאס מיינט דער מדרש: „אין עושים תשובה עד שיבא אליהו," ווען אליהו וועט פאראייניקן דעם יונגען דור מיט דעם אלטן און דאס קומט נאר דורך: א גוטע אידישע דערציאונג, דאן וועט דאס אידישע פאלק אנדערש ווערן.

דער מדרש זאגט: אידן טענ'ן צום רבונו של עולם: ביי דער ער־שטער גאולה האסטו אונז נעשיקט צוויי—משה ואהרן, בא דער איצטיקער גאולה שיק אונז ווידער צוויי—ליכט און אמת! זאגט גאט ב"ה; איך וועל שיקן: אליהו הנביא און משיח„. אליהו וועט פאראייניקן דעם אלטן און יונגען דור דורך דעם ליכט פון דער תורה און משיח וועט אויסראמען דעם שקר פון דער וועלט, ווייל דארט וואו שקר איז קען קיין גאולה ניט זיין, משיח וועט פאר־שפרייטן דעם אמת, חותמו של הקדוש ברוך הוא, אף דער גאנ־צער וועלט.

---

# שבת חזון

היינטיקן שבת לייענען מיר אין דער הפטרה די שטארקע הייליקע ווערטער פון ישעיה הנביא. דער גרויסער נביא שטראפט און איז מתרה די אידן זיי זאלן זיך אומקערן פון זייער שלעכטן וועג. ער דונערט מיט זיין נביאישע שטימע און רופט צום הימל און צו דער ערד, די נאטור און מענטש זאל הערן גאט,ס ווארט. דער נביא שליידערט דעם פאלק אין פנים דעם גרויסן, שרעקלעכן ביטערן אמת. ער רופט אים מיט דעם נאמען גוי חוטא! עם כבד עון! בנים משחיתים! זינדיקער פאלק! איר האט פארלאזן גאט. אייער לאנד וועט ווערן וויסט, אייערע שטעט וועלן פאר־ברענט ווערן, פרעמדע וועלן צונעמען אייער לאנד, ווייל אייערע הענט זיינען פול מיט בלוט וואשט זיך! ווערט ריין! טוט תשובה! דער גרויסער נביא שטראפט אויך די אידישע פרויען ווייל זיי האבן זיך אסימילירט, זיי זיינען ניט געווען געגנוג אידיש. וואלטן מיר דאן געהאט ריכטיקע גוטע אידישע פרויען וועלכע פארמאגן אידישן גייסט, אידישע הערצער, אידישע נשמות וואלט ארץ ישראל ניט חרוב געווארן! ווען אבער די אידישע טעכטער האבן גענומען קוקן אף פרעמדע, דאן איז געקומען דער הורבן. דער נביא זאגט; „ויאמר ה' יען כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון ומשקרות עינים, הלוך וטפוף תלכנה וברגליהם תעכסנה"—די אידישע טעכ־טער אין יענער צייט זיינען פארדארבן געווארן, זיי פלעגן זיך פוצן, פארבן, פודרען זיך און געברויכן פארשיידענע מיטלען גע־

פעלן צו ווערן מענער, ניט נאר אידישע, נאר אויך מענער פון פרעמדע לענדער, די אידישע טעכטער, דערציילן די חכמים ז״ל, האבן באגעגנט די שונאים אויסגעפוצטע מיט אפענע ארעמס... נאט, נעמט אונז צו זיך! אט דא ליגט די שרעקלעכע סבה פון חורבן! א פאלק וואס האט אזוינע טעכטער האט געמוזט אוועקגיין אין גלות! אויך אין אונזערע צייטן איז די אידישע טאכטער ניט ווייט פון אירע עלטער — באבעס פון ישעיה הנביא׳ס צייטן, זי איז פרעמד דעם אידישן גייסט, דער אידישער קולטור, זי אסימי־לירט זיך, שטרעקט אוים אירע ארעמס דעם פרעמדן מאן. און ווען מיר ווילן צוריק אופלעבן אונזער פאלק, אונזער לאנד, דעם גייסט פון אונזער הייליקע תורה, די העברעישע שפראך, דאן מוז מען פריער אופלעבן די אידישע טעכטער, מיר מוזן געבן א גוטע אידישע דערציאונג צו אונזערע טעכטער. אן אן אמת׳ע אידישע דער־ציאונג קענען מיר ווייטער ניט עקסיסטירן.

אין היינטיקער סדרה לייענען מיר. „אלה הדברים אשר דבר משה״, דברים מיינט אין העברעיש שטארקע, שארפע ווער־טער. משה רבנו, דער גרעסטער איד און דער גרעסטער מענטש פון דער גאנצער וועלט, איז ניט געווען קיין רעדנער. „לא איש דברים אנכי״, האט משה געזאגט, איך בין ניט קיין מאן פון ווערטער, נאר פון מעשים! ווען אבער דער מאמענט פאדערט אויך ווערטער, ווערט משה רבנו א שטארקער ווארט־פיהרער, א געט־לעכער רעדנער און — אלה הדברים אשר דבר משה! משה רעט און שטראפט דאס פאלק! און ווען משה רבנו, ישעיה הנביא און ירמיה הנביא ריידן צום פאלק, צו דער אידישער הארץ, און די הארץ פילט ניט, דאן קומט דער חורבן, דער חורבן פון לאנד, דער חורבן פון בית המקדש, דער חורבן פון פאלק!

דער מדרש דערציילט: תשעה באב ביינאכט איז אברהם אבינו אריין אין קדשי קדשים, האט אים גאט אנגענומען פארן האנט און האט מיט אים שפאצירט; פרעגט אים גאט: וואס טוט מיין פריינט אין מיין הויז? זאגט צו אים אברהם: רבונו של עולם! וואו זיינען מיינע קינדער? ענטפערט גאט: זיי האבן געזינדיקט און איך האב זיי פארטריבן צווישן די פעלקער, זיי ליידן א שרעק־לעכן גלות. זאגט אברהם: זיי זיינען דאך אבער אידן זיי זיינען מל זייערע קינדער! ענטפערט גאט: אפילו די מצוה פון מילה

זיינען זיי ניט מקיים. "פרעגט זיך, שוין זיינען דען אידן ניט מקיים די מצוה פון מילה? אברהם האט געזאגט צו גאט: היה לך להכּיט בּבּרית מילה שבבשרם, דאס הייסט, ווען זיי האבּן ניט קיין גייסט מיינע קינדער האבּן זיי דאך לכל הפּחות א היילעקן קערפער, זיי זיינען דאך מל זייערע קינדער? ענטפערט גאט: חייך כפרו בה, שנאמר ובשר קודש יעברו מעליך, דארט וואו קיין גייסט איז ניטא, דארט קען ניט זיין א היליקער קערפער", און דארט וואו גייסט איז ניטא, הערשט א שרעקלעכע ברוטאלע מאטעריאליסטישע קראפט. און ווען דער גייסט פון פאלק איז אין גלות קען קיין השראת השכינה ניט זיין!

דער מדרש זאגט: "קרא עלי מועד לשבור בחורי — מצינו שסלוקן של בּחורים קשה כחורבן בּית המקדש" (מ"ר איכה, פ"א) איך האב שוין פריער אופגעוויזן, אז צוליב די טעכטער פון ציון האבּן מיר געמוזט גיין אין גלות. עס איז נאך א גליק, וואס די אידישע מענער פון יענע צייט האבּן געפילט זייער פליכט און פארגאסן זייער לעצטן טראפּן בּלוט צו פארטיידיקן דעם כבוד און פרייהייט פון אידישן פאלק און אידישן לאנד. די וועלט איז דערשטוינט געווען פון די העלדענטאטן פון די גבורי ישראל. די אידישע מענער זיינען געווען שטאלץ, נאציאנאל שטאלץ און דאס האט געראטעוועט דעם פאלק פון א גענצלעכן חורבן. וואלטן די טעכטער פון ציון געווען אזוי שטאלץ, וואלטן מיר קיין חורבן ניט געהאט. אבער היינטיקע צייטן איז "סלוקן של בחורים"! אונזערע בחורים, אונזער יוגענד גייט אוועק פון אונז, זי אינטערעסירט זיך ניט מיט אונזער פאלק. די בחורים ווערן לעבּעדיק נסתלק פון אונז. סלוקן של בחורים: אזא אומגליק איז ניט קלענער ווי דער אומגליק פון חורבן בּית המקדש. ווען די אידישע יוגענד ווערט חרוב איז קרא עלי מועד לשבור בחורי! אונזערע בחורים בּאזיצן צובראכענע אידישע נשמות זיי ווערן אפּגעבּראכן פון דעם אלטן היליקן אידישן פאלק!

מיר דארפן דערפאר געבּן א גוטע אידישע דערציאונג צו אונזערע זין און טעכטער און דאן וועלן מיר זוכה זיין בּישועתה של ישראל ובתחית האומה על אדמתה. אמן! ואמן!

---

# לפרשת שקלים.

דער שקל איז מרמז — זאגן ספרים — אף אחדות. מען דארף געבן ניט קיין גאנצן שקל, נאר א האלבן. א מחצית השקל, כדי צו באווייזן אז יעדער איד פאר זיך אליין איז נאר א העלפט, ניט קיין גאנצער איד, נאר דאן ווען ער פאראייניקט זיך מיט דעם כלל ישראל ווערט ער גאנץ. און דאס זאגן די חז"ל אז דער שקל קומט מכפר צו זיין אף די ברידער וועלכע האבן פארקויפט זייער ברודער יוסף, על שמכרו בכורה של רחל (ירושלמי שקלים פ"ב. ילקוט), דארט וואו א ברודער פארקויפט א ברודער, דארט וואו עס הערשט שנאת חנם, פרוד לבבות, קומט דער שקל מכפר זיין און ער רופט צו אחדות.

די גרעסטע און בעסטע מדה בא אונז אידן דארף זיין שלום דער שלום מאכט אונז גליקלעך, דער ניט—שלום מאכט אונז אומגליקלעך, צוליב ניט — שלום זיינען אונזערע עלטערן ארומ-גע-גאנגען אין מדבר פערציק יאר, צוליב זייערע מחלוקת האט דער דור המדבר מבן עשרים שנה ומעלה ניט געקענט אריינקומען אין ארץ ישראל. נאר זייערע קינדער זיינען אריין אין לאנד, צוליב דעם ניט — שלום איז געווארן ירבעם בן נבט א קעניג אף ישראל, ירבעם האט געזנדיקט און געמאכט זינדיקן כל ישראל, צוליב דעם ניט שלום און שנאת חנם, וואס זיינען איינג פארבונדען, איז חרוב געווארן אונזער לאנד, און דער בית המקדש, צוליב ניט שלום זיינען מיר שוין באלד צוויי טויזנט יאר אין גלות, אפילו אין אונזערע שולן און בתי מדרשים הערשט ניט -- שלום און שנאת חנם: הכלל, אם אין שלום אין כלום, און ווען עס וואלט זיין בא אונז שלום, וואלטן אף אונז קיין שליטה געהאט כל אומות מזרח ומערב.

עס זיינען פאראן אייניגע אגודות, וואלט דען ניט גלייכער געווען אז עס זאל זיין שלום? קענען דען ניט ווערן זיי אלע אגודה אחת? אף דעם זאגט די גמרא (יומא נ"ג): צריך שיפסיע ג" פסיעות אחריו ויתן שלום". וואלט ניט מער געפאסט צו זאגן „ויאמר שלום" אנשטאט „ויתן שלום"? אבער דאס מיינט אז יעדערער פון אייך דארף מקיים זיין „יפסיע ג" פסיעות אחריו" דאס הייסט ניט אזוי קוקען ווער און וואס שטייט פאר אים, מוותר זיין

פון אייערע פרינציפן, ניט קוקן אף כבוד, חכמה, תורה — מפני דרכי השלום. עס שטייט ניט „ויאמר שלום" יוצא זיין מיטן זאָגן שלום, נאָר „ויתן שלום", שלום געבן, — שלום איין אגודה צו דער צווייטער, אלע אגודות צוזאמען, דאן וועלט זיין „ויעשו כלם אגדה אחת ולעבדו בלבב שלם"

די גמרא זאָגט: „אמר רבן שמעון בן לקיש, גלוי וידוע לפני הקדוש ברוך הוא שעתיד המן הרשע לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהם לשקלו של המן", פארוואָס האָבן די שקלים פון המן געמאכט אזא געפערלעכן רושם, אז עס האָט געהאלטן גאר ניט ווייט פון אומברייננגען אלע אידן ווען וועלכע האָבן געלעבט אין מלכות אחשורוש? וויל המן האָט געזאָגט אחשורוש'ן אז זיינע שקלים וועלן ווירקן און זיי וועלן אויספירן אלץ וואָס ער וויל. און גאָט ב"ה האט געוואוסט אז המן גייט אומברייננגען די אידן דע־ריבער האָט ער מקדים געווען אנצוזאָגן די אידן זיי זאָלן געבן שקלים, דעם מהצית השקל, כדי אפצושוואכן דעם אנטיסעמיטס שקלים. המן דערקלערט דעם קעניג: זיי ווייסן אז דו ביסט איצט פטור פון די אידן, דו דארפסט פאר זיי קיין מורא ניט האָבן אז זייער גאָט וועט זיך נאכהער אָפרעכנען מיט דיר, אזוי ווי ער האָט זיך אָפגערעכנט מיט די פריהערדיקע מלכים וועלכע האָבן אידן שלעכטס געטאָן. פרעגט אחשורוש: פארוואָס? ענטפערט המן: וויל „ישנו עם אחד מפוזר ומפורד", די אידן זיינען צוריסן צווישן זיך, זיי האָבן קיין אחדות נים, עס איז קיין אחדות אפילו צווישן זיי־ערע רבנים, אין זייערע שולן א, א. וו., דערפאר גיב איך דיר פאר יעדן אידן א שקל כדי צו ווייזן אז בא אונז איז דוקא דא אחדות. דער רבונו של עולם האט אָבער צוגעשיקט די רפואה פאר די מכה, האָט ער געהייסן געבן שקלים פארן בית המקדש, כדי צו צושטערן מחשבת המן בן המדתא. פרעגט זיך פון וואנען וואָלט המן גענומען די עשרת אלפים ככר כסף, כדי פטור צו־ווערן פון אידן? דער וואָס קען אונזער געשיכטע ווייס. אז מיר אידן האָבן אוועקגעגעבן אין גלות אונזערע שונאים מיליאנען ככר כסף, כדי מען זאָל אונז ניט אויסהרגענען. פאר די המן'ס גע־פינט זיך געלט: זיי מאכן א פאגראָם אף אידן, מען צעראבירט אידישע האב און גוטס און דורכדעם גאראנטירט המן אז „עשרת אלפים ככר כסף אשקול להביא אל גנזי המלך", די שחיטה אף אידן וועט שוין אריינברייננגען אין מלוכה אוצר די געלט. ווען מען

בעם בא אונזערע אידן עשרת אלפים ככר כסף צו בויען אונזער הייליק לאנד, צו אופלעבן דאס אידנטום — ווילן זיי ניט געבן, עס איז שווער צו קריגן פון זיי געלט. פאר המן'ען וועט זיך שוין געפינען, פאר רייך מאכן אונזערע שונאים וועט זיך שוין געפינען פאר א לוקסוס — לעבן און אומנוצלעכע אויסגאבן וועט זיך שוין געפינען, דערפאר האט דער רבונו של עולם כקדים געווען המנ'ען און געהייסן די אידן געבן שקלים אפן בית המקדש. ווען זיי פארשפארן צו געבן שקלים פאר אונזערע שונאים, פאר המנ'ען.

לאמיר איצט אלע געבן אונזערע שקלים פאר אידישע דערציאונג, פאר צדקה, פאר ארץ ישראל, פאר פארשטארקען אידנטום, וועלן מיר דאן זוכה זיין צו געבן געלט פאר אונז און ניט פאר די שונאי ישראל, דאן וועט זיין ווי מיר האָבן היינט געזאָגט אין די יוצרות פון היינטיקן שבת:

שקל אשא בבית נכון רם ונשא.

---

# לפרשת זכור.

היינטיקן שבת לייענען מיר די פרשה פון זכור את אשר עשה לך עמלק, געדיינקט וואס עמלק האט דיר געטאן ווען דו ביסט ארויס פון מצרים! ער האָט דיר פאַרפאָלגט, געוואָלט דיר אומברייינגען, דערפאר זאלסטו אָפּמעקען זיין אָנדיינקונג: דערפאר לייענען מיר יעדען יאָר די פרשה פאַר פורים, כדי דערמאָנען זיך אויף אונזער שרעקלעכן שונא עמלק וואָס פון אים איז ארויסגעקומען המן הרשע. שווימט אָבער ארוף די קשיא: פון איין זייט שטייט געשריבן „זכור את אשר עשה לך עמלק" און פון דער אנדער זייט „תמחה את זכר עמלק", געדיינק עמלק'ן און מעק אָפּ זיין אָנדיינקונג! איז דארוף דאָ א דערקלערונג. ווען גאָט האָט געזאָגט צו משה'ן; כתב זאת זכרון בספר, פארשרייב אין דער תורה פאר אן אייביקן אָנדיינקונג די געשיכטע פון עמלק, האָט משה געזאָגט: רבונו של עולם! הצדיקים כתוב בכם זכרון? אמר ליה הקדוש ברוך הוא, חייך, זכרונם של צדיקים כדי ליתן להם מתן שכרן לעתיד לבא, זכרונם של רשעים, כדי ליפרע מהם ולמחות את

שמם״ (פסוקתא, שם), משה רבנו וואונדערט זיך, צו וואס געדיינקן עמלק׳ן? געדיינקן דארף מען א צדיק, אָבער ניט א רשע! דער־קלערט אים גאָט ב״ה אז מען דארף ביידן געדיינקען, די צדיקים צו באצאָלן זיי פאר זייער גוטסקייט אין דער צוקונפטיקער וועלט, און די רשעים — אָפצומעקן זייערע נעמען. מען דארף דעם רשע אויך געדיינקען, זכור את עמלק, אבער אז אָך און אז ווי איז צו אזא געדיינקען — ימח שמו ונמח זכורו! — מען דארף געדיינקען אָפצומעקן זיין נאמען פון דער וועלט.

ניט אומזיסט שטייט געשריבן „מלחמה לה׳ בעמלק מדר דר! די מלחמה הערט ניט אוף. דער עמלק־גייסט איז נאָך געבליבן ביזן היינטיקן טאָג. די מלחמה טאר ניט אופהערן, ווייל עמלק — זאגט דער מדרש — האט געוואלט קעמפן מיט דער אידישער אמונה, מיט גאט, נתגאה על הקדוש ברוך הוא בחרופיו וגדופיו (במדבר רבה, פרשה י״ג) און די תורה זאגט; ויזנב בך כל הנחשלים אחריך, די וואס זיינען שטארק אין אמונה יענע קען עמלק׳ס גייסט ניט שאדן, אבער די נחשלים, די שוואכזיניקע וועלכע האבן ניט קיין פעסטע אייגענע מיינונגען, איבערצייגונגען, א וועלט אנשויאונג, די שוואכע וועלכע קענען לייכט באיינפלוסט ווערן פון אגיטאטארס און פראפאגאנדיסטן מכל המינים, אט די נחשלים וועמעס צאל איז אומגעהויער גרוים, אט זיי נעמט צו עמלק פון אידישן גלויבן און פון אידישן פאלק.

און דאס איז דער טיפער געדאנק פון די חז״ל וועלכע האבן געזאגט: שהיה עמלק נכנס תחת כנפי ענן וגונב נפשות מישראל והורגן (מכילתא פ׳ ישרה, פסיקתא) ווען דער איד געפינט זיך אונטער די פליגלען פון ענן איז ער געראטעוועט. דער ענן, דער וואלקן באגלייט דעם אידן זיין גאנצן לעבן, דער ענן און דער איד זיינען שטארק פארבונדען, אבער דארט וואו דער איד פארלאזט דעם וואלקן, פארלאזט דעם אידישן פאלק, גייט ער ארי־בער צו עמלק׳ן. עמלק פלעגט אריינקריכן אין וואלקן, אין דער אידישער מחנה און מיט זיין אנטירעליגעזע אגיטאציע גאנ־בענען נפשות מישראל, ניט קיין געלט און ניט קיין קערפערס, נאר דוקא נפשות, אידישע נשמות, וועלכע פלעגן זיך דערווייטערן פון גאט און פון אידישן פאלק און אריינגעשלעפט ווערן אין דעם עמלק — לאגער. עמלק פלעגט יענע נשמות דערהרגענען, זיי

פלעגן ווערן טויטע נשמות. עמלק איז געוואָרן דער סימבאָל פון דעם יעניקן וועלכער וויל חרוב מאַכן די אידישע אמונה און דער־פאַר מוז מען אים אפמעקן פון דער וועלט.

די גרעסטע געפאַר ליגט אין דעם עמלק — גיפט פאַר די יונגע אידישע קינדער, פאַר דעם צוקונפטיקן אידישן דור, פאַר זיי ווערן געעפנט ראַדיקאַלע שולן, וואו זיי לערנען אַלץ, אָבער ניט קיין תורה ניט קיין אמונה. מען רייסט אַרויס פון די צאַרטע יונ־גע קינדערשע נשמות דעם לעבעדיקן אידישן גאָט, מען גנב'עט צו די נפשות מישראל והורגן... אַ אידישער קינד וועלכער ווערט דערצויגן אָן גאָט אין האַרצען וואַקסט ער אויס אָן אַ האַרץ מיט אַ קראַנקע צוריסענע נשמה! און דערפאַר זאָגט די תורה „מלחמה לה' בעמלק מדר דר". די מלחמה מיט עמלק'ן איז אַ רעליגיעזע, געטלעכע און זי דאַרף אנגעפירט ווערן פון דעם על־טערן דור ביז צום יונגן. דאָס איז אַ מלחמה אויף דורות! גע־ווינען די מלחמה קענען נאָר די תינוקות של בית רבן, אונזערע קליינע קינדער וועלכע שטודירן די תורה, גאָטס תורה. און ווילן מיר דערציען אַ נייעם דור וועלכער זאָל זיין פעאיק צו באַקעמפן דעם עמלק — גייסט, מוזן מיר זען, אַז אונזערע קינדער זאָלן ענטוויקלען ניט נאָר זייער שכל, זייער מאַרך, נאָר אויך זייער האַרץ זיי זאָלן לערנען ניט נאָר טרוקענע למודים, נאָר מען זאָל זיי דערציען אַלס צוקונפטיקע פייערדיקע אידן, ניט נאָר מאַרך—אידן זאָלן זיי זיין, נאָר אויך האַרץ — אידן. די גמרא זאָגט טאַקע אויף דעם פסוק „והיה כאשר ירים משה ידו וגבר ישראל וכאשר יניח ידו וגבר עמלק", ווען משה האָט אויפגעהייבן די האַנט הויך, האָט דער איד זיך געשטאַרקט און ווען משה האָט אַראָפּגעלאָזן די האַנט האָט עמלק זיך געשטאַרקט — צו קענען משה'ס הענט ברעכן מלחמות אָדער טאָן מלחמות? וואָס דען, כל זמן שישראל מסתכ־לין כלפי מעלה ומשעבדים את לבם לאביהם שבשמים היו מתגברים, ואם לאו היו נופלים (ראש השנה כ"ט), ווען אידן האָבן זיך געווענדעט מיטן האַרצן צו גאָט, האָבן זיי באַקעמפט עמלק'ן אָבער ווען די האַרץ איז ניט צו גאָט, האָבן זיי אַ מפלה געהאַט. דער עיקר איז די האַרץ, די אידישע האַרץ! משה האָט געקעמפט מיט עמלק'ן, אָבער ד״ר קאַמף איז געווען זייער שווער: „וידי משה כבדים", די הענט פון דעם גרויסן געטלעכן קעמפער זיינען שווער, באַקעמפן עמלק — גייסט, צוגרייטן אַ פאָלק צו

דער גרויסער הייליקער ארבעט איז „שווער. „ויקחו אבן", האט מען גענומען א שטיין. פרעגט די גמרא: האט דען משה ניט געהאט א קישן אף וואס זיך צו זעצן, צוזואס האט ער גענומען א שטיין? ענטפערט די גמרא, אז משה רבנו האָט אזוי געזאָגט: אידן זיינען איצט אין צער חעל איך אויך זיין א שותף אין זייער צער און זיך זעצן ניט אף א ווייכן קישן נאר אף א הארטן שטיין. די גמרא באמערקט דערביי, אז ווען דער אידישער עולם איז אין צער זאָל קיין איד ניט זאָגן וואס ארט מיך אז זיי איז ניט גוט אבי מיר איז גוט, דאס טאָר מען ניט. דער וואָס איז זיך מצער מיטן עולם וועט הערלעבן צו פרייען זיך מיט דעם עולם (תענית י"א.) דער שטיין וואָס איז דער סימבאל פון אידישן צער, פון אידישן קרעכץ איז מסגל צו שאפן א גואל... א קעמפער. „ואהרון וחור תמכו בידיו", אהרן, דער כהן גדול, דער רעליגיעזער פאָר-שטייער פון פאָלק, און חור, דער גרויסער נאציאנאליסט, דער קעמפער פארן אמת, וועלכער האָט מיטגעארבעט מיט זיין אנקעל משה צו באפרייען די אידן, וועלכער האט ניט געוואָלט לאזן די אידן דינען דעם עגל הזהב, פארוואָס די אידן האָבן אים דער-הרגעט. אי אהרן, אי חור האָבן געשטיצט מאראליש משה'ן אין זיין קאמף מיט עמלק'ן, מזה אחד ומזה אחד, וויל זיי ביידע האָבן טיף געגלויבט אין אחדות הבורא. אז ה' אחד! גאָט איז איינער. אחד, מזה אחד ומזה אחד!... דערפאר שטייט טאקע גלייך: ויהי ידיו אמונה עד בא השמש. איז די שטארקייט פון משה'ן, פון דעם אידן נאר אין זיין שטארקער טיפער אמונה, עד בא השמש. ביז די זון וועט קימען און עס וועט ליכטיק ווערן אף דער וועלט, די שטראלן פון גאטהייט וועלן ליכטיק מאכן די וועלט בכלל, אין די מענטשלעכע נשמה בפרט... אשרי המחכה ויגיע לימים אלה!

---

## לפרשת פרה.

די מצוה פון פרה אדומה איז אומפארשטענדלעך פארן פשוטן אידן. די גרעסטע אידישע דיינקער און פילאזאפן האָבן איינגעשטימט, אז די אומפארשטענדלעכע מצוה איז פול מיט סודות התורה, זי אנטהאַלט אין זיך טיפזיניקע געטלעכע געדאנ-

קען. דערפאר זאָגן די חז״ל: „גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה״, דאס איז א גזירה פון גאט און טראכט ניט! (פסוקתא, פרשת פרה). ר׳ לוי אין מדרש גיט יא א טעם, אז די פרה אדומה איז מכפר אף די זינד וואס אידן האבן געדינט צום עגל הזהב.

מיר ווילן זיך ניט ארייןלאזן אין פילאזאפיע, אבער איך וועל זיך דערלויבן צו זאָגן אז אין דעם ענין פון פרה אדומה, וועלכע איז מטהר די וואס האבן זיך טמא געמאכט, ווייל זיי האבן זיך אנגערירט אן א טויטן, — ליגט באהאלטן א שיינער געדאנק:

עס געפינען זיך ליידער אסך מאָדערנע, אסימילירטע און ראדיקאלע אידן, וועלכע גלויבן ניט אז דער אידישער פאלק וועט צוריק אויפלעבן אלס שטארקער, קולטורעלער, זעלבסשטענדיקער פאלק; זיי גלויבן ניט אז אונזער לאנד ארץ ישראל וועט צוריק אויפ־לעבן אלס אידישע לאנד; זיי גלויבן ניט אז ה־עברייאיש וועט צוריק ווערן א לעבעדיקע נאציאנאלע שפראך; זיי גלויבן ניט — אט די אומגליקלעכע אידן — אז די אידישע תורה וועט מוזן ווערן אין דער צוקונפט א תורת החיים, די תורה פון דעם אלטעגלעכן לעבן, ווייל ווען ניט וועט די וועלט זינקן מאראליש און מענטש־ליך אזוי נידעריק, אז זי וועט פשוט ניט קענען עקסיסטירן. אט די אלע גאטלאזע, ניט־גלויבער, רויטע, ראדיקאלע, אסימילירטע אידן זיינען, נעבעך, טמא. זיי האבן מטמא געווען זייער נשמה דורך דעם וואס זיי רירן זיך אן אן א טויטן, טויטע אידן, טויטע אידנטום, טויטע תורה, טויטע לאנד — אלץ איז בא זיי טויט! ווייל דער טויט געפינט זיך אין דער טיפעניש פון זייער אייגענער נשמה. די חז״ל האבן מסדר געווען צו לייענען די פרשה פון פרה אדומה נאך פורים, און פרשת זכור פאר פורים, כדי ניט צו פארגעסן, אז ניט עמלק און ניט המן האבן געקענט פאר־ניכטן די אידישע אמונה און דאס אידישע פאלק. מען מוז קומען צו דער איבערצייגונג, אז דער אידישער פאלק איז אומשטערב־לעך, אז די אידישע אמונה וועט לעבן אייביק. ווי נאר מען הויבט אן גלויבן אין דעם, אזוי איז מען שוין מער ניט טמא. אט איז דער רעיון פון פרה אדומה, אז די „פרה״ אין דעם אידן, אלץ וואס איז „בהמית״ אין אים ווערט פארברענט און גע־

דייניקט, — ווי נאר מען פארשטייט דאס איז מען מער ניט טמא. עמלק און המן, די פארטרעטער פון קערפער, גראבער כח, אייזן, בלוט און שווערד זיינען שוין ניטא אף דער וועלט. נאר דאס אידישע פאלק — שוואך אין קערפער און שטארק אין גייסט — לעבט און וועט לעבן, ווייל די נשמה איז שטאר־קער פארן קערפער. דער מדרש זאָגט אז די פרה אדומה איז מכפר אפן עגל הזהב, דאס הייסט, אז ווען דער מענטש פאר־ברענט די „פרה" די „בהמה" וואס ליגט באהאלטן אין אים און ער יאגט זיך ניט נאר נאך געלט, נאר אויך נאך גייסט, באפרייט ער זיך פון אלע ליידנשאפטן און ער דינט ניט נאר צום עגל הזהב.

דער מדרש זאגט: פרה אלו ישראל, שנאמר כי כפרה סוררה סר ישראל וכו׳" אשר לא עלה עליה עול — שלא קבלו עליהם עולו של הקדוש ברוך הוא. די פרה אדומה איז דאס אידישע פאלק. ווען עס ווארפט אראפ פון זיך דעם יאך פון גאט, ברענט מען עס... דער גלות אין דער פייער פון דער אינקוויזי־ציע איז א גוטער עדות. די גאנצע גויעשע וועלט זוכט צו פאר־ברענען דאס אידישע פאלק, פטור ווערן פון אים... אבער אומ־זיסט די ארבעט! אט גראד אין דער צייט ווען די גוים מיינען אז זיי האבן אונז שוין פארברענט, — א פארברענטע פאלק, א פארברענטע לאנד, בית המקדש, מען האט געברענט די תורה אין די גאסן, מען האט געברענט אונזערע קינדער, — עס איז געבליבן א פאלק פון אש און שטויב, קומט די אש, די אפר הפרה און מאכט ריין א טמאדיקע וועלט: פארשפרייט גערעכטי־קייט און מאראל אין דער וועלט, ווייזט זיי ווי מען דארף לעבן אף דער וועלט. און ווען דו, איד, זעסט דעם אש פון אונזער פאלק ליגט אפן מזבח, אפן מזבח פון דער ברוטאלישער וועלט, זאג ניט אז אונזער האפנונג איז פארלארן, חס ושלום, פארקערט, ווען דו זעסט אז „כי שחה לעפר נפשנו, דבקה לארץ בטנינו, אז מיר ליגן שוין אזוי נידריק, וואס קען שוין ניט נידריקער זיין, דאן „קומה ה׳ עזרתה לנו!", דאן וועט קומען די געטלעכע הילף און מיר וועלן אויסגעלייזט ווערן פון גלות.

---

# לפרשת החדש.

מיר לייענען היינט אין דער תורה: החדש הזה לכם ראש חדשים, ראשון הוא לכם לחדשי השנה, היינטיקער חדש, חדש ניסן איז דער וויכטיקסטער, אין אים האט פאסירט דער גרעס־טער וועלט וואונדער: יציאת מצרים.

דער ר״ן ז״ל באמערקט אין זיינע דרשות, אז אפגעקילטע געקאכטע וואסער איז לייכטער אנצוווארעמען ווי קאלטע נאך ניט געקאכטע וואסער. א חדש אין וועלכן עס האט שוין פאסירט א געוויסע היסטארישע געשעעניש, ווען א גאנץ פאלק האט צובראכן די קייטן פון שקלאפעריי און באקומען א גאולה, איז מער מסוגל, מער פייאיק און פאסיק צו דער אידישער גאולה, ווי יעדער אנ־דער חדש פון יאר. די גמרא זאגט טאקע: „בניסן נגאל ובניסן עתידין להגאל״, אום ניסן זיינען די אידן אויסגעלייזט געווארן פון מצרים און אין ניסן וועלן זיי אויסגעלייזט ווערן ווען משיח וועט קומען.

החדש הזה לכם! דער חדש איז פאר אייך! אידן דארפן מחדש זיין די לבנה! ווייל די גוים זיינען געגליכן צו דער זון און די אידן צו דער לבנה. עס קומט סוף חדש עס ווערט שרעקלעך פינסטער, מען מיינט שוין א סוף צו דער לבנה, זי וועט זיך שוין ניט מער אפלעבן, אם ענדע ווערט אבער בענייט די לבנה. דאס רופט זיך חדוש לבנה אדער קדוש לבנה. יעדער איד וואס דאווענט איז מקדש די לבנה און ער זאגט: וללבנה אמר שתתחדש עטרת תפארת לעמוסי בטן שהם עתידים להתחדש כמותה ולפאר ליוצרם על שם כבוד מלכותו, אזוי ווי די לבנה ווערט באנייט, ווערט ווידער ליכטיק, ווערט ווידער געבארן, אט אזוי וועט קומען דער ווידערגעבורט און די באנייאונג פון אידישן פאלק, החדש הזה לכם! די באנייאונג פון דער לבנה איז א משל פאר אייך, רבותי! דער ילקוט זאגט: החדש הזה לכם — הוא מסור בידכם ואין אתם מסורים בידו, די גאנצע באנייאונג ליגט אין אייערע הענט, ווען איר וועט נאר שטארק וועלן האבן די גאולה, וועט איר אויסגעלייזט ווערן!

דער קרבן פסח, וועגן וועלכן מיר לייענען היינט איז דער סימבאל פון אידישן נאציאנאליזם: „כל ערל לא יאכל בו״, ער קען זיין א פרומער און גוטער גוי, אינער פון די חסידי אומות

העולם טאר ער אבער ניט עסן פון קרבן פסח. החדש הזה לכם — ולא לאומות העולם: דאס איז א אידישער נאציאנאלער מאכל. כל ערל, ניט געמלטער, טאר ניט עסן, סיידן ער איז זיך מל, סיידן ער ברייגנט א קרבן צום אידנטום. דער גוטער פרומער גוי וועט האבן עולם הבא, ער וועט עסן פון לויתן, אבער פון קרבן פסח טאר ער ניט עסן.

און ווען מען ברייגנט דעם קרבן פסח דארף מען שפריצן זיין בלוט אף די "שתי המזוזות" און אף דעם "משקוף", דאס מיינט צו היליקן דאס אידישע הויז מיט קרבנות בלוט. עס פאָר־דערט זיך ווירקליך א שווערער קרבן אום צו האבן א אידישע הויז, וואו עס איז דא א פלאץ פארן שבת קדש, פאר יום טוב, פאר א כשרע קיך, פאר אלץ וואס איז בא אונז היליק און טייער. זאגט אונז טאקע די תורה: "והיה הדם לכם לאות על הבתים", די בלוט וועט אנצייכענען די אידישקייט פון אייערע הייזער!..

און דער איד אין גלות איז דער קרבן פסח פון דער ניט אידישער וועלט. דער איד איז אלעמאל געווען דער קרבן פסח, זיין אונשולדיקעס בלוט האט זיך געגאסן אום פסח, און גיסט זיך נאך איצט. אין מיטלאלטער אין גאנץ איראפע, גארניט לאנג אין רוסלאנד, און איצט נאך אין דער בלוטיקער רומעניע... און אפילו אין ארץ ישראל. "ושחטו אותו בין הערבים", מען האט געשאכטן דעם אידן בין הערבים, אין א צייט ווען עס איז ניט טאג און ניט נאכט, אין איבערגאנגס־צייטן פון דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. "ואתם לא תצאו איש מפתח ביתו עד בקר", אין דער שרעקלעכער פינסטערער נאכט פון גלות דארפט איר זיצן אין אייער הויז, אין א אידישע הויז, אין א אידישע סביבה. גייט ניט אין א פרעמדע סביבה! דאס וועט מוזן דויערן די גאנצע נאכט פון גלות, ביז עס וועט אנפאנגן טאגן אף דער וועלט, ביז עס וועט ליכטיק ווערן אף דער וועלט, עד הבקר!.. און פארגעסט ניט, ליבע אידן, אז דערביי שטייט "ושמרתם את הדבר הזה לחק לך ולבניך עד עולם", דו זאלסט עס היטן ווי א געזעץ, דו און דיינע קינדער.

די בלוט פון קרבן פסח און די בלוט פון מילה האבן אופגעהאלטן דאס אידישע פאלק באם לעבן, ער זאל ניט אפ־שטארבן, ער זאל זיך ניט אויסמישן מיט די אנדערע פעלקער.

זאגט גאָט: „ואעבר עליך ואראך מתבוססת בדמיך ואומר לך בדמיך חיי". דער איד ווערט געטראָטן אין זיינע אייגענע פאַר־גאָסענע בלוט. זאגט גאָט צום אידן: מיט דיין פאַרגאָסענעם בלוט וועסטו לעבן בלייבן. זאגט דער מדרש: „זה דם פסח ודם מילה" — די בלוט פון קרבן פסח און מילה.

החדש הזה לכם! איך האָב שוין אויבן באַמערקט, אַז מיר זיינען געגליכן צו דער לבנה און די גוים צו דער זון. די זון איז ליכטיק, זי איז גוט. די וועלט באַלאַנגט איצט צו די גוים, זיי האָבן ערד, די טייכן, די ימים, די וועלדער, מיליטער, געלט, רעגירונגען, וויסנשאַפט — דאָס איז די זון! אידן זיינען געגליכן צו דער לבנה: אַ שוואַכע ליכטיקייט, קריגט נעבעך די השפעה פון דער זון. ווי עס דריקט זיך אויס דער גרויסער רעליגיעזער נאַציאָנאַלער פילאָזאָף און דיכטער רבי יהודה הלוי: „אתמה מאד על מאור היום אשר יזרח אל כל, אבל יחשיך אלי ואליך". ר' יהודה הלוי וואונדערט זיך אף דער זון, וועלכע שיינט און לייכט פאַר אַלעמען, אָבער זי איז פינסטער און לייכט ניט צום אידישן פאָלק און צום דיכטער פון פאָלק.

עס איז באַוואוסט, דאָס ווען די לבנה ווערט גאַנץ נאָענט צו דער זון ווערט פינסטער איר אייגענע ליכטיקייט, און אויב זי דערווייטערט זיך פון דער זון ווערט איר ליכטיקייט שטאַרקער. ווען דער איד רוקט זיך צופיל צו צו די גוים, ווערט פינסטער זיין ליכטיקייט, זיין תורה, זיין ליטעראַטור, זיין קולטור, ער ווערט אינגאַנצן אויס איד, ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם; וואָס ווייטער ער ווערט אָבער פון דער גויאישער וועלט, אַלץ שטאַרקער ווערט זיין אייגענע ליכט, זיין אייגענע תורה, זיין אייגענע קולטור. די לבנה, דאָס אידישע פאָלק, דאַרף זיך דערווייטערן פון פרעמדע ליכט, קומי אורי כי בא אורך! לייכט, דו אידישע פאָלק, מיט דיין ליכטיקייט, מיט דיין תורה!

כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים ועליך יזרח כבוד ה', יען פינסטערניש וועט צודעקן די גאַנצע וועלט און אַלע פעלקער פון דער וועלט וועלן באַדעקט ווערן מיט אַ שוואַרצע כמארע, וועט אָף דיר אָבער, איד, שיינען די ליכטיקייט, עס וועט שיינען דער כבוד פון גאָט, די אידישע לבנה וועט באַנייט ווערן. החדש הזה לכם!

# שבת נחמו.

היינט, שבת נחמו, לייענען מיר אין דער הפטרה די ווער־טער פון ישעיה הנביא אין נאמען פון גאט: נחמו, נחמו עמי — יאמר אלהיכם! טרייסט, טרייסט מיין פאָלק, זאגט אייער גאט! גאט בעט אז מען זאל טרייסטן זיין פאָלק, ווייל גאט און דאס אידישע פאלק איז איינס, ווי דער זוהר זאגט: קדוש ברוך הוא אורייתא וישראל חד הוא, גאט, די תורה און אידן זיינען איינס. פארוואס האט גאט געהייסן טרייסטן זיין פאלק דוקא ישעיה׳ן? ווייל ישעיה האט געזוכט ניט נאר די חסרונות פון אידן, נאר אויך זייערע מעלות. גאט האט צו אים געזאגט: ישעיה, דו ליבסט דיין פאלק, אלע נביאים זאגן נבואות מפי נביאים. אבער דו זאגסט מפי הגבורה, אלע נביאים זאגן געווייגלעכע נבואות, זי שטראפן, אבער דו זאָגסט דאפלטע נבואות, דו שטראפסט און דו טרייסט זיי (ילקוט ישעיה, תמ״ג). דערפאר, אין דעם איינציקן שבת ווען מען לייענט אין די שולן א טרייסט־ווארט, ציטירט מען די ווער־טער פון דעם גרויסן נביא ישעיה און דער גאנצער שבת רופט זיך שבת נחמו, ווייל אזוי הויבט זיך אן זיין רעדע.

פון דער אנדער זייט זאגט דער ילקוט, אז גאט בעט די אידן זיי זאלן אים, כביכול, טרייסטן, נחמו נחמו, טרייסט מיך, טרייסט מיך. ווער זאל מיך טרייסטן? עמי! מיין פאלק ישראל. פארוואס? ווייל משל למה הדבר דומה למי שנשבו בניו בחייו, למי מנחמים — לא לאביהם? כך (ירמיה י׳) בני יצאוני ואינם (ילקוט, שם), ווען בא איינעם — זאגט דער ילקוט — האט מען אוועקגענומען זיינע קינדער וועמען טרייסט מען דאן? דעם פאָטער וועלכער איז געבליבן אן קינדער. מיינע קינדער זיינען אוועק פון מיר, זיינען געבליבן גאטלאז, אידן אן אמונה, זיי זיי־נען עלנדע, אומגליקלעכע, זוכן עפעס, בענקן נאָך עפעס און ווייסן ניט וואס... די הארץ איז פוסט... די נשמה איז ליידיק, דער לעבן האט קיין אינהאלט ניט. מען לייענט ביכער און זשורנאלן וועלכע זיינען פול מיט כפירה, מען ווערט אינגאנצן גאטלאז. אין דער צייט וואס אין אונזער תורה ליגן באהאלטן אמת׳ע בריליאנטן גייט מען זוכן אין אנדערע ביכער בריליאנטן, וועלכע פארבלענדן די אויגן און פארסמ׳ען די נשמה. אף די אידן פאסט זיך זייער גוט דער משל פון מדרש: א תלמיד איז

געגאנגען מיט זיין רבין, האָט ער דערזען אז עס ליגט א ברע־
נענדער קויל, האט ער געמיינט אז דאס איז א בריליאנט וואס
לייכט, האט ער דאס אופגעהויבן און פארברענט די האנט. אין
א צייט ארום איז ער ווידער געגאנגען מיט זיין רבין האָט ער
דערזען עס ליגט א בריליאנט, האט ער געמיינט אז עס איז א
קויל, האט ער מורא געהאט דאס צו טשעפּענען. זאגט צו אים
זיין רבי: נעם, הייב אוף דאס איז א אמת'ער בריליאנט (דברים
רבה פ"א). אונזער יוגנט ווייס נעבעך ניט וואו עס ליגן די
בריליאנטן און וו־ו עס ליגן די קוילן. זיי לערנען ניט אונזער
תנ"ך, אונזער ש"ס ופוסקים, אונזערע ספרי מוסר. זיי מיינען אז
דאס זיינען ברענענדע קוילן פון פאנאטיזם און קלעריקאליזם,
דערפאר זוכן זיי בריליאנטן אין די גויעשע ביכער, אין די פרעמ־
דע ליטעראטורן, אדער אין די נייע מאדערנע א דישע ליטערא־
טור, וועלכע טאנצט נאך דעם גוי, די פארקאכטע ביבל־קריטיקער
וכדומה. דארטן קלייבן זיי דימענטן און פערל פון דער וועלט
ליטעראטור וועלכע איז מייסטנס אנגעזאפט מיט זנות און שונד.
און אט די דימענטן און בריליאנטן זיינען באמת ברענענדע קוילן
וואס בריען און פארברענען די נשמה. אין דער צייט ווען די
אמתע בריליאנטן געפינען זיך אין תנ"ך, ש"ס, פוסקים, ספרי
דרוש און מוסר. פארשטייט זיך, עס איז וויכטיק צו שטודירן
נוצלעכע און פראקטישע-וויסנשאפטן, נאר ניט צו לערנען פון
גאטלאזע פרייידיינקער, וועלכע פארסמ'ען די הארץ און די נשמה.
מען דארף לערנען חכמות און אלץ שטודירן, אבער מען מוז
ווייסן וואו צו זוכן בריליאנטן און זיך אויסהיטן פון די קוילן.
ווען די אידן דערווייטערן זיך פון אידישקייט איז דער אומגליק
אזוי גרויס, אז די מליצה שטעלט פאר ווי גאט בעט זיך מען
זאל אים טרייסטן, ווייל זיינע קינדער פארלאזן אים.

דער תהלים לאכט פון יענע קליינקעפּלדיקע מענשן וועלכע
האלטן זיך פאר גאנצע פילאזאפן און קלערן צו עס איז דא א
גאָט. און דער תהלים זאגט זיי: מאכט זיך ניט נאריש, אך יש
אלהים שופטים בארץ (תהלים נ"ח ו"ב), געוויס איז דא א גאט
וואס משפט און פירט די וועלט, און גאט איז איבעראל! דער
היינטיקער מענש, דער אפיקורס, דער איפגעקלערטער, דער רא־
דיקאל זאגט אז אלץ איז נאטור, די נאטור איז גאט. ער פאר־
שטייט אבער ניט אדער ער מאכט זיך ניט פארשטיין אז די נא־

טור מוז אפריער האבן אן „אבי הטבע”. זיי ווייסן ניט אז אלהים איז בגימטרא הטבע, אז אין די נאטור ליגט די גאטהייט, אבער ניט אז די נאטור אליין איז גאט. די אמת'ע גרויסע פילאזאפן האבן אנערקענט אז עס איז דא א גאט. דער צוועק פון פילאזא־פיע איז אז מען זאל זיך איבערצייגן אין דער עקסיסטענץ פון גאט. דער מענש, און הויפטזעכלעך דער איד, וועלכער לעבט אן א גלויבן, אן גאטהייט — איז אומגליקלעך.

נחמו נחמו עמי, מען טרייסט אונז, אבער די נחמה דארף זיין א דאפלטע, א נחמה כפולה, מען דארף טרייסטן גאט, אז די גאטהייט וועט פארשפרייט ווערן צווישן אלע אידן, און מען דארף טרייסטן דעם אידן, ער זאל ניט אריינפאלן אין יאוש, אז די גאולה איז ניט ווייט. גאט און פאלק, יעדער איד דארף זיין אמת רעליגיעז און נאציאנאל. דאן וועט קומען דער אמתער שבת נחמו אין דעם לעבן פון אידישן פאלק, עס וועט זיין ווי די גמרא זאגט! „מתנחמים בכפלים”, די נחמה וועט זיין א דאפלטע, א רעליגיעזע און נאציאנאלע. דער וואס איז א רעליגיעז אי נא־ציאנאל, יענער טרויערט אף דעם חורבן פון ארץ ישראל און פרייט זיך אויף ד נחמה, אויף די ישועה פון ארץ ישראל אין דער צוקונפט, דאס מיינט שבת חזון — אומעט און טרערן, און שבת נחמו — שמחה און פרייד: דאס מיינט מסתמא די גמרא וועלכע זאגט: „לוא שמרו ישראל ב' שבתות מיד היו נגאלים” ווען אידן וואלטן געהיט נאר 2 שבתים, שבת חזון און שבת נחמה, דאס מיינט ווען זיי וואלטן נעמן אנטייל אין דעם צער פון אידישן פאלק און אין זיין שמחה, דאן וואלטן זיי שוין לאנג אויסגעלייזט געווארן!...

---

# ראש השנה.

ראש השנה איז אייגענטלעך א יום טוב ווי אלע ימים טובים, עס ווערט דאך געפייערט דער נייער יאר, מען טאר קיין ארבעט ניט טאן, בחדש השביעי באחד לחדש יהי לכם שבתון, כל מלאכת עבודה לא תעשו, און מיר געפינען אין תנ"ך דאס עזרא הסופר האט געלייענט פארן עולם ראש השנה אין דער ספר תורה, האט דאס פאלק אנגעהויבן צו וויינען, האבן עזרא און

נחמיה געזאגט צו די אידן: גייט אהיים, עסט און טרינקט און שיקט מתנות צו דעם וואס האט ניט אף יום טוב. ווייל היינטי־קער טאג איז א הייליקער, און איר זאלט נים זיין אומעטיק, ווייל גאטס פרייד וועט אייך שטארקן! און עס איז א מנהג אנצוטאן ראש השנה ווייסע ריינע בגדים, עסן זיסע פרוכט מיט האָניק, מאכן אף זיי שהחינו, און עסן גוטע סעודות. עס איז דאכט זיך גוט, עס איז יום טוב, מען פרייט זיך, מען ווינשט זיך א לשנה טובה!... אבער פונדעסטוועגן באהאלט זיך אין דער נשמה פון אידן א רעליגיעזער ציטער, ווי דער תהלים זאגט: וגילו ברעדה. מען פרייט זיך מיט דער שמחה פון יום טוב. אבער די מחזורים זיינען נאס פון טרערן, באזונדערס פון די אידישע מוטערס, וועל־כע בעטן בא גאט פארשיידענע בקשות: גאט ב"ה זאל אנשרייבן א גוט יאר, די קינדער זאלן בלייבן אידן, מען זאל שוין דער־לעבן צו פירן די טעכטער צו דער חופה און נאך פיל בקשות דער איד פייערט זיין ניי־יאר ניט מיט שכרות און קערפער־פרייד, ווי דער גוי, נאר מיט תפילות און שמחת הנפש. און דערפאר איז ראש השנה דער פרינץ פון אונזערע ימים טובים. ראש השנה איז דער תכלית פון אלע ימים טובים. ווי אונזערע חז"ל זאגן: „תכלית המועדים ראש השנה".

און דורך די הייליקע תפילות פון ראש השנה, דורך דער פייערלעכער שטימונג ווערט דער איד ניי באשאפן. ראש השנה איז דער ווידערגעבורט פון יעדן אידן ווי דער מדרש זאגט: אמר להם הקדוש ב"ה הוא מכיון שנכנסתם לדין לפני ראש השנה ויצאתם בשלום, מעלה אני עליכם כאילו נבראתם בריה חדשה (ראש השנה פ"ד).

אבער היינט, רבותי. איז אויך דער יום הדין, דער יום הזכרון, דארפן מיר זיך דערמאנען און פארשטיין די צייט, וועלכע מיר איבערלעבן איצט. מיר לעבן אין א שווערע, שטורמדיקע צייט, די וועלט שאקלט זיך, זי קען זיך ניט בארואיקן פון די שרעק־לעכע וועלט מלחמה וועלכע האט זיך אפילו אפיציעל באענדיקט, אבער וועלכע ווערט נאך פארגעזעצט אין די מוח'ת און הערצער פון פעלקער און רעגירונגען, עס איז אנגעקומען א צייט, ווען קיסרים ווערן געמשפט, די וועלט משפט דעספאטיזם, עס ווערט געבראכן אלעס וואס אלט איז, עס איז אן אומרואיקע, רעוואלו־

ציאנערע צייט! מיר אידן האבן שוין אריבערגעלעבט שווערערע צייטן, שרעקלעכערע מאמענטן, אבער דער איצטיקער מאמענט איז פאר אונז שווערער דערפאר, וואס אמאל זיינען מיר געווען שטארקער, מיט מער אמונה און בטחון, האט אונז גארנישט געשאט. איצט, ווען מען ברעכט דאס אלטע איז פאראן א סכנה אז מען זאל ניט צוברעכן אונזער אלטע הייליקע רעליגיע. דער יונגער דור, הויפטזעכליך אין רוסלאנד, איז אוועק אין וועגן וואס פירן צו אסימילאציע. אף דער היינטיקער צייט פאסט זיך זייער גוט די מליצה פון גמרא און מדרש: די מלאכים פון הימל פרעגן גאט פארוואס זאגן די אידן קיין שירה ניט ראש השנה און יום כפור? ענטפערט גאט: דער מלך זיצט אף א כסא דין און כפרי חיים וספרי מתים זיינען אפן פאר אים — קענען דען די ישראל זאגן שירה? א גוטער געדאנק וועלכער שטעלט פאר די היינטיקע לאגע ליגט אין דעם מאמר „מלך יושב על כסא דין". אין היינטיקע צייט ווען אפילו דער מלך ווערט אוועקגעזעצט אף כסא הדין, אפן באשולד קונגס-באנק — די גרעסטע און שטארקסטע קיסרים פון דער וועלט זיינען ארונטערגעזעצט און אפילו פארמשפט געווארן — איז דא א געפאר, אז אונזערע קינדער וועלכע געניסן ניט קיין אידישע דערציאונג, זיינען דערווייטערט פון גאט און דער תורה, זאלן חס ושלום ניט ברעכן און פארניכטן אלס וואס איז פאר אונז הייליק. זיי זיינען פארכאפט פון פרעמדע אידייען, פרעמדע באוועגונגען און זיי אונטערשיידן ניט פון גוטס ביז שלעכטס, אין אזא צייט זיינען ספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו, אונזערע קינדער זיינען חיים און מתים צוזאמען: קערפערלעך, פיזיש זיינען זיי חיים, זיי לעבן, זיינען געזונט און שטארק, גאט צו דאנקען, זיי שפילן גוט פוטבאל. פארנעמען זיך מיט ספארט, גייען אין די קינאס און מאכען עקסקורסיעס, קערפערליך זיינען זיי חיים. פול מיט לעבן, אבער גייסטליך, וואס אנבעלאנגט צו אידישקייט, צו תנ"ך, גמרא, תורה ומצוות — מוז איך דעם ביטערן אמת זאגן — זיינען זיי דאך מתים, טויט פאר אלץ וואס איז אידיש. זיי געפינען זיך דאך — הויפטזעכליך אין רוסלאנד, אמעריקע און מערב אייראפע — בספרי חיים וספרי מתים צוזאמען, און אין אזא שרעקלעכע צייט זאלן אידן זאגן שירה? ניט פארוואס מיר מוזן זיך אפגעבן היינט א דין וחשבון וועגן אונזערע קינדער, ווייל אף זיי איז אונזער גאנצע האפנונג. זיי מוזן דער=

זוּיגן ווערן רעליגיעז און נאציאנאל, גאנצע אידן, אין גייסט פון תורה.

דער פארצייטיקער איד איז געווען נענטער צום רבונו של עולם, האט געפילט טיפער, שטארקער, די הייליקייט פון אידנטום און דארטן וואו די קדושה איז פאראן, דארטן איז אויך מורא פאראן, ווי עס שטייט געשריבן: וייראו יעקב ויאמר מה נורא המקום הזה, אין זה כי אם בית אלהים. ווען יעקב באקומט מורא פארשטייט ער אז מסתמא איז דא קדושה. אן אמת'ער ערלעכער פרומער איד האט מורא פאר ימים נוראים. עס איז די מורא פון יעקב אבינו, די מורא פאר גאטס משפט. מיר אבער, רבותי, זיינען בלומרשט ציוויליזירט געווארן, קעלטער געווארן צו אידישקייט: מען קומט ימים נוראים אין שול מיט א באגאזש פון חלול שבת טרפות און עם הארצות. די קאפ איז פארנומען מיט ניט אידישע געדאנקען, די הארץ פילט ניט אידיש, מען לעבט אין א פרעמדע גוישע וועלט, מ'זין איז פארהאוועט, מען מאכט א לעבן. מען מאכט געלט, און אז מען קומט אין שול איז מען קאלט, פרעמד פון גאט, פון וואנען זאל קומען דער שרעק פאר ימים נוראים? איך מיין ניט צו מוסר'ן דעם עולם, נאר זיי אופמערקזאם צו מאכן אז עס האנדעלט זיך וועגן די נשמות פון אונזערע קינדער וועלכע וואקסן אויס אין א קאלטע, ניט אידישע סביבה און פאר-שטייען ניט די באדייטונג פון ימים נוראים.

די גמרא דערציילט, אז ווען ר' יוחנן בן זכאי איז קראנק געווארן און ער האט געהאלטן ביים שטארבן, זיינען אריינגעקו-מען זיינע תלמידים אים געווארע ווערן. האבן זיי דערזען אז ער ליגט און וויינט. פרעגן זיי אים: טייערער לערער, דו אידישע ליכט, דו רעכטער זייל פון אידישקייט, דו שטארקער האמער וואס מיט דיינע צדקות צוקלאפסטו אלע אידישע צרות — פארוואס וויינסטו? האט ער זיי געענטפערט: ווען מען פירט מיך משפט'ען פאר א קיסר, וועלכער איז נאר א בשר ודם — היינט לעבט ער און מארגן איז ער טויט — וואלט איך דאן געוויינט פאר שרעק היינט אז איך דארף באלד שטיין צום משפט פאר דעם רבונו של עולם וועלכער איז דער מלך מלכי המלכים — דארף איך דאך געוויס וויינען! דער גרויסער הייליקער ר' יוחנן בן זכאי האט געוויינט פון שרעק. ער האט מורא געהאט פארן יום הדין

(ברכות כ"ח). ווען שאול האט גורם געווען אז שמואל הנביא זאל געבראכט ווערן פון קבר, האט שמואל געטענה'ט צו אים: למה הרגזתני להעלות אותי? פארוואס האסטו מיך געמאכט ציטערן, ברייינגען מיר פון קבר? זאגן אונזערע חכמים ז"ל „שסבור שהוא יום הדין ונתיירא" שמואל האט געמיינט אז עס איז דער יום הדין האט ער מורא געהאט.

רבותי ווען אזעלכע הייליקע אידן ווי שמואל הנביא און ר' יוחנן בן זכאי האבן געציטערט פארן יום הדין, וואס זאלן מיר שוין זאגן? ווי דארפן מיר שוין מורא האבן, מיר, וואס זיינען זיין פארגלייך מיט זיי דלים ורקים, ארעם אין גייסט און ליידיק פון מצוות? אין דיזן יום הדין, רבותי, לאמיר ערוואכן צו תשובה, תפלת וצדקה, וועלכע זיינען מעבירין את רוע הדין לאמיר דער־ציען אונזערע קינדער אין דעם אידישן גייסט און מיר וועלן זוכה זיין צו שנת חיים ושלום, כתיבה וחתימה טובה, גאולה וישועה, אמן. ואמן!

---

# לראש השנה, פאר די תקיעות.

מפני מה אין ישראל אומרים שירה בראש השנה, וכו', ספרי חיים וספרי מתים פתוחים לפניו והם אומרים שירה?

די הייליקע חכמים האבן זיך געקליגט אין יעדן ווארט זייערן אונז געבן צו פארשטיין מיר זאלן וויסן דעם געדאנק פון זייערע אויסדריקע, זיי האבן ניט געזאגט „ספר חיים" איין בוך פון לעבן, „ספר מתים" איין בוך פון טויט, נאר זיי האבן באטאנט „ספרי חיים", אסך לעבעדיקע ביכער, „ספרי מתים" אסך טויטע ביכער, אסך לעבעדיקע און אסך טויטע ביכער זיינען אפן פאר אים — וואס באדייט דאס? צו וואס לשון רבים? וויפל דען בי־בער פון חיים און וויפל ביכער פון מתים דארף מען האבן?

רבותי! ניט אלע לעבנס זיינען גלייך; ניט אלע טויטנפעלע זיינען גלייך. עס איז דא א סארט מענטש, וועלכער פארברייינגט א גליקלעכן לעבן, זיין גאנצען לעבן איז אים גוט, וואו ער גייט און וואס ער טוט איז נאר צום גוטן, זיינע קינדער זיינען געזונט

און געראטן און ער שטימט מיט זיי, זיין פרוי איז אן אשת חיל און ער ליבט איר, זי ליבט אים, מאן און פרוי קוועלן פון די קינדער, די קינדער קוועלן פון זיי, ער האט נחת פון קינדער. רייכקייט און פארגניגן הערשט אין זיין הויז, שלום, די בעסטע ברכה, איז אין זיין הויז.

ביי דעם צווייטן סארט מענש איז זיין לעבן כסדר פול מיט שרעק, מיט צרות, וואו ער גייט, וואו ער שטייט פאלט מיט די פוטער אראפ, זיין פרנסה הייגנט אין דער לופטן, ער מוז אימער זארגן וואס וועט זיין מארגן, און אז עס איז ניטא קיין פרנסה רופט אים זיין פרוי „שלומיאל" און ער רופט איר „שלימזלניצע". אין שטוב איז שטענדיק א מלחמה, זי שרייט אף אים. ער שרייט אף איר און זיי ביידע אף די קינדער. פון די לעצטע האט ער ניט קיין נחת, עס איז אים ביטער און פינסטער, אט פארוואס די חכמים האבן געזאגט „ספרי החיים" — פארשיידענע ביכער פון לעבן. ניט יעדן לעבט זיך גלייך.

אויך די „ספרי מתים" זיינען פארשיידענע. איינער שטארבט צו זיין ריכטיקן עלטער. אזוי ווי די תבואה: ווען די זאנגען ווערן צייטיק און ריכטיק ווייס שניידט מען עס. אזוי שטארבט ער צו זיינע פולע יארן, פול און זאט מיט טעג. זיינע קינדער זיינען זייך גוט איינגעארדנט, אלע פארהייראט, פירן גוטע געשעפטן, זיינע טעכטער זיינען אויסגעגעבן און לעבן גליקלעך מיט זייערע מענער זיינע אייניקלעך זיינען אויך פיינע קינדער און אלע באגלייטן אים צו זיין אייביקער רו.

אן אנדערער אבער שטארבט יונגערהייט נאכדעם ווי ער האט דורכגעמאכט א שווערע קראנקהייט. ער לאזט איבער אן אלמנה מיט קליינע קינדערלעך, וואס בלייבן אן לעבנס-מיטלען. די אלמנה קלאגט, די קינדערלעך וויינען, ווייל עס איז ניטא ווער עס זאל זארגן פאר די יתומים. פון די פארשיידענע סארטן "ספרי מתים" זעט מען פארשיידענע סארטן טויטן און כדומה נאך און נאך.

זאגט גאט ב"ה צו די מלאכים: ווי קענען די אידן זאגן הלל ראש השנה, אז מלך יושב על כסא דין וספרי חיים — עס זיינען דא פארשיידענע ביכער פון לעבן — וספרי מתים — פאר-

שיידענע ביכער פאר מתים — פתוחים לפניו! ווען עס וואלט געווען נאר איין ספר חיים, דער גוטער לעבן, און איין ספר מתים, דער שיינער טויט, דאס הייסט טאמער וואלט שוין יעגער א־יינגעפאלן אין ספר מתים — וואלט נאך אויך ניט געווען שרעק־לעך, ווייל וואס קען מען טאן? ווען עס קומט די צייט מוז מען ד״ך אוועק פון דער וועלט מיט דעם שיינעם טויט זקן ושבע ימים — דאס הייסט, ווען עס וואלט געווען נאר דער איין ספר מתים וואלטן אידן נאך געקענט זאגן הלל. אבער אז עס זיינען פאראן פארשיידענע ספרי חיים און ספרי מתים, און קיינער ווייס ניט אין וועלכן ספר ח״ם און אין וועלכן ספר מתים ער קען פארשריבן ווערן, טא ווי קענען די אידן זאגן שירה? והם אומרים שירה? קענען זיי זען זאגן הלל?

# ראש השנה געדאנקן

עס איז א מערקווירדיקע זאך ווי ווייט מיר זיינען פון אלע אנדערע פעלקער! בא די גוים ניי־יאר איז ניי־יאר און ניט מער אבער בא אונז אידן איז ניי־יאר א דריי־פאכיקער יום טוב. ערשטנס, איז עס ראש השנה, אין חדש תשרי איז די וועלט באשאפן געווארן און ראש השנה איז דער געבורטסטאג פון דער וועלט־באשאפונג; צווייטנס, איז בא אונז ראש השנה א יום הדין, ווען מען שטעלט פאר דעם הימלישן געריכט אלע מענשן פאר אלץ וואס זיי האבן אפגעטאן אין דעם פארגאנגענעם יאר; דריטנס, ווערט דיזער יום טוב אנגערופן „יום תרועה" — דער טאג פון שופר בלאזן. וואס וויל פון אונז דער שופר בלאז? איז אונמעגליך צו פארשטיין, מילא, זאל שוין זיין אז עס איז א יום הדין, מיר מוזן זיך שטעלן צום געריכט. אבער צו וואס דארף מען נאך שופר בלאזן?

מיר איז איינגעפאלן א געדאנק, אז די הויפט־כונה פון ראש השנה איז צו פייערן דעם יובילעאום פון דער וועלט־באשאפונג, דאס וואס מיר גייען צו תשליך, איז דער מארש, דער פאראד לכבוד דעם יובילעאום, ווי עס פירט זיך אפילו ווען מען פייערט א יובילעאום פון א שטאט, אדער א מלוכה. מיר מאר־

שירן צום וואסער ניט אריינצוווארפן אהין אונזערע עברות, נאר צו דערמאנען זיך, אז בעפאר דער וועלט־באשאפונג איז אלץ געווען וואסער. ווי די תורה זאגט אונז: „ורוח אלקים מרחפת על פני המים", און גאטס גייסט האט ארומגעשוועבט איבערן וואסער. דער שופר איז די מוזיק וואס באגלייט דעם מארש צום וואסער דעם פאראד. דער שופר איז דער נאציאנאלער מוזיק־אינסטרומענט בא אידן. אן ארעם פאלק — אן ארעמער מארש און ארעמער מוזיק!

ווען עס וועט קומען די צייט ווען מיר וועלן ווערן א פאלק מיט לייטן גלייך, ווען מיר וועלן האבן א לאנד, אן אייגען ווינקעלע — און ניט א קאלאניע אונטערן „שוץ" פון ענגלאנד, וועלכע האנדלט מיט אונזער בלוט אין דעטייל און אנגרא — ווען מיר וועלן זיין פריי באמת און ניט זיין אונטערווארפן צו די פארשיידענע קאפריזן פון די פעלקער, צווישן וועלכע מיר זיינען צעזייט און צעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט...

אדער ווען עס וועט קומען יענע גאלדענע צייט, וואס אונזערע נביאים האבן פראפעצייט, ווען אלע וועלן לעבן בשלום, ווען עס וועלן אויפהערן מלחמות צווישן פעלקער. ווען עס וועלן ארגאניזירט ווערן די אלוועלטלעכע פאראייניקטע שטאטן, און ניט נאר פאן־אמעריקע אדער פאן־אייראפא, ווען אנשטאט די קאנאנען, טאנקען און עראפלאנען, אדער גיפטיקע גאזן מיט וועלכע מען פארניכטעט איצט מיליאנען מענשן וועט מען בעסער מאכן ניצלעכע אקער־אייזנס און שנייד מאשינען, ווען דער וואלף וועט מער ניט אנגרייפן דעם שעפס, און די וועלט וועט פול ווערן מיט אמת,ען באגריף פון דער ריינער גאטהייט, וואס איז דער מקור פון שלום און גוטעס, אזוי אז נאר אמת און גוטעס וועט הערשן אף דער וועלט, ווען עס וועלן ניט זיין מער קיין המנ'ס, עמלקים, אנטיסעמיטן, רוסישע, אראבישע, אוקראינישע און רומענישע רוצחים — דאן וועלן מיר פייערן דעם ראש־השנה־יובילעאום פון דער וועלט־באשאפונג מיט אן אלוועלטלעכן פאראד, און אנשטאט צו בלאזן מיט א קליינעם ארעמען שופר וועט געבלאזן ווערן מיט א גראנדיעזן וועלט־שופר, וואס זיין תקיעה גרולה וועט זיך הערן פון איין עק וועלט ביז דעם צווייטן.

דערווייל, ביז יענע לאנג־פארשפראכענע צייט וועט קו־מען, מוזן מיר נעמען אלץ ווי עס גייט און ניט ווארטשענען, לאמיר זאגן, גם זו לטובה און לאמיר האפן אז דאס נייע יאר וועט ברייגנען פרידן צו דער גאנצער וועלט און אויך צו אידן, לשנה טובה הכתבו!

* * *

די אומות העולם זיינען גליקלעכע פעלקער, זיי האבן צו טאן נאר מיט עולם הזה, זייערע שמחות זיינען ניט קיין צו־שטערטע, און קיין אונטערשייד ווי גרויס זייערע זינד זאלן ניט זיין, דארפן זיי יום טוב קיין "ומפני חטאנו" ניט זאגן

אונזער ראש השנה קומט ואך תשעה באב. נאכדעם ווי מיר טרויערן דריי וואכן נאכאנאנד און שליסן דעם טרויער מיט א טאג פון פאסטן און פון קינות־זאגן, קומט ערשט נאכהער אונזער ראש השנה, אונזער ניי־יאר, און מיר ווינען ווידער און שרייען גאר אויף דאס ניי: ומפני חטאינו!

רבונו של עולם, צו דען זינדיקן מיר טאקע מער ווי די גאנצע וועלט, וואס מיר קענען זיך קיינמאל ניט ריינוואשן? ווען נאר מיר האבן א שטיקל יום טוב ווערט ער אונז פארשטערט מיטן "ומפני חטאינו", ווי מיר וואלטן זיין די ערגסטע פון די ערגסטע. מיר האבן זיך געלאזט ברענען און בראטן פאר אונזער אמונה, ווער עס האט נאר געהאט חשק האט זיך אין אונזער בלוט געבאדן דערפאר וואס ביר זיינען טריי צו אונזער אמונה, צום סוף נאך שרייען ומפני חטאינו — איז עס ניט א מאדנע זאך?

נאטירליך, מען קען אף דעם געפינען הונדערטער תירוצים און יעדער תירוץ זאל פאר זיך זיין גאנץ גלאט, אבער די קשיא וועט אלעמאל בלייבן שטיין: צו דען זיינען מיר טאקע אזעלכע געפערלעכע ברואים, אז אונזערע זינד לאזן זיך גאר קיינמאל ניט מוחל זיין?...

ניי־יאר און ראש השנה! וואס פאר א גרויסער אונטער־שייד. ניי־יאר מיינט "ביזנעס", געשעפט, באלאנס, שניידן קו־פאנעס, נעמען דיווידענד, באקומען דירה־געלט, באקומען פרא־

צענט אויף געלט אין באנק, אויסשטעלן וועקסלען, נעמען סחורה אף קרעדיט—מיט איין ווארט עס מיינט לעבן, פארגניגן, עולם הזה, אבער ראש השנה מיינט דורכאויס עולם הבא = חשבונות און באלאנס פון חטאים געגען גאט. רעכנונגען מיטן יצר הרע. עס מיינט רק אזעלכע זאכ, וואס האבן צו טאן מיט יענער וועלט גלייך ווי דיזע וועלט וואלט פארן אידן גאר ניט עקסיסטירט, נאר מיר קומען בלויז זאגן ומפני חטאינו.

ניי = יאר און ראש השנה!... דאס באווייזט, אז דער איד איז גאנץ אנדערש ווי די אלע אנדערע פעלקער. אז ער איז נאך ביז היינטיקן טאג אין דער זעלבער מיסיאן ווי אברהם אבינו איז געווען: צו דערקלערן די וועלט אז אן גאטהייט איז דאס גאנצע לעבן גאר ניט ווערט, אז עס קען ניט זיין, אז דער מענש זאל באשאפן ווערן צוליב דעם ביסל ערדישן פארגניגן. און דערמיט זאל ער אוועקשטארבען און א סוף. דער איד איז דער נבא, דער אידעאליסט, די נשמה פון דער מענשהיים. די געשעפטן און חשבונות זיינען בא אים גארנישט, בא אים איז דער עיקר דער חשבון הנפש. ווען ניט די האפנונג פאר עטוואס בעסערעס אין דער צוקונפט - וואלט זיך די גאנצע געשיכטע ניט געלוינט...
לשנה טובה תכתבו!

* * *

זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים, למענך אלהים חיים.

עס זיינען געווען צייטן אין דער געשיכטע פון דער מענטש-הייט, ווען לעבן האט קיין שום ווערט ניט געהאט. פארשיידענע פילאזאפן, פארצווייפלטע, פארבלאנדזשעטע נשמות האבן געזוכט אויסצוגעפינען אלע סודות פון דער נאטור און האבן דאס ניט געקענט. אלע פארשיידענע רעליגיאנס-פארמעטער האבן אנגע-ווענדעט אלע זייערע כחות אוועקצונעמען פון מענטשן אלץ, וואס מאכט דאס לעבן זיס און אנגענעם. מען האט ניט געדארפט זיך פרייען, ניט געטארט לאכן, נאר קלאגן און וויינען וואס מען איז געבארן געווארן אף דער וועלט. אין יענע פינסטערע צייטן איז

רעכט געווען אז עלטערן זאָלן מקריב זיין זייערע קינדער צו פארשיידענע געטער, מיינענדיק אז זיי טוען די קינדער א גרויסע טובה. זיי האָבן גערעכנט, צו וואס זאלן די קינדער זיך מאטערן יארן־לאנג אף דער וועלט, אז מען קען גלייך נעמען און זיי טראנספארטירן אף דער בעסערער וועלט. יענע צייטן זיינען געווען די שווערסטע, די ערגסטע אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט. עס איז ניט געווען א לעבן, נאר אן לעבעדיקער טויט...

די ערשטע וואס האבן אנגעהויבן צו פרעדיקן א לעבן פון לעבן און פרייד, א לעבן פון שלום און פארגניגן, זיינען געווען די פארטרעטער פון א דישן גלויבן. ניט בלויז ראש השנה און יום כפור בעטן מיר ביים רבונו של עולם ער זאָל אונז געבן א גוטן גליקלעכן לעבן, נאָר אויך יעדן מאָל וואס מען בענטשט ראש חדש בעטן מיר ביי אים ער זאל אונז געבן א לעבן פון גליק און פריידן, פון פרידן און ברכה, פון געזונט און פרנסה, פון רייכטום און כבוד און פון אלץ וואס אונזער הארץ ווינשט זיך צום גוטן.

אף אזוי פיל האָבן די פארטרעטער פון אונזער אמונה געשעצט דאס לעבן, אז ראש השנה בעטן מיר אין אונזערע תפילות זייער ווייניק פאר עולם הבא, ניט קוקנדיק אף דעם וואס ראש השנה מיינט דורכאויס עולם הבא, חשבון הנפש. אונזערע הויפט־תפילות און בקשות זיינען פאר א גליקלעכן לעבן אף דער וועלט. ווי מיר זעען איז דאָס לעבן זייער א טייערע זאך, און אזוי ווי דאָס ריכטיקע לעבן פון מענטשן פאנגט זיך ערשט אן דאן, ווען די קינדער־יאָרן זיינען פאריבער און מען הויבט אן פירן א פאמיליע־לעבן, ליגט דעריבער אף יעדן מאן און פרוי א הייליקער פליכט צו מאכן דאס פאמיליע־לעבן אזוי זיס און אזוי פול מיט פארגעניגן, אַז עס זאָל זיך לוינען צו לעבן און צו בעטן ביי גאָט: זכרנו לחיים, מלך חפץ בחיים, וכתבנו בספר החיים, למענך אלקים חיים.

# פארוואס בלאזט מען שופר?

מיר בלאזן היינט שופר, די שול איז געפאקט, אלע זיינען געקומען הערן דעם שופר. ניט אלע ווייסן אבער פארוואס מיר בלאזן שופר. דער גרויסער אידישער קעמפער און רעליגיעזער פילאזאף רב סעדיה גאון גיט אן 10 סבות פארוואס מען בלאזט שופר:

א) ווייל היינט, ראש השנה, איז די וועלט באשאפן געווארן און גאט ב"ה איז געווארן דער מלך פון דער וועלט. און ס'איז אן אלטער מנהג אז ווען דער מלך ווערט געקרוינט אלס קעניג, בלאזט מען שופר, כדי צו באשטעטיקן זיין רעכט אויף דעם טראן. מיר טוען אויך אזוי ווי דוד המלך זאגט אין תהילים: בחצוצרות וקול שופר הריעו לפני המלך ה׳, מ׳ שרייט אויס „המלך״ און מען בלאזט שופר, ווייל מיט דעם באשטעטיקן מיר אז אונזער איינציקער מלך איז הקדוש ברוך הוא.

ב) ראש השנה איז דער ערשטער טאג פון עשרת ימי תשובה, דעריבער בלאזט מען שופר באקאנט צו מאכן, אז דער וואס וויל תשובה טאן זאל ער דאס איצט טאן, ווייל איצט איז די ריכטיקע צייט.

ג) דער שופר דערמאנט אונז אט יענעם דערהאבענעם, הייליקן מאמענט אין אונזער געשיכטע, ווען מיר האבן באקומען די תורה אפן בארג סיני, אין חמש שמות שטייט: וקול שופר חזק מאד, עס האט דאן שטארק געבלאזן דער שופר. דער שופר דערמאנט אונז היינט אונזער הייליקע פליכט צו לערנען תורה, שטיצן די יעניקע, וועלכע לערנען תורה און פארשפרייטן די אידעאלן פון דער תורה צווישן אונזערע יוגנט.

ד) דער שופר דערמאנט אונז די ווערטער פון אונזערע נביאים, שטארקע, גרויסע, פייערדיקע ווערטער, וועלכע האבן גע־שטורעמט הערצער און זיי געמאכט ציטערן. דער שופר דער־מאנט אונז, אז אונזערע קינדער מוזן לערנען די הייליקע נביאים אין דער הייליקער העברעאישער שפראך, ווי זיי זיינען ארויס פון דעם נביא׳ס מויל, אבער ניט אין פארקריפלטע, פארבליקטע איבערזעצונגען אין אנדערע שפראכן.

ה) דער שופר דערמאנט אונז דעם חורבן פון בית המקדש. דער נביא ירמיהו, וועלכער האט באקלאגט דעם גרויסן אידישן אומגליק, דעם חורבן פון אונזער לאנד און בית המקדש, דריקט זיך אוים: כי קול שופר שמעתי, תרועת מלחמה (ירמיה, ד׳). דער שונא יאגט אונז, איך הער די שטימע פון שופר. דער שופר דערמאנט אונז אז מיר מוזן העלפן אופבויען צוריק אונזער לאנד.

ו) דער שופר דערמאנט אונז די עקידת יצחק. דער שופר איז דאך געמאכט פון דעם הארן פון א באראן, וועלכער האט געזאלט זיין א קרבן אנשטאט יצחק אבינו. די עקידה איז דאך דער סימבאל פון מסירת נפש, וואס באדייט, אז מיר מוזן זיין גרייט צו קעמפן ביז בלוט פאר אונזער גאט און די תורה.

ז) דער שופר דערמאנט אונז, אז מיר דארפן מורא האבן פאר די גרויסקייט פון אלמעכטיקן גאט. ווי עס שטייט געשריבן: היתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו? וועט דען דאס פאלק ניט ציטערן ווען מען בלאזט שופר?

ח) דער שופר דערמאנט אונז אף דעם קומענדען „יום הדין", וואס אף אים האט געזאגט דער נביא צפניה: קרוב יום ה" הגדול, קרוב ומהר מאד, יום שופר ותרועה (צפניה א", י"ד, ט"ז).

ט) דער שופר דערמאנט אונז יענע גליקלעכע אידישע צוקונפט, ווען אלע פאריאגטע און פארפאלגטע אידן פון דער גאנצער וועלט, די נדחי ישראל, וועלן זיך פאראייניקן אלס איין גרויסע, שטארקע, מעכטיקע אידישע נאציאן, ווען דאס אידישע פאלק וועט צוריק אופלעבן אין זיין לאנד. וואס דאן וועט — ווי דער נביא ישעיה פארזיכערט אונז — געבלאזן ווערן אין א גרויסן שופר: והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים (ישעיה כ"ז, י"ג).

י) דער שופר דערמאנט אונז וועגן תחית המתים, דאס דער שופר וועט בלאזן און אלע טויטע וועלן צוריק אפגעלעבט ווערן, ווי דער נביא ישעיה זאגט: כל יושבי תבל ושוכני ארץ בנשוא נס הרים תראו וכתקוע שופר תשמעו (ישעיה, י"ח).

# ליום הכפורים.

עבירות שבין אדם למקום יום הכפורים מכפר,
עבירות שבין אדם לחבירו אין יום הכפורים מכפר
עד שירצה את חברו (יומא, פ״ה).

עס זײַנען פֿאַראַן צוויי סאָרטן בעלי עבירה — באמת זיינען דא אסך סארטן, נאר מיר וועלן ריידן איצט נאר וועגן צוויי: איינער זינדיקט נאר פאר זיך אליין, דאס הייסט, קיינער זעט ניט, אז ער טוט אן עבירה און מען האלט אים ניט פאר־קיין בעל עבירה. ווען ער טוט — טוט ער נאר פאר זיך אליין. קיינער האט אים ניט געזען טוענדיק די עבירה. אפילו זיין פרוי און קינדער וויסן ניט, אז ער איז א בעל עבירה. לערנט זיך קיינער פון אים ניט אפ. אלזא, ער טוט די עבירה נאר אליין, פון איר וויים נאר ער און גאט ברוך הוא. דאס הייסט: עבירות שבין אדם למקום, די זינד וואס דער מענטש האט געטאן צווישן זיך און גאט, צווישן מענטש און גאט, נאר זיי ביידע וויסן דערפון און קיינער האט זיך ניט אפגעלערנט פון בעל עבירה. די עבירות איז יום הכפורים מכפר...

דער צווייטער סארט בעל עבירה איז אזא וואס זינדיקט בפרהסיא. ער שעמט זיך ניט פאר קיינעם, ער זינדיקט פאר אלעמען אין די אויגן. ער זינדיקט אין גאס און וויאו ער געפינט זיך, און פילע אנדערע נעמען נאך א ביישפיל פון אים און טוען אים נאך, זיי זינדיקן אויך. דאס הייסט עבירות שבין אדם לחבירו, די זינד וואס ער האט געטאן לגבי דעם אנדערן מענטשן, יענער האט געזען, אלע וויסן, אז ער זינדיקט און פילע האבן אים נאכגעטאן די זינד. די עבירות זיינען אפגעטאן בפרהסיא, אף אזעלכע עבירות „אין יום הכפורים מכפר", איז יום כפור ניט מכפר, סידן „עד שירצה את חברו", ער זאל איבערבעטן זיין חבר, ער זאל זיי אויך מאכן גוט. זיין תשובה זאל זיין בפרהסיא און ער זאל זיי אויך בר־נגען צו תשובה, דאן איז יום הכפורים מכפר.

# ליום הכפורים.

רבותי! היינט איז א טאָג פון פאַרגעבונג, יום הכפורים, ווען דער רבונו של עולם פארגיט. ער איז מוחל דעם מענטשן פאר זיינע זינד. זאָל היינט יעדער איינער פון אונז פארשטיין די פילאזאפיע פון לעבן, דאס אלץ, וואָס דער מענטש טוט ברייננט רעזולטאטן; גוטע מעשים ברייננען גוטע רעזולטאטן, גוטעס און גליק פאר דער מענטשהייט בכלל און פאר דער מענטשלעכער נשמה בפרט; שלעכטע מעשים — שלעכטע רעזולטאטן א קללה פאר דער וועלט און פאר זיך. פארגעסט ניט אז דער גאנצער מענטשלעכער לעבן איז א בינטל פון געוואוינהייטן. געוואוינט מען זיך איין צו טאן גוטעס, איז טוט מען איין גוטע זאך נאך דער אנדערער, מצוה גוררת מצוה — איין מצוה ברייננט נאָך זיך די צווייטע מצוה, געוואוינט מען זיך איין צו טאן שלעכטס, איז עבירה גוררת עבירה — שלעפט איין עבירה נאָך זיך א צווייטע. אז אך און ווי איז צו דעם מענטשן ווען ער קען זיך אליין ניט קאנטראלירן: ער זינדיקט, ווערט פארשלעפט אין שלעכטע וועגן, קריכט אריין אין זומפ, און וויל ער ארויסקריכן, איז אים שווער, זייער שווער!

מיר שטייען היינט אלע, מיר, אונזערע פרויען, אונזערע קינדער, פאר דעם גרעסטן וועלט-געריכט און גאט איז אונזער ריכטער, אונזער שופט, ער וועט באשטימען וואס מיט אונז זאל זיין דעם צוקינפטיקן יאר, מי יחיה ומי ימות, מי בקצו ומי לא בקצו, מי במים ומי באש, מי ינוח ומי ינוע, מי יעני ומי יעשר, מי ישפל ומי ירום. מיר זיינען אלע ביי גאט אין די הענט! צום גליק איז אונזער גאט א שופט צדק, ער משפט מיט גערעכטיקייט, און ניט נאר איז ער א שופט צדק, נאר אויך א אב רחמן, א פא-טער פון רחמנות, און דאס איז אונזער גליק!

היינט יום כפור האבן אונזערע עלטערן אין מדבר געזינ-דיקט. אין דעם טאג האבן זיי געדינט צום עגל הזהב, צום גאל-דענעם קאלב, און זיינען פארמשפט געווארן צום טויט, זיי זאלן אינגאנצן אפגעמעקט ווערן פון דער ערד. אבער ווען זיי האבן מיך דערפילט דאס זיי האבן ווירקליך געזינדיקט, האבן זיי וע-קלאגט און געוויינט, האבן זיך אומגעקערט צו גאט מיט זייער

גאנצן הארצן (שמות ל״ג). גאט, דער שופט צדק און דער אב רחמן האט צוריקגעצויגן זיין שרעקליכן טויט-אורטייל און די אידן האבן געקראגן פון גאט כפרה וסליחה, ער האט פארגעבן זייערע זינד און האט זיי מוחל געווען. און אט דעם טאג האט גאט געמאכט פאר דעם גרויסן און שרעקלעכן טאג! דעם צענטן טאג אין תשרי, ווען גאט האט מוחל געווען די אידן די זינד פון עגל הזהב, האט ער מיט זיין גרויס רחמנות באשטימט צו זיין טאג פון פארגעבונג — יום הכפורים.

און אין דעם היינטיקן טאג דארפן מיר באשליסן ניט צו דינען צום עגל הזהב, ניט פארקויפן אונזערע נשמות און די נשמות פון אונזערע קינדער פאר דעם עגל הזהב, פאר די הארטע, קאלטע לאטן (ליטן, זלטעס, דאלארס א. א. וו.), פאר געלט! געלט מוז א מענטש האבן, אבער צוליב געלט מחלל שבת זיין, עסן טרפות, אפנארן מענטשן, געבן פאלשע וואג און פאלשע מאס, שלעכטע סחורה, זאגן ליגן, טאן שלעכטע זאכן -- אזא געלט-מאכן פירט צום טויט און ניט צום לעבן!

די פריי-דיינקער, ראדיקאלן און הפקר-יונגען זאגן, אז אידנטום איז אן אפקומעניש. פאלג מיר א גאנג און פייניג זיך! ניט עסן און ניט טרינקען א גאנצן מעת לעת—איינע קליינישקייט! ווען איר דיינקט אזוי ווייסט איר ניט וואס אידנטום איז, אדרבא, פונקט פארקערט, אונזער תורה, די מוטער פון אידנטום, איז א תורה פון לעבן, א תורת חיים, און די אלע מצוות פון די תורה זיינען צום לעבן און ניט צו מוטשענ׳ן זיך. וחי בהם ולא שימות בהם — יום כפור דארף מען ניט מוטשענען דעם קערפער. נאך דעם באגריף פון אידנטום טאר א איד ניט אנטאן זיך קיין יסורים און טאר ניט אנטלויפן פון לעבן, ער טאר ניט באגיין זעלבסטמארד. אין דער תורה שטייט נאר „ועניתם את נפשותיכם״, פייניגט איין מאל א יאר אייערע נשמות, ניט אייער גוף! דאס מיינט איינצאמען, קאנטראלירן די חיה און דעם מענשן, טאן תשובה, אן אינערלעכע באוואוסטזיניקע תשובה, וועלכע ברייננגט די נשמה פייניקונג, „ענוי הנפש״. עס איז גארניט אזוי שווער ווי מען שטעלט זיך פאר, די צרה איז נאר וואס די יום כפור-אידן וועלכע זיינען א גאנץ יאר ווייט פון אידישקייט, קומען קיינמאל ניט אין שול, ווייסן ניט פון אידישע שמחות, מיינען אז אידנטום

איז אן אפקומעניש. זיי קומען נאר אום יום כפור, עסן גיט מען ניט, טרינקען גיט מען ניט, די גאנצע צייט זיץ נאר אין שול, הער א קרעכץ, זע א אידישע טרער — דעריבער מיינען זיי אט די יום כפור = אידן אז אידישקייט מיינט: ניט עסן, ניט טרינקען, ניט האבן קיין פארגניגן. נאר קרעכצן, וויינען, זיפצען. מיין ליבער יום כפור = איד! קיין פאלק אין דער וועלט האט אזוי ניט ליב צו לעבן ווי דער איד! דער איד לעבט נאך 2 טויזנט יאר גלות אין דער צייט ווען די שטארקסטע פעלקער זיינען שוין פאר= שוואונדן, ווייל זיי האבן ניט געהאט אזא אויסערגעוויינלעכע לעבנס = קראפט ווי דער איד באזיצט. דער איד לעבט און וועט לעבן! דער איד איז אן אפטימיסט, און אויב יום כפור טארסטו ניט עסן און ניט טרינקען, איז דערפאר א מצוה, א גרויסע מצוה צו עסן און טרינקען ערב יום כפור: ערב יום כפור איז א טאג פון פארגניגן, אבער יום כפור איז ניט קיין טאג פון יסורים: דו קענסט נאר ניט האבן די הנאה און פארגניגן וואס דו האסט געהאט ערב יום כפור, ווייל אין פארלויף פון לעצטן יאר האסטו געזינדיקט מיט דיין קראפט און ארבעט און מיט דיין פייאיקייט און טעטיקייט, און יום כפור דארפסטו תשובה טאן און האבן א פארגעבונג אף דיינע מענשליכע שוואכקייטן און זינד.

ווען דו האסט א גאנצן יום כפור פארבראכט אין שול, האסט מחזור געזאגט, געקלאפט זיך על חטא — אבער דו האסט דאס אלעס געטאן נאר אויס געוואוינהייט, די ליפן האבן תפילות געזאגט, אבער די אידישע הארץ און די אידישע נשמה ווייסן פון גארנישט צו זאגן, ווען דו האסט ניט געטאן יום כפור די ריכטיקע תשובה, דאס מיינט א טיפע אינערלעכע חרטה אף דיין פארגאנגענהייט און א פעסטער באשלוס פון מארגן אנצו= פאנגען א ריינעם אידישן לעבן, ווען דו ווייסט טיף אין הארצן אז מארגן וועסטו טאן אזוי ווי דו האסט אלעמאל געטאן, אז דער צוקינפטיקער יאר וועט ניט זיין בעסער פאר דעם פארגאנ= גענעם — דו וועסט זינדיקן אזוי ווי דו האסט ביז איצט געזינ= דיקט, — דאן איז דיין גאנצער זיין יום כפור אין שול אן ארויסגעווארפענע שטיקל ארבעט. דו וועסט זאגן אז א דרשן ליבט אנצווארפן א מורא, איז מגזם די זאך מער ווי עס איז — האסטו א טעות! דו האסט שוין געוויס געהערט דעם מאמר: „טובל ושרץ בידו". דאס איז געזאגט געווארן אף יענעם נאר

וועלכער שטייט אין מקוה, איז זיך טובל, און האלט א שרץ אין האנט. וואס קען העלפן די מקוה־וואסער ווען דער אומרייגער שרץ איז אין דיין האנט? ווען דו טראכסט זיך „אחטא ואשוב", איך וועל זינדיקן און נאכהער וועל איך קומען יום כפור אין שול זיך שלאגן על הטא, ווייל דאס קאסט ניט טייער — עס וועט זיין גוט! — דאן האסטו א גרויסן טעות. ווארף אוועק דעם שרץ פון האנט, רייניק אויס דיין הארץ און דיין נשמה, באשליס צו איבערארנדערשן, צו באנייען דיין לעבן, דאן וועסטו עפעס האבן אופגעטאן יום כפור!

מיר האבן צום גרויסן באדויערן עברינים; מיר האבן אזעלכע אידן וואס זאגן „נדרנא לא נדרי", זייערע נדרים האלטן זיי ניט, א שבועה איז קיין שבועה ניט; מיר האבן א היבשן קלאס אידן וועלכע קומען ניט א גאנצן יאר אין שול, ווערן פרעמד פון אלץ וואס ביי אונז איז הייליק און טייער, זיי קומען נאר איינמאל א יאר -- יום כפור! מען רופט זיי „יום כפור־אידן", אויך „הזכרת נשמה־אידן". אט פאר די אידן איז נויטיק באקאנט צו מאכן יום כפור נאך נעילה די ריכטיקע צייט ווען מען וועט זיך שטעלן דאווגען דעם צוקינפטיקן יום כפור איבער א יאר... ווייל פון דעם יום כפור ביזן קומענדיקן יום כפור וועט זייער פוס ניט זיין אין שול. אט צוליב די „יום כפור אידן" זיינען באשאפן געווארן „יום כפור־טראפנס", חייל אזעלכע אידן זיינען דאך זייער שוואכע פארחלשטע אידן... קומען די טראפנס און מינטערן די נשמה פון אזעלכע אידן!..

איצט, אבער, יום כפור, זיינען אלע אין שול, דעריבער לאמיר בעטן גאט ער זאל מכפר זיין אף די זינד פון אלע אידן, ווייל ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא, א איד אפילו ווען ער זינדיקט איז ער א זינדיקער איד, אבער א איד איז ער! און זאל הקדוש ברוך הוא שטארקן די שוואכע אידישע הערצער, זאלן די ניט־פרומע אידן ווערן פרום און זאל אונז אלעמען דער רבונו של עולם געבן א נייעס גליקלעכן יאר צוזאמען מיטן כלל ישראל בכל מקום שהם און מיר זאלן זוכה זיין צו ישועות ונחמות מיט א גאולה שלמה במהרה בימינו, אמן!

# יום כפור־געדאנקען.

ניט קיין רייכטום, ניט קיין ערדישע גיטער קומט דער איד אין זייל שול אויסוויינען יום כפור. ער קומט ניט אין דעם טאג בעטן בא גאט וועלטלעכע גליקן און מאכט. בלעטערט, אדרבא, דורך דעם דיקן יום כפור׳דיקן מחזור, נישטערט דורך אלע תפילות ותחנונים און איר וועט ניט געפינען איין תפילה, אז דער איד זאל בעטן פאר זיך א גוטן מזל, אז ער זאל ווייי־נען נאך די משמני הארץ, וואס זיינען אים שוין פארשפראכן געווארן אין די אלטע צייטן. די משמני הארץ, דאס הייסט עשירות און מאכט — ווער נאך, אזוי ווי דער איד, ווייס, אז זיי האבן אין דער וועלט בכלל קיין גליק ניט געבראכט?

געטריבן אזוי ווי א שמרוי פון א שטורם־ווינט ווערט דער איד שוין זייט 2 טויזנט יאר ארומגעשליידערט פון איין לאנד צום אנדערן, קומט ערגעץ, באזעצט זיך, ווערט רייך און מיינט, אז דא האט ער שוין געפונען זיין היים... פלוצים א שחיטה, א פאגראם, א גזירה, און פון אלע זיינע עשירות ווערט א בארג אש, ער מוז ווידער וואנדערן.

און וואס האבן רייכטום און מאכט געבראכט דער וועלט, אויב ניט מער קנאה און שנאה, ערביטערונג און מלחמות? וואס האבן דען די ערדישע גיטער געגעבן די מענטשן, אויב ניט צרות?

און ווען דער איד קומט אין זיין הייליקסטן טאג אין שול, וויינט ער ניט פאר־וואס ער איז ניט רייך, נאר ער בעט וואס די נביאים האבן געבעטן. ער בעט פאר ברידערלעכקייט צווישן מענטשן: ער אפעלירט פאר טאלעראנץ, מענטשן זאלן איינע די אנדערע בעסער פארשטיין, זיי זאלן קענען מוחל זיין א באגאנ־גענעם פעלער, פארצייען איינער דעם צווייטן זיינע זינד. ער בעט פאר פריינדשאפט, פאר שלום — פאר דעם גליק פון אלע מענטשן.

ויעשו כלם אגדה אחת — מיט א צובראכענעם הארצן און מיט פייכטע אויגן פון טרערן בעט דער איד אז די מענטשן זאלן זיך פארברידערן, אלע צוזאמען, אזוי ווי איינער. און ניט די אידן, נאר אלע מענטשן, אלע פעלקער, אלע אין איין אגודה, אין איין פארבאנד, אין איין ליגע, אין א וועלט־אגדה. דאס האבן

די אידישע נביאים שוין געבעטן מיט טויזנטער יארן צוריק, דאס בעטן די אידן אלע זייערע יארן, אין זייערע היליקסטע טעג, אין די ימים נוראים.

און באטראכטנדיק די גאנצע מענטשהייט פאר ברידער, פאר מיטגלידער פון איין אגודה, בעט דער איד אין זיין הייליקסטן טאג:

והרשעה כלה כעשן תכלה.

עס איז ניטא קיין לאנד אין דער וועלט וואו אידישע בלוט האט זיך ניט געגאסן, ניטא קיין אומה ולשון וואס האט ניט אירע אייגענע אידישע „עשרה הרוגי מלכות", איר אידישן מארטיראלאג. פון בבל ביז אוקראינע, פון פערסיען ביז רומעניע — וואו זיינען אידן ניט געיאגט, געפייניקט און געשאכטן געווארן? דאך זוכט דער איד ניט קיין נקמה, ערווארט ניט אף דער מפלה פון זיינע שונאים און אין זיין הייליקסטן טאג בעט ער ניט: והרשעים כלם כעשן יכלו, אז די רשעים זאלן אלע פארשווינדן ווי רויך, נאר והרשעה כלה כעשן תכלה, די שלעכטסקייט זאל פארשווינדן. דער איד וויל ניט אז די רשעים, די שלעכטע מענטשן וואס האבן אים געפייניקט, זאלן פארשווינדן פון דער וועלט, ווי א רויך: זיי זיינען דאך מענטשן, אויך באשאפן בצלם אלקים, מען טאר ניט ווינטשן א מענטשן דעם טויט. ניין, ניט די שלעכטע מענטשן זאלן פארשווינדן, בעט דער איד, נאר די שלעכטסקייט, די „רשעה", די בייזע געדאנקן, די שלעכטע געפילן, עס זאל אויסגעראטן ווערן די חיה אין מענטשן — דער מענטש אבער זאל בלייבן.

אזוי האבן שוין געלערנט די אלטע אידישע חכמים, ווען זיי האבן געדרשנט דעם פסוק: „יתמו חטאים מן הארץ", אזוי האבן נאך פריער געפרעדיקט די נביאים, און אזוי בעט דער איד אין זיין יום כפור. עס איז ניטא בײַ דעם אידן קיין געפיל פון נקמה צו א מענטשן, אפילו ניט צו א שונא, ווייל דער איד איז ניט קיין נוקם ונוטר. ער וויל שלום מיט די מענטשן און מיט דער וועלט און איז אלעמאל זייער גערן צו פארגעסן די גרויסע פארברעכנס וואס זיינען באגאנגען געווארן קעגן אים. און אין זיין הייליקסטן טאג, יום כפור, רופט ער אויס מיטן גאנצן הארצן:

ונסלח לכל עדת בני ישראל ולגר הגר בתוכם כי לכל העם בשגגה!

דער איד איז מוחל אלעמען זייערע באגאנגענע עולות; ער איז מוחל ניט נאר דעם אייגענעם, דעם אידן, נאר אויך דעם פרעמדן, דעם גוי, מיט וועמען ער איז א שכן און וועלכער האט אים שלעכטס געטאן. ער געפינט אף זיי אלעמען א זכות:

„בשגגה" — זיי זיינען פארפירטע, פארנארטע, זיי האבן שלעכטע מדות, אבער זיי זיינען מענטשן, מען מוז זיי געבן א געלעגנהייט זיך צו בעסערן. אט דאס איז דער איד!

מיט אן ערלעכן, רואיקן געוויסן, פריי פון אלע נידריקע ליידנשאפטן פון קערפער, שטרעבנדיק צו שלום מיט די מענטשן און מיט דער וועלט, גייט דער איד יום כפור אין שול בעטן —

בעטן ניט פאר זיך, ניט פאר רייכקייט, ניט פאר ערדישע פארגניגנס, נאר פאר א בעסערע מענטשהייט, פאר א מענטש-הייט אן נקמה, אן שנאה, נאר מיט ברידערלעכער פריינטשאפט.

קענט איר נאך א פאלק מיט אזא שיינעם אידעאל, ווי דאס אידישע?

האט איר געזען נאך אן אומה, וואס זאל האבן אזא דער-האבענעם יום טוב, ווי יום כפור?

---

## צו נעילה.

רבותי! מיר האלטן איצט ביי נעילה. די טויערן פון הימל האלטן זיך ביים שליסן. מיר גייען איצט דורכלעבן די נעילה-שטימונג, די שענסטע און הייליקסטע שטימונג פון יאר. אין איצטיקן אויסערגעוויינלעכן הייליקן און שיינעם מאמענט — דער נעילה מאמענט — מוזן מיר געבן אויסדרוק צו אונזערע רייכע, הייליקע אידישע נעילה-געפילן. דער נעילה נגון גלעט אונזער נשמה, וועלכע איז איצט צו נעילה אויסגעלייטערט און ריין ווי גאלד. זי איז שיין ווי די שכינה, יעדער פילט זיך יעצט רוחניות'דיק, דערהויבענער ווי אלעמאל. און ווען די לעצטע

שטראלן פון דער יום כפור ־ זון וועלן באלייכטן דעם עמוד פון אונזער שול, וועט איר זען, הייליקע אויסגעלייטערטע אידן, ווי די מלאכים פון הימל וועלן קומען און העלפן אונז מיטזינגען, ווייל נעילה איז דער קדשי קדשים פון די ימים נוראים. איצט פילן מיר הייליקייט אין אונז און ארום אונז, די וועלט איז היי־ ליק און דער מענטש איז הייליק. די טויערן פון הימל זיינען נאך אפן, עס איז ניטא קיין מחיצה צווישן אונז און דעם רבונו של עולם. מיר ווענדן זיך איצט, נעילה צייט, ניט נאר צום שופט צדק, נאר אויך צום מלך הקדוש, גאט איז הייליק, זיין פאלק ישראל איז הייליק, ווייל קדושים תהיו כי קדוש אני!

איצט, פאר נעילה, איז די ריכטיקע צייט און דער וויכ־ טיקסטער מאמענט זיך גרייט צו מאכן פאר קדושה וטהרה. אט, אט, שליסט מען צו די טויערן פון הימל, פארזאמט ניט די צייט! איצט, אין די לעצטע מינוטן, ווען אונזער צוקונפט און די צוקונפט פון אונזערע קינדער און אלע וועלכע זיינען ביי אונז ליב און טייער וואַרטן אַף גאטס חתימה, ווען מיר וועלן באלד בעטן — וחתום לחיים טובים כל בני בריתך — א גוטע חתימה, שרייען מיר: פתח לנו שער בעת נעילת שער! אין דער צייט ווען די טויערן פון הימל האלטן באם געשלאסן ווערן, עפן פאר אונז, רבונו של עולם, די טויערן פון רחמנות, די שערי רחמים, מיר זאלן אַף דעם נייעם יאר פון קיינע צרות און פון קיינע אומגליקן ניט וויסן, ניט דער פרט און ניט דער כלל ישראל!

ווי שיין און הייליק זיינען אונזערע נעילה־תפילות! באלד וועלן מיר טענה׳נען צום רבונו של עולם: אתה נותן יד לפושעים וימינך פשוטה לקבל שבים, גאט, כביכול, גיט די האנט, שליסט שלום איצט צו נעילה אפילו מיט די פושעי ישראל און עמפ־ פאנגט די וואס קערן זיך אום צו אים. רבותי, דאס אידנטום רופט איצט אונז צוריק: קערט זיך אום צו מיר די אלע וואס ווילן זיך מיט אן אמת אומקערן צוריק, צוריק צו גאט, צווייק צו אונזער תורה, צוריק צום שבת, צוריק צו אלץ וואס איז בא אונז הייליק און טייער! איצט איז די צייט!

רבותי! דערמאנט זיך נאר וויפל מאל מיר האבן זיך דאס געקלאפט אין הארצן, זאגנדיק „על חטא שחטאנו״! אבער ווייסט

איר וואס איז דער צוועק פון די קלאפעניש אין הארצן, פון מתודה זיין זיך? די תפילה פון נעילה וועלכע מיר וועלן באלד זאגן דערקלערט דאס גאנץ שארף און אפן: „ותלמדנו ה' אלהינו להתודות לפניך על כל עונותינו, למען נחדל מעשק ידינו", דו האסט אונז געלערנט, גאט, אונזער גאט, אז מיר זאלן זיך מתודה זיין פאר דיר אף אלע אונזערע זינד, כדי אונזער האנט זאל מער ניט ראבירן, דער שטארקער זאל ניט דריקן דעם שוואכן, דער רייכער זאל ניט דריקן דעם ארעמען, דער אר־בעטס־געבער — דעם ארבעטס־נעמער, דער הויזווירט — זיינע שכנים, און אזוי ווייטער. רויב ניט! גזל ניט! נאר ניט אפ קיי־נעם! ווען עס ארבעטן בא דיר ארבעטער און זיי קריגן ניט גוט באצאלט פאר זייער ארבעט, זיי ארבעטן פאר דיר פאר שפאט ביליק, זיי מאכן דיר רייך און קריגן ניט דעם ריכטיקן ווערט פון זייער ארבעט, הייסט דאס אז דו באגזלסט זיי. ווען דו ביסט פארקערט, אן ארבעטער, טו דיין ארבעט ריכטיק און ערנסט, ווען ניט ביסטו א גנב, ווייל דו קריגסט באצאלט פאר דיין צייט, דיין צייט איז פארקויפט און ווען דו טוסט ניט דיין ארבעט באמונה, דאן איז עס גזילה. אט די שארפע ווערטער זאגט אונז די תפילה פון נעילה, די מאראל פון אידנטום! באלד ענדיקן זיך די ימים נוראים און יעדער פון אונז קערט זיך צוריק צום געוויינלעכן אלטעגלעכן לעבן, דעריבער, ארבעטער, געשעפטסלייט, ארבעטגעבער, הויזווירטן און אלע איבריקע אידן, יעדער אין זיין פאך, געדיינקט אט די פאר ווערטער פון נעילה „למען נחדל מעשק ידינו", מיר זאלן קיינעם ניט בארויבן.

איצט, צו נעילה. וועלן מיר זאגן א פאר ווערטער, וועלכע עס איז כדאי מיר זאלן זיך גוט אריינטראכטן אין זיי, און עפעס לערנען פון זיי. מיר וועלן באלד זאגן: העיר הקדש והמחוזות היו לחרפה ולבזות, וכל מחמדיה נטולות וגנוזות, ואין שיור רק התורה הזאת. די הייליקע שטאט ירושלים און די אומגעגנט זיי־נען צוגענומען געווארן פון אונז, אלץ האבן מיר פארלארן, עס איז אונז איבערגעבליבן נאר איין וויכטיקע הייליקע זאך וואס האלט אונז אוף אז מיר זאלן ניט אונטערגיין, מיר זאלן ניט אסימילירט ווערן, מיר זאלן ניט ארונטער פון דער וועלט־ארענע אלס אידישע פאלק, און דאס איז — אונזער תורה. די תורה

האט פארנומען בא אונז דעם פלאץ פון א לאנד, א רעגירונג, אן ארמעע, א קאנסטיטוציע, א ליטעראטור, אלץ איז פאר אונז געווען די תורה און זי וועט אלעמאל אויך זיין פאר אונז אלץ. לאמיר זיך פרעגן איצט, פאר נעילה, ווען מיר גייען עפענען דעם ארון קדש און די תורה וועט שטיין פאר אונזערע אויגן — וואס האבן מיר געטאן און וואס גייען מיר טאן אין דער צו־קונפט פאר דעם למוד התורה און פאר די לומדי התורה? ווי אזוי האלטן מיר אויס די רבנים, וועלכע זיינען די נושאי דגל התורה — זיינען זיי דען ניט אין א שווערע, שרעקלעכע לאגע? גיבן מיר זיי גענוג אף אן אנשטענדיקן לעבן כדי זיי זאלן ניט דארפן צוליב פרנסה, צוליב ברויט פאר זייערע קינדער זיך דער־נידעריקן און דאמיט אויך משפיל זיין דעם כבוד התורה והרבנות ביי אידן? און וואס טוען מיר פאר דעם למוד התורה צווישן אונזער יונגן דור? אונזערע זין און טעכטער, וועלכע וועלן דאס דארפן איבערנעמען פון אונז אלס ירושה דאס אידנטום אין אונזערע שולן און בתי מדרשים — האבן מיר זיי געגעבן א גוטע אידישע דערציאונג כדי זיי זאלן זיין פייאיק איבערצונעמען פון אונז אונזער גרויסע הייליקע ירושה?

מיר וועלן באלד זאגן: „היום יפנה, השמש יבא ויפנה", די זון האלט ביים אונטערגיין, און ניט ווילנדיק רייסט זיך ארויס א קרעכץ פון אונזער הארצן ווען מיר דערמאנען זיך אז די זון פון אידנטום, וועלכע האט געשיינט טויזנטער יארן נאכאנאנד, האַלט ביים אונטערגיין! הונדערטער טויזנטער אידישע קינדער געניסן ניט א ברעקל אידישע דערציאונג און וועלן אויסוואקסן פרעמד צו גאָט, צו ארץ ישראל, צום אידישן פאלק, און צו אַלץ וואָס עס איז ביי אונז אידן ליב, הייליק און טייער!

די צייט אין וועלכע מיר לעבן איצט איז א צייט פון נעילה. „נעילה" הייסט אין העברעאיש — פארשלאסן. דאָס גאַנצע אידנטום, די העברעאישע שפראַך, תורה, רש"י, נביאים, משנה, אגדה, גמרא, זוהר — אלץ איז פארשלאסן פאר אונזערע קינדער. דער יונגער דור הייבט ניט אן צו וויסן ווי רייך מיר זיינען, וואָס פאר אוצרות דער אידישער זשעני האָט געשאפן! אָט די אלע אוצרות זיינען פאַרשלאָסן פאַר אונזערע קינדער, זיי זיינען שרעקלעך אומוויסנד, דערפאר זיינען זיי אזוי ווייט און

פרעמד צו אונז און צו אונזערע גייסטיקע אוצרות. עס איז נעילה, אַלץ איז פאַרשלאָסן פאַר אונזערע קינדער! אונזערע קינדער ווערן דערצויגן אין די מייסטע לענדער אין די פרעמדע שולעס: פרעמדע לערער, פרעמדע שפּראַך, פרעמדע ליטעראַטור, פרעמדע קולטור, אַלץ פרעמד, זייער פרעמד! און די קינדער אונזערע וויסן גאָר ניט פון אידישקייט — נעילה! נעילה!

לאָמיר עפענען פאַרן יונגן דור די טויערן פון אידנטום, וועט דערפאַר דער רבונו של עולם עפענען פאַר אונז די שערי רחמים און מיר וועלן האָבן אַ חתימה טובה, א שנת חיים ושלום, אמן!

# לסכות

אמר מר, אתרוג כושי פסול, והתניא כושי כשר דומה לכושי פסול, אמר אביי כי תנן נמי ממתניתן דומה לכושי תנן רבא אמר לא קשיא הא לן הא להו (מס׳ סכה)

דער נביא עמוס האָט צוגעגליכן די אידן צו כושים, דאָס הייסט צו שווארצהויטיקע מענשן, אָדער נעגרעס. דער נביא זאָגט: „הלא כבני כושיים אתם לי בני ישראל נאום ה׳״: ווען דו קוקסט אף א נעגר דוכט זיך אָפּ אז זיין בלוט איז אויך שווארץ, אָבער ווי נאר עס מאכט זיך אף זיין הויט א וואונד און עס רינט בלוט, זעסטו, אז דעם נעגערס בלוט איז אויך אזוי רויט ווי די בלוט פון ווייסן מענשן. אט אזוי איז אויך מיט אונז אידן. ווי שלמה המלך זאָגט: „אל תראוני שאני שחרחורת ששזפתני השמש״ — עס זיינען דאָ אידן וואס אויסערלעך זיינען זיי שווארץ, זיי האבן פארלאָרן דעם צלם אלקים, אָבער ווי נאר מען מאכט זיי אפילו א לייכטן וואונד, פארלירט זיך זייער שווארצקייט און עס באווייזט זיך דער איד...

אין גמרא קומט פאר א דיספוט וועגן „אתרוג כושי״, אויב ער איז ענלעך אף א כושי. אָדער „ הא לן והא להו״. אויב עס איז דאָ א חילוק צווישן ארץ ישראל און כוש, דאס הייסט חוץ לארץ, מיט איין וואָרט — דער „אתרוג כושי״ איז כשר אָדער

פסול אָפּהייענגיק פון זיין קוואליטעט און אָרט וואו ער איז געוואקסן: אויך אזוי איז מיט דעם סאָרט אידן. זייער כשרות אָדער פּסלות איז אָפּהייענגיק פון זייערע איינגשאפטן און פון דעם לאנד וואו זיי לעבן...

אין די פריערדיקע דורות, ווען דער איד פלעגט געבאָרן ווערן און אופוואקסן אין א אידישע סביבה — דאן האָט די תורה און אמונה ג׳הערשט אין אלע ווינקאלעך — פלעגט א איד, וועלכער פלעגט אראָפּגיין פון גלייכן וועג און אראָפּוואָרפן פון זיך דעם צלם אלקים, פארעכנט ווערן ווי א „אתרוג דומה לכושי״. ער האָט ניט געהיט די תורה, פלעגט ער זיין פארעכנט ווי פסול...

היינטיקע צייטן איז אנדערש. אט אזוי ווי דער „אתרוג הכושי״ זיינען די אידן שווארץ נאָר צוליב דעם וואָס דער אָרט איז דאצו גורם... זייער כשרות איז אָפּהייענגיק פון אָרט... דעריבער מאָר מען ניט אזעלכע אידן אָפּשטויסן פון זיך. זיי זיינען שווארץ נאָר פון אויסן, ווי דער נביא האָט געזאָגט: „הלא כבני כשיים אתם לי בני ישראל״, אבער דאָס בלוט פון אזעלכע אידן איז אידישע בלוט.

די ספרי מוסר זאָגן, אז מען קען ניט מעסטן די צדקות און זינד פון מענשן מיט איין מאָס — אלעס איז אָפּהייענגיק פון אָרט און צייט, פון דעם נסיון וואס דער מענש דארף אויסשטיין, און פון דעם אופן ווי די גוטע אָדער שלעכטע מעשים זיינען געטאָן געווארן. למשל, נח איז געווען א צדיק, ווייל אלע מענשן זיינען דאן געווען שלעכט און ער האָט פון זיי ניט געלערנט, דאס הייסט א פראָסטער מענש קען אויך זיין א צדיק: עס הייננט נאָר אָפּ פון אָרט און צייט. ווייטער זעען מיר בא אליהו הנביא. ווען די אלמנה פון צרפת צו וועלכער גאָט האט אים געשיקט זי זאָל אים שפּייזן, האט געזאָגט צו אים: „מה לי ולך איש האלקים, באת אלי להזכיר את עוני״ (מלכים א׳, י״ז). אין פארגלייך מיט אליהו הנביא איז אפילו אזא צדקנית פארעכנט געווען פאר א זינדיקע. דאָס באווייזט אז עס איז ניטא קיין איין מאָס פאר צדקות און רשעות, אלץ הייננט אָפּ פון „שווי״, פון פארגלייך, פון אָרט און צייט.

דאָס זעלביקע איז נוגע אידן היינטיקע צייטן. מען קען למשל ניט פאַרגלייכן אַ אידן פון אַ קליינע אידישע שטעטל אין פּוילן, ליטע אָדער רומעניע וועלכער איז אַ שומר שבת מיט אַ אידן פון אַ גרויסע שטאָט, ווי בערלין, וואַרשע אָדער ניו־יאָרק, וועלכער איז אויך שומר שבת. דער שכר פון צווייטן איז אַסך גרעסער, ווייל דעם ערשטן איז אַ סך לייכטער אָפּצוהיטן שבת. זייערע מצוות זיינען אין „כמות" שקולות, דאָס הייסט זיינען גלייך, אָבער אין „איכות" איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן זיי. דער נסיון אין דער גרויסער שטאָט איז אַ שטאַרקערער און אין איצטיקער אַסך אַ גרעסערער, ווי אין אַמאָליקע צייטן. דעריבער איז אַן עבירה וואָס דער אָרט און די צייט זיינען גורם ניט אַזוי שווער, ווי אַן עבירה וואָס די ביידע פאַקטאָרן זיינען איר ניט גורם. דאָס וואָס דער איד האָט געטאָן די עבירה שהמקום והזמן גרמו לכך, ווייזט נאָך ניט אַז ער איז פאַרדאָרבן. אַניערש איז אָבער ווען די עבירה איז להכעיס, ווען דער אָרט און די צייט זיינען איר ניט גורם, דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַן „אתרוג כושי פסול".

מען דערציילט פון גאון ר' ישראל סאַלאַנטער אַז ער איז איינמאָל תשעה באב אוועק נאָך קינות אין אַ הויז פון אַ ווילנער משכיל, וואו עס האָבן זיך געזאָלט פאַרזאַמלען די משכילים צו פּראַווענען אַ סעודה. ר' ישראל ז"ל האָט געוואָלט זיך איבערצייגן צו עס איז אמת די מעשה האָט ער מיטגענומען דעם גבאי, און ווען זיי האָבן געעפנט די טיר, האָבן זיי דערזען אַז די מעשה איז אמת: די משכילים זיצן און עסן ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג. האָט ר' ישראל זיך געווענדעט צו די משכילים און געזאָגט: „מיט אַ גוטן אַפּעטיט"! איז דער גבאי נשתומם געוואָרן: ער האָט געמיינט אַז ר' ישראל וועט אָנפאַנגען צו שילטן די אפּיקורסים און צום סוף ווינשט ער זיי אַ גוטן אַפּעטיט. „רבי וואָס באַדייט דאָס? — האָט דער גבאי געפרעגט. — וואָס פאַרשטייסט דו ניט, איך האָב זיי געזאָגט זיי זאָלן לכל הפחות עסן מיט אַפּעטיט, מיט חשק, כדי די עבירה זאָל ניט זיין להכעיס! דער צדיק האָט געוואוסט אַז די „משכילים" זיינען עובר אַף אַסך מצוות ניט נאָר צוליב תאוה, נאָר פּשוט צוליב כפירה אָדער לייכטזיניקייט.

פון דעם זעען מיר אז די עבירה פון די „משכילים" איז אסך א שווערערע, הארבערע ווי די זעלבע עבירה וואָס טוט א איד וועלכן מיר רופן „אתרוג כושי". רש"י ז"ל גיט טאַקע אַזאַ פירוש דעם מאמר „כובש את הכף מאזנים של זכות", אַז דער רבונו של עולם מוז אַסך מאָל פארגרעסערן דעם געוויכט פון אַ מצוה און איר רעכענען פאר א דאָפלטע, ווי ל זי איז געטאָן געוואָרן אין תנאים וועלכע מאכן שווער צו טאָן א מצוה. און אסך מאָל מאכט דער רבונו של עולם לייכטער דעם געוויכט פון אן עבירה, ווייל דער אָרט און די צייט האָט איר גורם גע־ווען און זי איז געטאָן געוואָרן פון א איד וואָס איז ווי „אתרוג כושי שגדל בחוץ לארץ". אנדערש איז די זאַך ווען די מצוה אָדער די עבירה איז געטאָן געוואָרן פון א אידן וועלכער איז ווי א „אתרוג כושי בארץ ישראל" אָדער „דומה לכושי".. די כשרות און פסלות פון אידן הייננט אָפּ פון מקום וזמן.

---

# לסכות

»ולקחתם לכם פרי עץ הדר״, ד״א הדר אלו ישראל (מדרש)· בכל עת יהיו בגדיך לבנים ושמן על ראשך אל יחסר (קהלת).

אין די ווערטער פון גרעסטן חכם פון דער וועלט ליגט באַהאלטן אַ גרויסער מוסר השכל בנוגע די פאַראַנטוואָרטליכ־קייט וואָס ליגט אף אונז אידן אַלס אַן אויסדערוויילטעס פאָלק, אַלס אן „עם הנבחר". יעדער איד מוז אימער זיין „הדר". ריין פון יעדן פלעק. מיר מוזן שטענדיק געדיינקן דעם פסוק פון „בכל עת". ווי ל דער איד איז אין דער לאַגע פון א מענשן וואָס איז פון קאָפּ ביז די פיס אָנגעטאָן אין ריינע ווייסע בגדים און אף זיין קאָפּ שטייט אַ פולע כלי מיט בוימל: דער איד מוז אַלעמאָל גיין מיט אַ גלייכן וועג, ווייל טאָמער קערט ער זיך אָפּ אין אַ זייט פאַרגיסט זיך די בוימל אף זיינע קליידער... און בוימל אָפּוואַשן איז גאָר ניט אַזוי לייכט.. די פלעקן איז שווער ארויסצונעמען...

צום באַדויערן האָבן זיך די לעצטע צייטן באַוויזן סמנים פון א סך פלעקן בא אונז אידן, דאָס ווייזט אַז מיר זיינען אַראָפּ פון גלייכן וועג! עס האָבן זיך באַוויזן אידן מערדער און פאַר־

בּרעכער, וואָס פריער איז דאָס געווען אַ זעלטענהייט. די וואָס טרייסטן אונז און זאָגן אַז אונזערע פלעקן זוינען א גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט די פלעקן פון אַנדערע פעלקער, פארגעסן דעם מאמר „כתמי עכו״ם אינם מטמאים״, די פלעקן פון אַ גוי זייַנען נים מטמא און אף די פלעקן פון אידן איז געזאָגט געווארן „ושקצונו כטומאת הנדה״. מען פארמיאוסט אינז ווי די טומאה פון נידה. דאס וואָס מען זאָגט אז אידן האָבּן אויך רעכט צו האָבן אויסוואורפן איז א קנאפּע טרייסט. פארגעסט נים, אז ווען אפילו דער גרעסטער און בכבודיקער מענש בּיי נים = אידן ווערט נכשל אדער טוט אָפּ א פּארברעכן... איז שא, שטיל!... מען וואשט לייכט אָפּ דעם פלעק... אבּער ווען דאס זאל זיין א איד ווארפט מען דעם שולד אף אלע אידן. פון איין צד זיינען אונזערע שונאים אדער אנטיסעמיטן גערעכט ווען זיי הייבּן אוף א ו צעקו, ווייל א פאָלק, וואס גאט האט זיך פאר אים אנטפלעקט אפן בּארג סיני און ער האט געהערט די געטלעכע שטימע אויסרופן „לא תרצח״, „לא תגנוב״, טאר נים אזוי ווי אנדערע פעלקער ארויסגעבּן פון זיך מערדער און גנבים׳ דער מדרש זאגט: „הדר״ אלו ישראל, דער איד מוז זיין „הדר״, הערלעך און ריין פון אלע זייטן.

אַף דעם געדאנקען איז דא א רמז אין די עשרת הדבּרות „לא תשא את שם ה׳ אלקיך לשוא, כי לא ינקה ה׳ את אשר ישא את שמו לשוא״ — דאָס הייסט דער איד מוז שטענדיק געדיינקען, אז ער טראגט אף זיך א דאפּלטן פליכט אלס איד און מענטש בּנוגע צו זיינע מדות און אופפירונג. „לא תשא״ — דו איד, מיטגליד פון הייליקן פאָלק, מוזט שטענדיק געדיינקען אז דו טראגסט אף זיך דעם נאָמען פון גאט, דעריבּער פארגעס נים די אחריות וואס ליגט אַף דיר און טראָג נים אומזיסט דעם גרויסן הערלעכן נאָמען! „כי לא ינקה ה׳ את אשר ישא את שמו לשוא״, דאָס הייסט „שמו״, דעם מענטשנס אייגענער נאָמען, אַלס א מענטש מוז דער איד אויך גיין אין גלייכע וועגן און נים טראגן אומזיסט דעם נאָמען „מענטש״, הן אַלס איד, הן אלס מענטש טארסטו נים פאַרשוועכן דעם נאָמען „מענטש״, שוין אָפּגערעט פון גאָטס נאָמען. אף דעם האָבּן די חכמי חמדרש געזאָגט: „הדר אלו ישראל״.

# סכות.

די גרויסע וועלט־מלחמה, וועלכע האָט זיך ניט לאַנג גע־ענדיקט אָפיציעל און איז נאָך ניט געענדיקט אין דער ווירקלעכ־קייט, האָט צוזודערט די מענטשלעכע נשמה. די מענטשהייט בלאָנדזשעט און האט נאָך ניט געפונען דעם ריכטיקן וועג. די נשמה פון דער גאַנצער מענטשהייט בלאָנדזשעט אין עולם התהו און האָט נאָך ניט געפונען איר תקון. די וועלט איז אומרואיק, קיין פאָלק איז ניט זיכער מיט זיין צוקונפט: די לאַגע איז שווער און טראַגיש. אַפילו די גרעסטע אין שטאַרקסטע וועלט־מלוכה, דער מאָדערנער רוים, — ענגלאַנד, האָט זיך אַ שאָקל געטאָן און קוקט מיט אינערלעכע אומרואיקייט וואָס מיט איר וועט מאָרגן זיין. דאָס נעמט זיך אַלץ פון איין סיבה: ווייל די מענטש־הייט איז אַוועק פון גאָט, וויל ניט זיצן אין סכה, דערפאַר איז קיין שלום אף דער וועלט ניטאָ. וואָלטן אָבער אַלע פעלקער אריין אין דער סכה פון גאָט, פון דעם איינציקן גאָט, אלקי האמת, דאן וואָלט די גאַנצע וועלט געווען א סכת שלום און אידן, וועלכע זיינען אלעמאָל געווען אַ פאָלק פון שלום, וואָלטן דאן געווען די סכה פון שלום:

ופרוש עלינו סכת שלומך!

עס איז אונמעגלעך צו לעבן א רואיקן, גליקלעכן לעבן ווען מען האט ניט בטחון אין גאט. נאר דעריעניקער, וועלכער האט בטחון אין גאט איז רואיק און גליקלעך, קיין זאך שרעקט אים ניט, קיין זאך מאכט אים ניט אומרואיק. דער בעל בטחון פארלאזט זיך אף גאט און אלץ וועט שוין זיין רעכט!

די גמרא און דער מדרש דערציילן אונז: דער גרויסער אומשטערבלעכער איד, הלל הזקן, די קאפ פון אידישן פאלק אין זיין צייט, איז געגאנגען אין וועג, האט ער דערהערט פון זיין שטאט וואו ער האט געוואוינט שרעקלעכע, פארצווייפלטע גע־שרייען. האט זיך הלל ניט דערשראקן, ער האט זיך געזאגט: „איך בין זיכער, איך האָב בטחון, אז דער אומגליק האט ניט פא־סירט בא מיר אין הויז!“ דער תהלים זאגט וועגן דעם: „דעריע־ניקער וואס האט בטחון האט קיין מורא ניט פאר קיין אומגליק,

ווייל ער האט בטחון אין גאט״. און ניט נאר א יחיד קען ניט לעבן אן בטחון, נאר אויך גאנצע פעלקער. א פאלק, א נאציאן, קען ניט עקסיסטירן ווען זי האט ניט קיין בטחון אין גאט און אין די כחות פון פאלק. דאס הייסט ניט, אז דער מענטש מוז זיך פארלאזן נאר אף גאט און אליין גארנישט טאן. דער זעלבער גרויסער פאלקס־פירער און פילאזאף הלל הזקן האט געזאגט: „אם אין אני לי, מי לי, אם לא עכשיו אימתי״. אויב ניט איך וועל טאן פאר זיך, טא ווער וועט טאן? אויב ניט איצט, טא ווען? עס האנדלט זיך וועגן בטחון אין גאט. איבערהויפט האט זיך אויסגעצייכנט אין דער מידה פון בטחון דאס אידישע פאלק. ניט קוקנדיק אף די שרעקלעכע פארפאלגונגען און צרות, וואס דער איד ליידט אין גלות פאר די לעצטע צוויי טויזנט יאר, לעבט פונדעסטוועגן דער איד און לעבט אריבער זיינע אלע בלוט־שונאים, ווייל ער האט בטחון אין גאט, און דער אידישער בטחון איז גרויס און וואונדערבאר! דער אידישער בטחון שאפט באמת וואונדער!

און די סכה איז דער סימבאל פון בטחון, גייט אריין דער איד אין זיין סכה באשיצן זיך אונטער גאטס השגחה, בצל שדי, אין א סכת שלום, אונטער דעם סכך, וואס די געטלעכע השגחה עליונה באדעקט אים, ווייל די השגחה עליונה איז דער סכך פון אידישן פאלק!

אבער וואס זעען מיר די לעצטע צייטן בא אונז אידן? זעלטן וואו א איד אין א גרויסער שטאט, אדער אפילו אין א קלענערע זאל מאכן פאר זיך א סכה. נאר פרומע געציילטע אידן, אדער קהלות און בתי מדרשים, בויען א סכה פאר מערע־רע אידן. הונדערטער, טויזנטער אידן האבן ניט א סכה פאר זיך, דערפאר פעלט אונז טאקע דער בטחון, וואלטן מיר געהאט בטחון, וואלטן מיר דאך ניט מחלל שבת געווען. יעדער איד וואלט ניט געארבעט אום שבת, וואלט ניט געעפנט זיין געשעפט אום שבת, ווייל דער בעל בטחון איז זיכער, אז ער וועט גארניט פארלירן. גאט וועט אים שוין צושיקן וואס ער האט פארלארן דורך שמירת שבת. דארטן אבער וואו עס איז חלול שבת בפרהסיא, דארטן איז קיין בטחון ניטא. די אידישע עלטערן זעען צו מאכן פון זייערע קינדער דאקטוירים, אדוואקאטן, אינזשענערן

קאמערסאנטן, בעלי מלאכות, אבער ניט קיין אידן! זיי זארגן ניט פאר א אידישע דערציאונג. די עלטערן פעלט בטחון, זיי גלויבן ניט אין דעם מאראלישן גליק וואס דאס אידנטום גיט. וואלטן זיי געהאט בטחון, וואלטן זיי געזען אז זייערע קינדער זאלן אויסוואקסן אידן, ריכטיקע אידן, אויך אזוי ווי זיי זוכן צו באזארגן זייערע קינדער און צוצוגרייטן זיי צום לעבנס־קאמף. אונז פעלט בטחון און דאס איז אונזער אומגליק! דערפאר זאל קומען די סכה, דער סימבאל פון בטחון, און זאל אונז דערמאנען אף דעם גרויסן כח פון בטחון, וואס אונזערע פריערדיקע דורות האבן פארמאגט. זאלן די היינטיקע אידישע עלטערן האבן בטחון אין גרויסן כח פון אידישער דערציאונג, וועלן זיי דאן פאדערן פון די אידישע שולעס ניט נאר קריש און קדוש, אדער א ביסל טרוקענע עברי־זאגעכץ, נאר זיי וועלן פאדערן דאס מען זאל לערנען מיט זייערע קינדער חומש מיט רש״י, נביאים, גמרא, אידישע געשיכטע און העברעאיש.

דו, איד פון גלות, אלץ איינס אויב דו ביסט אן ארעמאן, וועלכער לעבט פון לופט און איז ניט זיכער מיטן מארגעדיקן טאג, אדער דו ביסט א סוחר, א באנקיר, א מיליאנער, איר אלע אידן, פארפאלגטע און געדריקטע, ארעמע און שוואכע, אדער רייכע און זאטע, סוחרים און פאבריקאנטן — אלע אין סכה אריין! איר זייט אלע קינדער פון איין פאלק! פארלאזט אייערע היימען און קריכט אלע אײן אין דער ארעמער שוואכער סכה׳לע, און דאן וועט איר זיך דערמאנען אז גאט האט געפירט אונזערע עלטערן 40 יאר אין דעם מדבר און זיי זיינען געזעסן אין סכות. גאט האט זיי אלעמען גלייך געשפייזט און אין דעם פוסטן שרעקלעכן מדבר איז קיין איד ניט געשטארבן פון הונגער. און איר אלע דארפט פארשטיין, אז פון דאן אן ביזן היינטיקן טאג זיצן מיר אלע אין סכה, אונטער די סכה פון אונזער גאט, וועלכער איז אונזער סכך פאר די לעצטע צוויי טויזנט יאר אין גלות. די גאנצע וועלט וויל אונז פארניכטן און זיי געלינגט ניט, ווייל גאט שיצט אונז, דער סכך לאזט ניט צי די פארניכטענדע שטאפן, וואס ווערן געווארפן אף אונזערע קעפ. מיר געפינען זיך אין גאטס סכה, בצל שדי, ער איז אונזער סכך, ער, דער שומר ישראל.

זמן שמחתנו! סכות איז א צייט פון פרייד! אלע פעלקער פון דער וועלט פרייען זיך אין זייערע ימים טובים, פרייען זיך מיטן גאנצן הארצן, אבער זייער שמחה איז א קערפערלעכע, א מגושמדיקע, און אפילו א ברוטאלישע. גאנץ אנדערש איז אונזער שמחה, זמן שמחתנו נאך דעם חדש אלול, א חדש פון תשובה און חרטה, פון תפילות און טרערן, נאך עשרת ימי תשובה, נאך יום כפור, ווען אונזערע נשמות און הערצער זיינען ריין, — נאכ־הער קומט פרייד! גייסטיקע פרייד, נשמה־פרייד! זמן שמחתנו! עבדו את ה׳ בשמחה!.. דינען גאט מיט שמחה! און אפילו ווען שלעכטע ווינטן בושעווען און ווילן איינווארפן די אידישע סכה... ווען אפילו אונזערע שונאים ווארפן שטיינער אין דער אידישער סכה... און אפילו ווען אונזערע היינטיקע מאדערנע, שוואכע, לינקע און רויטע אידן ווילן ניט זיצן אין אונזער ארעמער סכה׳לע און קריכן בעסער אין גרוסע רייכע פרעמדע סכות... אפילו דאן ווערט דער איד ניט פארצווייפלט, ווערט ניט אן זיין מוט, האט זיין בטחון. דער איד ווייס זיך צו פרייען אפילו ווען א שלאגס־רעגן גיסט אין סכה, ווען שטיינער פאלן אין איר, ווען בלוט גיסט זיך — אפילו דאן זינגט ער זמן שמחתנו! זמן שמחתנו! מיר פרייען זיך, אבער דערביי דערמאנען מיר זיך מיט א קרעכץ אף אונזער שווערער לאגע אין גלות, הן אין די לענדער פון מזרח איירופע, הן אפילו אין אמעריקע. מיר דערמאנען זיך אף די „סכת דור הנופלת״, אף דאס אידישע פאלק וועלכע איז גע־גליכן צו א שוואכע ארמע סכה׳לע... מיר דערמאנען זיך אף די קאטאסטראפאלע לאגע פון די אידן אין איירופע, וואו זיי ווערן דערשטיקט אין עקאנאמישע נויט, און אף דער שווערער לאגע פון די אידן אין אמעריקע, וואו דער יונגער דור איז ווייט פון אידישקייט. מיר ווערן שוין ניט ריידן פון רוסלאנד, וואו דאס אידנטום איז געדריקט עקאנאמיש און גייסטיק און האלט חס ושלום ביים אונטערגיין. מיר ווייסן אז די כשרע סכה מוז האבן מער שאטן ווי זון־ליכט... צלתה מרובה מחמתה... די זון שיינט אריין אין די אידישע סכה זייער זעלטן, גנבעט זיך אמאל אריין א פאר שטראלן פון דער זון, אנטלויפן זיי אבער באלד און דער שאטן, דער „צל״ זעט זיך דאן נאך מער אן...

אבער ווען עס קומט דער ליבער יום טוב סכות מוזן מ ר א חשבון הנפש האבן, ניט אומזיסט זאגן אונזערע חכמים אף דעם

פסוק „ולקחתם לכם ביום הראשון" — ראשון לחשבון עונות, אז דער ערשטער טאג סכות דארף אונז וועקן צו תשובה, צו פאר־טיפן זיך אין אונזער אידישן פאלקס־לעבן, צו רעכענען און אויס־געפינען מיט וואס מיר זינדיקן צו גאט און צו אונזער פאלק. לאָמיר האבן א „חשבון עונות", א רעכנונג פון אונזערע נאציא־נאלע זינד, און דאן וועלן מיר אויסגעפינען אז מיר דארפן און מוזן צוריק אופשטעלן די סכת דוד הנופלת! מיר וועלן דאן פארשטיין אז קיין פאלק אין דער גאנצער וועלט איז ניט אזוי שטארק גייסטיק און מאראליש, ווי דאס אידישע פאלק. שטארקע, גרויסע, רייכע פעלקער זיינען שוין לאנג אונטערגעגאנגען, אבער „דוד מלך ישראל חי וקים", די סכת דוד, דאס אידישע פאלק וועט קיינמאל ניט אונטערגיין. און די געטלעכע פייערדיקע ווער־טער פון ישעיה הנביא האבן אן אפקלאנג אין דער גאנצער וועלט: כי תעבור במים אתך אני, ובנהרות לא ישטפוך, כי תלך במו אש לא תכוה, ולהבה לא תעבר בך", פייער און וואסער וועלן דיך ניט פארניכטן! מען האט געברענט און געבראטן אי־דישע קינדער. מען האט זיי געווארפן אין די טייכן און ימים: די וואס האבן זיי געברענט און געווארפן אין וואסער זיינען שוין ניטא אף דער וועלט, און דער איד? דער איד לעבט און וועט אייביק לעבן, ווייל ער איז אן עם עולם, אן אייביקער פאלק.

מוצאי יום כפור גייט דער איד אין זיין הויף ארײן און פאנגט אן בויען די סכה! אזוי דארף זיין, רבותי! אין אנפאנג פון דעם נייען יאר דארף יעדער איד אנפאנגן בויען די סכת ישראל, די סכת דוד הנופלת. עס איז דא פיל, זייער פיל צו בויען. אלץ איז דאך אזוי חרוב, אזוי צובראכן, אז מיר ווייסן פשוט ניט וואָס פריער צו בויען. מיר דארפן איצט האבן אידישע ארכיטעקטן, רעליגיעזע און נאציאנאלע בויערס, בוני בית ישראל. עס איז דא א סכה נאָר פאר סכות און עס איז דאָ א אידישע סכה פאר א גאנץ יאר. די אידישע רעליגיעז־נאציאנאלע שול און די ישיבה — דאס איז די אמתע אידישע סכה. דאָס איז א סכה פארן אידנטום. אידן, ברייגנט ארײן אייערע קינדער אין די רעליגיעז־נאציאנאלע שול, וואו זיי וועלן ווערן אידן, ברייגנט זיי ארײן אין די אידישע סכה, כדי דער שטראם פון דער צייט זאָל ניט פארפלייצן זייערע נשמות! עס איז געווען א צייט ווען נאָר דער אלטער פאָטער איז געזעסן אין סכה. איצט אבער לעבן

מיר אין א צייט, וואו עס איז זייער נויטיק אריינצובריינגען אין דער אידישער סכה אונזערע פרויען און קינדער. די אידישע פרוי שפילט א גרויסע ראלע אין אונטערהאלטן דאס אידנטום. די זין און טעכטער מוזן באקומען א אידישע רעליגיעז-נאציאנאלע דערציאונג, אנדערש איז דא א געפאר אז זיי וועלן אוועק אין די גויעשע גאס, אין א פרעמדע סביבה. אין סכה אריין, אין די אידישע סכה!

רבותי! דער לולב, אתרוג, הדס און ערבה זיינען פיר באַזונדערע, פארשיידענע מינים, איין מין איז ניט גלייך צום צווייטן, אבער איצט, סכות, זיינען זיי פאראייניקט! אלע פיר מינים זיינען פאראייניקט צוזאמען, איז א שמחה, זמן שמחתנו! א פריילעכער יום טוב! עס זיינען דא פארשיידענע קלאסן אידן: ארטאדאקסן, נאציאנאליסטן, סאציאליסטן, אסימילאטארן. און פונקט ווי די פיר מינים האָבן זיך איצט פאראייניקט, לאמיר פאראייניקן אלע קלאסן אידן אין איין פארבאנד, דאן וועט דאס אידישע פאלק זיין א שטארקע, פעסטע - געבויטע סכה, וואָס קיין ווינט וועט אף איר קיין ווירקונג ניט האָבן. דאָס וועט זיין א סכת שלום! הלואי זאָלן מיר דאס וואָס גיכער דערלעבן, כדי עס זאָל מקוים ווערן „ופרוש עלינו סכת שלומך", עס זאָל געבויט ווערן די סכת דוד הנופלת, און זי זאָל געבויט ווערן ניט ווי סכות פון אנדערע פעלקער, וועלכע ווערן געבויט דורך שווערד און בלוט, נאָר דורך שלום, סכת שלומך, עס זאָל זיין א סכת שלום. אמן!

---

# די סכה און דער גלות.

די אידישע סכה איז א וואונדערבאר סימבאליש בילד פון אונזער לעבן אין גלות. וואס איז כאראקטעריסטיש פאר אונזער סכה? זי מוז זיין געבויט אף א ווייל און מוז האבן א שטארקן שאטן. די צייטווייליקייט פון דער סכה סימבאליזירט אונזער איי-ביקן אומוואנדערן צווישן פעלקער און לענדער, און דער שאטן וואס מוז זיין אין איר שטארקער ווי איר זון - ליכט — די שרעקלעכע ליידן וואס מיר האבן אויסצושטיין איבעראל און וועל-כע פארטונקלען די שיין פון אונזערע אויגן. אזוי ווי די סכה

סימבאליזירט אונזער לעבן אין גלות, אזוי סימבאליזירט דער זיצן אין סכה אונזער פארהעלטנים צו די צרות וואס דער גלות ברייינגט אף אונז. דער איד זיצט זיך אין סכה גאנץ ברייטלעך מיט פרוי און קינד און ער איז פרייילעך, מיט א רואיקן געמיט. דאס באווייזט אז די אלע שרעקלעכע רדיפות און צרות האבן ניט געקענט איינגאנצן צודריקן דעם אידן און פארטרייבן אונזערע אלע ליכטיקע האפנונגען.

ניין! אפילו אין די שווערסטע צייטן פארגעסט ניט דער איד זיין הויכן ווערט. דורכן געדיכטן סכך שיקט ער זיין בליק צו די הויכע פרייע הימלען מיט זייערע פינקלדיקע שטערן און ער דערמאנט זיך אן דער געטלעכער הבטחה: „הבט נא השמימה", גיב א קוק אפן הימל און צייל די שטערן, קענסטו דען זיי אויסציילן? „כה יהיה זרעך", אט אזוי וועלן דיינע קינדער זיין. ווען, רבונו של עולם. ווען? געדולד, ליבער איד, וויל „כי אלף שנים בעיניך כיום אתמול", א טויזנט יאר איז ביים רבונו של עולם ווי א טאג! און ווען די זיסע זכרונות קומען דעם אידן ארוף אפן זינען, דאן הויבן זיך אוף זיינע באפליגלטע האפנונגען, ס'לעבט אוף זיין גייסט און עס באנייען זיך זיינע קרעפטן, כדי ער זאל קעגען אריבערטראגן ביז א צייט זיינע צרות און גלות־ליידן.

אט דאס מיינען די חכמים ז"ל וועלכע זאגן: למה אנו עושין סכה אחר יום הכפורים? פארוואס מאכן מיר א סכה נאך יום כפור? דערקלערן זיי: וויל ראש השנה זיצט הקדוש ברוך הוא און משפט אלע מענטשן פון דער וועלט און יום כפור חתמ'עט ער דעם דין. און טאמער ווערן אידן פארמשפט אף גלות — מאכן זיי א סכה און וואנדערן פון די הייזער אין סכה און דער אויבערשטער, ווען ער דערזעט דעם סימבאל פון דער סכה און די סימבאלישע רואיקייט פון אידן וועלכע זיצן און איר — דאן רעכנט ער עס זיי פאר אן אמת'ן גלות.

די גמרא זאגט: „כי בסכות הושבתי את בני ישראל — ענני כבוד הן" (סכה, י"א). וואלקנס פון כבוד האבן אונז פאר־צייטנס אין מדבר בארעקט. די דאזיקע וואלקנס זיינען נאך פאר־בליבן ביז היינט. אויך היינט איז פארוואלקנט דאס לעבן פון פאלק ישראל. אונזערע שונאים לאכן און שפאטן פון אונז, זיי

זאגן צו אונז: „אייער לעבן איז פינסטער, די וואלקנס בארעקן אייך מיט שאנדע". אבער די אנטיסעמיטן האבן א טעות. אפילו אונזער איצטיקע סכה, אונזער פינסטערער גלות - לעבן, איז באַוואלקנט מיט ענני כבוד, מיט ערע - וואלקנס. די גרויסע גבורה און באגייסטערונג, מיט וועלכער דער אידישער פאלק טראגט אריבער זיינע שווערע נאציאנאלע ליידן, באקרוינען זיין קאָפּ מיטן גרעסטן כבוד, ווייל דער גרעסטער כבוד קומט דעם, וועלכער איז זיך מוסר נפש פאר אן אידעאל.

דער תנחומא ברייננגט ביי עקדת יצחק: „וירא את המקום מ־חוק, אמר לו ליצחק: — רואה אתה מה שאני רואה? — אמר לו: אני רואה הר נאה ומשופח וענן קשור עליו. — אמר לנערים: רואים אתם כלום? — אמרו לו: אין אנו רואים אלא מדבריות.— אמר להם: שבו לכם פה עם החמור, הואיל והחמור אינו רואה ואינכם רואים כמותו, עם הדומה לחמור. שבו לכם פה עם החמור, שאתם כמותו, ואני והנער נלכה עד כה. מה עד „כה"? נלכה ונראה מה יהיה בסוף „כה" יהיה זרעך"...

וואס זעסטו מיין זון? — האט אברהם געפרעגט יצחק׳ן, גייענדיק צו דער עקידה, — זעסטו די זעלבע זאך וואס איך?— יא, פאטער, איך זע א פרעכטיקן און שיינעם בארג, אבער א שווארצער וואלקן הייננגט איבער אים. — און וואס זעט איר? — האט אברהם געפרעגט זיינע משרתים. האבן זיי אים געענטפערט: — מיר זעען גאר א מדבר. — אויב אזוי, — האט אברהם זיי געזאגט, — טא בלייבט איר דא זיצן מיטן אייזל, דאס הייסט דער אייזל זעט גארנישט און איר זעט אויך גארנישט, איר זייט א פאלק וואס איז גלייך צו אן אייזל, טא זיצט דא מיט אים, אבער איך מיט מיין זון וועלן גיין ווייטער ביז דעם „כה". וואס פאר א „כה"? אט דער „כה יהיה זרעך" — די געטלעכע פאַרזיכערונג, אז מיין יצחק וועט נאך זיין א פאטער פון טויזנטער דורות.

די עקדה פון יצחק סימבאליזירט די מסירת נפש פון אידישן פאלק פאר זיינע הייליגקייטן אף זיין לאנגען גלות וועג. אברהם פרעגט ביי יצחק׳ן: — זעסטו דאס וואס איך זע? פארשטייסטו גוט דעם געדאנקן פון אידישן מסירת נפש? ווייסטו מיט

וואָס פאר א כח און ביז ווי לאנג אידן וועלן אזוי דארפן ליידען?

ענטפערט אים יצחק: — איך זע א שיינעם בארג און אי־בער אים צוגעבונדן א וואלקן. — דאס אמת׳ע אינערליכע אידישע לעבן, דער ריינער אידישער גייסט, איז שטענדיק שיין, נאר וואלקנס פון גלות ליגן איבער אים שאטנס. אזוי ווי די שווערע וואלקנס וועלכע באדעקן דעם הימל קענען נישט פארלעשן דאָס ליכט פון דער זון, נאר זיי פארשטעלן דאס ליכט נאר אף א ווײַלע, אזוי זײַנען די אידישע צרות נאר ביז א צייט, אָבער סוף כל סוף וועלן זיך צושפרייטן די פינסטערע כמארעס און די זון פון פאלק ישראל וועט ווידער אופשיינען מיט איר גאנצן גלאנץ אויף די לויטערע הימלען.

די פרעמדע פעלקער פארשטייען אבער נישט דעם געדאנק און דעם תכלית פון אונזערע לאנגיעריקע צרות און גלות־ליידן. זיי זאגן צו אונז: — אין אנו רואים אלא מדבריות, אייער לעבן איז דורכאויס וויסט און טויט, אזוי ווי די זאמדיקע מדבריות. נישטא אין אייערע ליידן קיין איין קערנדל פון האפנונג, איר זייט פארפאלן אף אייביק!...

מיר אידן, אין דער פערזאן פון אברהם אבינו, ענטפערן די אנדערע פעלקער גאָר פשוט: — איר האט נישט דעם קלענסטן באגריף פון אונזערע כחות און אידעאלן. „ואני והנער נלכה עד כה“, איך מיט מיין זון יצחק, דאס הייסט מיט מיינע קינדער, וועלן גיין ווייטער אין אונזער היסטארישן וועג מיט שטאלץ און זיכערהייט, אז אלע ליידן זיינען נאר ביז א צייט, אז עס וועט קומען דער טאג, ווען עס וועט מקוים ווערן די הבטחה פון „כה יהיה זרעך“, נישט קוקנדיק אף אלע אומרעכטן וואס מען טוט אונז הן אין ארץ ישראל, הן אין גלות־לענדער, שפרייזן מיר מיט שטאלץ און ווירדע איבער אונזער דארנדיקן וועג צו דער גאולה און מיר וועלן דערגרייכן אונזערע אידעאלן.

דער תכלית פון דער סכנה איז צו פארגרעסערן און צו פארשטארקן אין הארצן פון יעדן אידן דעם גלויבן אין דער צו־קונפטיקער גאולה, כדי ער זאל קענען אריבערטראָגן אלע צרות און שוועריקייטן און ער זאָל דערביי נישט פארלירן זיין זעלבסט־ווירדע און נישט איינבויגן זיין נאציאנאלן שטאלץ.

זאל יעדער איד וויסן, אז דער איינפאכער זיצן אין סכה איז נים די גאנצע כונה פון דער מצוה, נאר מען דארף פאר־שטיין און פילן דעם געדאנק וואס די מצוה סימבאליזירט.

---

## סכות - געדאַנקען.

איך האָב צו פרעגן בײַ דער וועלט א גרויסע, שווערע, הארבע קשיא:

ווי קומט עס, וואס פסח באזאָרגט מען דעם ארעמאן, און סכות נים?

פסח געדויערט א וואך, און סכות געדויערט א וואך, אבער פאר סכות איז נאך דא א ראש השנה, א יום כפור, כפרות — אלץ אזעלכע זאכן וואס דארפן קאסטן געלט — צום סוף מאכט מען פון פסח א גאנצן חדש מעות חטים בײַ אידן כדי צו פאר־זארגן די ארעמע לײַט מיט מצות, ארבע כוסות, פלייש, פיש און אפילו קארטאָפל, אין דער צײַט וואס סכות האט מען דעם ארע־מאן אין דער אדמה, ער זאָל אפילו אויסגיין פון הונגער אַרט עס קיינעם נים.

ווי קומט עס? מיט וואס האט זיך עס דער ארעמאן פאר־זינדיקט פארן סכות, אז ער מוז דעם גאנצן יום טוב לײַדן הונ־גער? און וואס איז עפּעס די מעשה מיט אונזערע בעלי צדקה? פארוואס זײַנען זיי פאר פסח אזוי ווייך און גוטהערציק און פאר סכות זײַנען זיי הארט ווי שטיין און עס הייבט זיי נים אָן צו אַרן אויב דער ארעמער האט יאָ צו עסן, אָדער נים?

אין דעם ליגט א גאנצע פילאזאפיע, דערפון איז געדרונגען, אז אין אמת גערעט וויל דער מענטש קיינמאָל נים געבן קיין צדקה, און ער וואָלט טאקע קיין גראשן קיינמאל נים געגעבן, ווען ער זאל קיין מורא נים האבן פאר די שמיץ וואָס ער וועט קריגן אף יענער וועלט. דער מענטש גיט צדקה ריכטיק אזוי ווי דער אָקס גיט חלב: האט איר שוין אמאָל געזען דער אָקס זאל צו אייך צוגיין און זאל אייך זאָגן: ר' איד לעבן, אט האט איר פון מיר צוויי פוד חלב? חלילה, דאס האט נאך קיינמאל נים

פאסירט און עס וועט קיינמאל ניט פאסירן, איי דער אָקס גיט דאך אבער יא חלב? וואונדרט זיך עס אבער ווי אזוי ער גיט דעם חלב. איר מוזט פריער דעם אָקס קוילענען, אופשניידן דעם בויך, און ווען ער ליגט שוין אן באוועגונג, קענט איר נעמען פון אים וויפל חלב איר ווילט. נאכדעם זאגט מען, אז דער אקס האט געגעבן אזוי פיל און אזוי פיל חלב...

אלץ הייסט געגעבען!

אבער ניט דאס בין איך אויסן. מיר ריידן וועגן פסח און סכות. דער איד אז ער גיט צדקה, וויל ער וויסן וואס ער וועט דערפאר קריגן צוריק. ער ווייס אז אין דער תורה שטייט: „שבעת ימים תאכל מצות", זיבן טעג זאלסטו עסן מצות. דאס עסן מצה איז אלזא א גרויסע מצוה. דעריבער גיט דער איד מעות חטים, כדי דער ארעמאן זאל האבן מצות אף פסח צו קענען מקיים זיין די מצוה פון אכילת מצה. דעם אידן הויבט ניט אן צו ארן דעם ארעמאנס קערפער. ער זארגט בלויז פארן ארעמאנס נשמה דאס איז אויך די סבה פארוואס די צדקה - געבערס פאדערן אלעמאל, אז דער ארעמאן זאל זיין גוט, פרום און ערלעך. מיט סכות איז שוין גאר א גאנץ אנדערע מעשה. אין דער תורה איז געזאגט געווארן „בסכות תשבו שבעת ימים" איר זאלט זיצן אין סכות זיבן טעג, דאס הייסט איר זאלט „זיצן", אבער ניט „עסן". וועגן עסן איז אין דער תורה ניט דערמאנט. טראכט זיך דער אידישער בעל צדקה: זאל דער ארעמאן זיצן אין סכה וויפל ער וויל, ווע־מען ארט עס? אים, דעם בעל צדקה, דארף עס א גראשן ניט קאסטן און דער ארעמאן וועט האבן די זעלבע מצוה ווי פון אכילת מצה!...

---

## לשמחת בית השואבה.

**אם אני כאן הכל כאן, ואם אין אני כאן מי כאן**
(סכה. דף נ"ג)

אז א גרויסער געשעפטסמאן דאוונט אדער ער טוט אן אנ־דער מצוה, קען זיין מחשבה ניט זיין גאנץ, ווייל דער קאפ זיי־נער דרייט אים גאנץ געגוג. ווער רעט א גרויסער גביר, איז ער דאך געווים פול מיט אנדערע געדאנקען וועגן זיינע געשעפטן.

אפילו א מיטעלער בעל הבית קען אויך ניט זיין גאנץ מיט זיין מחשבה צו דער מצוה וואס ער טוט, אויב ער איז פארנומען אין עטוואס א דבר שבצדקה: אז ער פארזאמט זיך עפעס שפעט אין דער נאכט קלערט ער וועגן זיין הויז: ווער חיים וואס דארטן טוט זיך!

אָבער ווען א גרויסער ארעמאן, אז ער גייט אוועק פון זיין הויז צו „שמחת בית השואבה" און ער הוליעט, קלערט ער גאר־ניט פון זיין הויז. ער דאגה'ט ניט, ווייל זיין גאנצער פארמעגן איז מיט אים, ער האט אים מיט זיך. זיינע קליידער זיינען אף אים און ער דארף ניט קלערן טאמער קומט א גנב און נעמט צו זיינע בגדים, זיין טייערן פוטער, ווייל ער האט אין דערהיים גארנישט איבערגעלאזן, ער האט אלץ מיט זיך.

הלל הזקן איז געווען א גרויסער ארעמאן. אז ער איז גע־קומען צו „שמחת בית השואבה", האט ער געזאגט: רבותי! זייט וויסן אז איך בין דא פאראן און איך פריי זיך היינט, איך טאנץ און שפרינג, איך בין זיך משמח, איז דאס אן שום צער אדער זארג, נאר איך הוליע אף ריכטיק, איך קען זאגן „אם אני כאן הכל כאן", אויב איך בין דא איז אלץ דא מיט מיר, איך האב ניט קיין מורא פאר גנבים, פאר א שריפה און נאך אזעלכע אנ־שיקענישן, ווייל, „הכל כאן", אלץ איז מיט מיר, אפילו אלע מיינע בגדים; אבער ווען „ואם אין אני כאן", אז איך זאל דא ניט הוליענען מי ס דארף צו זיין, אז ניט איך זאל דא זיין מיט מיין גאנצן געדאנקן, איז „מי כאן?" — טא ווער זאל דא זיין מיטן גאנצן געדאנקן? ווען ניט איך איז דא קיינער ניט פאראן, ווייל אייערע קעפ זיינען דאך געווים פארנומען מיט אנדערע זאכן.

# לשמיני עצרת.

ביום השמיני עצרת תהיה לכם כל מלאכת עבודה לא תעשו. „ביום השמיני עצרת“ ז״שהכ תחת אהבתי ישטנוני ואני תפלה (תהלים ק״ט) אתה מוצא בחג שישראל מקריבים שבעים פרים על שבעים אומות. אמרו ישראל לפני הקב״ה רבש״ע הרי אנו מקריבים שבעים פרים לשבעים אומות לפיכך היה להם להיות אוהבים אותנו שנאמר תחת אהבתי ישטנוני לפיכך אמר להם הקב״ה כל שבעת ימי החג שהייתם מקריבים לפני קרבנות על אומות העולם הייתם מקריבים שבעים פרים עכשו הקריבה על עצמכם שנאמר וביום השמיני עצרת תהיה לכם. (מדרש תנחומא)

א געפיל פון א נאציאנאלן שטאלץ כאפט אונז ארום, ווען מיר לייענען די ווערטער פון מדרש, אז אף אונזער גורל איז געפאלן צו ברײנגען קרבנות פאר דעם שלום פון אלע פעלקער פון דער וועלט, אז מיר זיינען דער פאלק וואס דער אלמעכטיקער גאט האט אונז אויסגעוויילט צו זיין דער קרבנות-ברײנגער פאר דעם וואוילזיין פון דער וועלט. און טאקע אזוי! פון יענע צייט אן ווען אונזערע עלטערן פלעגן ברײנגען זיבציק אקסן אלס א קרבן אין בית המקדש ביז היינטיקן טאג האט נאך קיינער פון אונז ניט צוגערויבט דאס רעכט צו ברײנגען קרבנות פאר דעם וואוילזיין פון אלע פעלקער, און פון יענע צייט אן ביזן היינטיקן טאג אפפערן מיר זיך אף די שלאכטפעלדער, אף די געביטן פון וויסנשאפט, פאליטיק, עקאנאמיק און קונסט. איבעראל, וואו נאר עס מערקט זיך א באוועגונג לטובת דעם מענטשלעכן פראגרעס ברײנגט דאס אידישע פאלק אלס קרבן זיין לעבן, פייאיקייטן, בלוט און כחות. אפילו די ערגסטע שונאים פון אידישן פאלק מוזן ניט ווילנדיק אנערקענען, אז דער אידישער פאלק איז א וואונדערבארער, אויסערגעוויינלעכער פאלק, אז א פאלק, וואס קען ארויסגעבן אזעלכע גייסטיקע ריזן אין אלע געביטן פון לעבן, האט אין זיך א געוואלטיקע לעבנס-קראפט.

ניט לאנג האט זיך א באוואוסטער זשורנאליסט געווענדעט צו איינעם פון די גרעסטע געלערטע, א קריסט, ער זאל ארויסזאגן זיין מיינונג וועגן אידן. דער געלערטער האט געזאגט, אז דאס אידישע פאלק איז ווי דער זויערטייג אין פארקנאטענעם

ברוים: דער זויערטייג פארזויערט דעם טייג, אבער דאס זויערע ברייננט א נוצן דעם טייג, ווייל אן דאס זויערע קען פון טייג נים ווערן קיין ברויט — אט אזוי איז דאס אידישע פאלק. ער איז דאס זויערטייג אין אלע באוועגונגען פון דער וועלט, און זיין ווירקונג איז זייער וויכטיק, ווייל ער פארזויערט! ווען עס וואלט אזא „זויערער" פאלק נים עקזיסטירט, וואלטן אים געמוזט אויס־טראכטן, ווייל אן אים וואלט קיין באוועגונג נים מעגלעך געווען אין דער וועלט!

אט די שיינע מליצה פון נים־אידישן געלערטן באהאלט אין זיך אויך א שטאך אף אונזער אדרעס, אזוי אז מען קען נים וויסן צו דער געלערטער איז א אנטיסעמיט, אדער נים. אבער ווי עס זאָל נים זיין, אויב אפילו אין דער מליצה שטעקט א כונה אונז צוצושטעכן אז מיר זיינען דער זויערטייג אין אזעלכע באוועגונגען, וואס זוכן אומצושטירצן דעם פאליטישן און סאציאלן סדר פון דער וועלט... אויב אפילו די אנטיסעמיטן וועלן זיך באַ־נוצן מיט אט דער מליצה, — מוזן מיר דאך פארט שטוינען, ווי שטארק און ווי אומפאנגסרייך עס זיינען די כחות פון אידישן פאָלק.

מען דערציילט, אז צום ק—ער רבי'ן ז"ל זיינען געקומען שלוחים פון א—ער רבי'ן ז"ל און זיך באקלאָגט, אז אין א קליינע פוילישע שטעטל האָבן די חסידים פון ק. זיך חוצפה'דיק אופ־געפירט געגן די חשובע בעלי בתים פון שטעטל. די שלוחים האָבן אין שווארצע פארבן געשילדערט די „מעשים תעתועים" פון ק—ער רבי'נס חסידים, כדי ער זאָל אין כעס ווערן און אויסשליסן די עזי פנים פון זיין קהל. אבער די שלוחים פון א—ער רבין האבן א טעות געהאט. דער ק—ער רבי האט א שמייכל געטאן און געלאסן געזאגט: „אומזיסט זייט איר זיך מטריח צו פארשווארצן מיינע חסידים, איך וויים אז זיי זיינען געפערלעכע עזי פנים! דער יצר הרע איז שוין אין שלמה המלך'ם ציימן געווען א זקן, ווייל שלמה דער חכם האט אים אנגערופן „מושל זקן", אלטער הערשער, פונדעסטוועגן ווערן מיינע חסידים נים נתפעל פאר דעם אלטן יצר הרע, ווייזן קעגן אים ארוים א חוצפה און ווילן אים גארנים פאלגן. איז דאס נים קיין עזות פנים?... ווייטער וויים איך נים וואס אייער רבי זאל לעבן וויל:

צו דען מיינט ער, אז ווען מיר וועט נויטיק זיין א „שייגעץ" אדער אן עזות פנים, וועל איך דארפן בעטן זיך ביי אים ער זאל מיר טאן א טובה און מיר לייען איינעם פון זיינע „שקצים"!

מיט די קלוגער ווערטער פון ק—ער רבי'ן ז"ל קענען מיר זיך באדינען בנוגע צו דער מליצה פון קריסטלעכן געלערטן... לאמיר זיך אפילו מודה זיין אז אונזער „שאור שבעיסה", אונזער „זויערטייג", איז פאראן אין די באוועגונגען, וועלכע ווילן אומקערן דעם איצטיקן סדר פון דער וועלט — מיר מוזן זיך אין דעם מורה זיין, ווייל עס איז דא אין דעם א שטיקל אמת, — איז באשטעטיקט דען דאס ניט אז מיר זיינען באמת א וואונדערבארער פאלק? עס באשטעטיקט די ווערטער: „הפוך בה והפוך בה דכולא בה", אפילו עזות־פנימ'ער האבן מיר אויך אייגענע... מיר מיינען זיך ניט מיט דעם לעצטן פאל צו בארימען, ווייל מיר מוזן גע־דיינקען וואס שלמה המלך האט געזאגט: „ירא ה' בני ומלך ועם שונים אל תתערב". אבער אזוי צו אזוי זעען מיר, אז דאס אי־דישע פאלק האט באוויזן צו ברייגנען קרבנות אף די מזבחות פון אלע פעלקער און פון אלערליי אידייען: ער האט ניט פאר־לארן זיינע זאפט און לעבנס־קראפט אין דעם לאנגען גלות. נאר...

נאר דארטן וואו עס ליגט אונזער גרויסקייט ליגט אויך אונזער שוואכקייט. מיר שטאלצירן ווען מיר לייענען די ווערטער פון מדרש, אז מיר ברייגנען קרבנות פאר אנדערע פעלקער, אבער מיט צער מוזן מיר צוגעבן אז דער „עצרת תהיה לכם" איז איצט זייער קליין אין פארגלייך מיט די קרבנות וואס מיר ברייגנען פאר פרעמדע: אנשטאט דעם „פוחת והולך" אין דעם סדר הקרבנות פון בית המקדש פירן מיר איצט דורך דעם „מוסיף והולך", דאס הייסט מיר האבן שוין אזוי פיל געבראכט קרבנות, אז עס איז גארנישט געבליבן פאר זיך, מיר האבן אלע אונזערע כחות אוועקגעגעבן פאר פרעמדע. קליין, זייער קליין איז דער „עצרת תהיה לכם"! זייענדיק דאס „זויערטייג" אין אלע באוועגונגען לטובת דער מענטשהייט, באציען מיר זיך מיט א שרעקלעכער גלייכגילטיקייט צו אלץ וואס איז אידיש, עס פעלט אונזער „זויערקייט" פאר די אידישע באוועגונג. עס טוט וויי דאס הארץ זעענדיק דעם דאנק וואס מיר קריגן פון דער וועלט פאר די גרויסע קרבנות וואס מיר ברייגנען פאר איר. ווען דעם שכר

זאגט דאך דער תהילים: „תחת אהבתי ישטנוני", וואָס מער קרבנות מיר ברייננגען פאר די פעלקער, אלץ מער פיינט האבן זי אונז.

און ווי שיין עס זיינען די ווערטער פון חז"ל (סנהדרין ק"ו) וועגן דער פרשה, וואו עס ווערט דערציילט ווי די בני ישראל האבן זיך גענומען דערנענטערן צו מואב. פאלגנדיק די עצה פון בלעם: „וישב ישראל בשטים, אמר ר' יוחנן, כל מקום שנאמר וישב אינו אלא לשון צער ואף הכא וישב ישראל בשטים ויחל העם לזנות אל בנות מואב, בשטים — ר' אליעזר אומר שטים שמה, ורבי יהושע אמר על שנתעסקו בדברי שטות". אט די ווערטער זיינען כאראקטעריסטיש פאר דער געשיכטע פון אידישן פאלק און באשטעטיקן דעם כלל, אז איבעראל וואו עס איז געזאגט געווארן „וישב", איבעראל, אין אלע צייטן און אלע גלות לענדער, וואו די אידן האבן זיך באזעצט און שוין געטראכט אז דא איז זייער שטענדיקער פלאץ, — האט דער איד געמוזט, נעבעך, אנערקענען, אז דער אידישער „וישב", באדייט צער! אי־בעראל וואו דער איד לעבט, קען ער זיין וואוינונגס־ארט אנרופן „שטים", ווייל ער מאכט „מעשה שטות", ער גיט אלץ אוועק פרעמדע פארן „וישב" און באקומט צוריק גארנישט.. און קיין גרעסערן „שטות" קען מען זיך גארניט פארשטעלן!

למשל, די דייטשע, רומענישע, אונגארישע און עסטרייכישע אידן האבן באוויזן אן אויסערגעוויינלעכן פאטריאטיזם לגבי זייערע לענדער און הונדערטער טויזנטער אידן זיינען געפאלן אין דער וועלט מלחמה, פארטייריקנדיק זייער פאטערלאנד. און צום סוף? די דייטשן, אונגארן, רומענער און עסטרייכער האבן איצט פיינט דעם אידן בתכלית השנאה. יעדער איד ווייס עס גאנץ גוט. דאס דייטשע און אונגארישע אידנטום האבן אוועקגעגעבן זייערע בעסטע כחות פאר די קולטורן פון זייערע שכנים, פונדעסטוועגן האבן זיי באקומען אלס דאנק דעם חיה'שן אנטיסעמיטיזם. דאס זעלבע אויך אין מזרח אייראפע און אמעריקע. די פרעמדע פעלקער האבן אויך פיינט די יעניקע אידן, וואס האבן שוין זיך באנארישט און מקריב געווען פארן „וישב" אלץ, ניט איבערלאזנדיק גארנישט פארן „עצרת תהיה לכם". אט די אידן האבן שטארק צער, א גרעסערן צער ווי די יעניקע אידן, וואס האבן געלעבט אין געטא

און געליטן פון גלות. די געטא־אידן האבן כאטש זיך ניט גע־
נארט, זיי האבן געוואוסט אז זיי זיינען אין גלות און ניט געטאן
קיין מעשה שטות, זיי האבן ניט אוועקגעגעבן די פרעמדע פעל־
קער דאס, וואס זיי פארמאגן...

אט דער צער פון די שטות־אידן איז ענלעך אף דעם צער
פון יונה הנביא, ווען גאט האט אים געזאגט: „ההיטב חרה לך
על הקיקיון הזה", האסטו שטארקע צער געהאט צוליב דעם
ריצנבוים־בלאט? יונה האט דאך געדארפט צער האבן צוליב דעם
ווארם וואס האט דורכגעלעכערט דעם בלאט, אבער ניט צוליב
דעם בלאט אליין. איז אבער דאך באוואוסט, אז א ווארם איז פון
נאטור א מזיק און לעכערט בלעטער, האט יונה צוליב אים קיין
צער ניט געהאט, נאר צוליב דעם בלאט וואס ער האט זיך
שוין צוגעוואוינט צו זיין שאטן. ווען ניט דער בלאט וואלט יונה
זיך צוגעוואוינט צו דער היץ פון דער זון, אבער נאכדעם ווי
ער האט הנאה געהאט פון שאטן, איז אים שווער געווען ווייטער
צו זיין אונטער דער זון.

אט אזוי איז מיט די אידן וואס האבן אראפגעווארפן פון
זיך דאס אידישקייט און געמיינט, אז די פרייהייטס־קאנסטיטו־
ציע פון די פעלקער וועט שיצן זייער „וישב". די דאזיקע אידן
פארדריסט מער דער ריצנבלאט ווי דער ווארם. איידער די פעל־
קער האבן ארויסגעגעבן די פרייהייטס־קאנסטיטוציע האט דער
איד געליטן פון די ווערם וואס האבן זיך איינגעזויגט אין אים,
אבער ער האט געהאט אן אייגענעם ווינקעלע, אן אייגענע אידי־
שע וועלט, וואס אין איר פלעגט ער געפינען א טרייסט צו זיינע
צרות און פארגעסן דעם ווייטיק פון די ווערם, וואס האבן א טבע
צו בייסן. א־צט פארדריסט די אידן מערער די פרייהייטס־קאנ־
סטיטוציע, וואס זיי האבן זיך צו איר שוין צוגעוואוינט און וואס
צוליב איר האבן זיי מקריב געווען זייער אידישקייט. ניט איבער־
לאזנדיק גארנישט פארן „עצרת תהיה לכם", — ווי די ווערם,
וואס בייסן זיי ווייטער, אבער זיי האבן ניט וואו זיך צו טרייסטן,
ווייל פאר זיך האבן זיי גארנישט איבערגעלאזן. עס פארדריסט זיי
געוואלדיק צוליב דעם „קיקיון", צוליב דער פרייהייט, אבער עס איז
נישט צו מאכן. דער אנטיסעמיטיזם, דאס הייסט די ווערם, בייסט
ווייטער. א מאל ווען דער איד האט זיך געשטעלט העכער פארן

גוי, האט ער געקוקט מיט פאראכטונג אף אנטיסעמיטיזם, אבער איצט, ווען דער איד קוקט אפן גוי פון אונטן ארוף, איז טאקע ביטער, ווייל ער האט זיך ניט וואו צו באהאלטן, ער האט מקריב געווען זיין אידישקייט אומזיסט און אומנישט. לאמיר טראכטן וועגן „עצרת תהיה לכם".

# לחנכה.

ת"ר מצות חנכה, נר איש וביתו, והמהדרין נר לכל אחד ואחד, והמהדרין מן המהדרין, ב"ש אומרים יום ראשון מדליק שמונה, מכאן ואילך פוחת והולך, וב"ה אומרים, יום ראשון מדליק אחד, מכאן ואילך מוסיף והולך...

מיר האבן דריי סארטן אידן:

א) מענטשן וועלכע זארגן און דיינקען נאר פאר זיך, פארן איינענעם „איך", און מער ווי זייער איגענער „איך" גייט זיי ניט אן. זיי האבן ניט קיין געפיל, קיין דאגה פארן כלל. זאל זיין מיט זיינע מיט-מענטשן וואס עס זאל זיין, אים ארט נאר וואס נוגע צו אים און זיינע הויז-מענטשן.

ב) א בעסערער קלאס מענטשן וואס איז זיך משתתף אין די צרות הכלל און אין זייער שמחה. דער סארט מענטשן איז נאציאנאל, ער זוכט איינפלאנצן דעם רגש הלאומי ביי זיינע מיט-מענטשן, אבער אים איז פרעמד דער רעליגיעזער געפיל און ער לערנט אויך ניט זיינע קינדער קיין רעליגיע.

דער ערשטער סארט טויג ניט, ווייל ער איז נאר א מענטש פאר זיך אליין און ער איז זיך ניט משתתף בצרת חברו. א מעלה האט ער וואס ער איז רעליגיעז, נאר זיין זעלבסט-ווירדע מאכט אים פאר זייער א נידריקע בריאה, און נאך מער ווייל ער איז רעליגיעז...

דעם חסרון פון צווייטן סארט ווייסט איר דאך שוין אליין.

ג) א דריטן סארט אידן האבן מיר, וואס ער איז גוט צוביידע זאכן. ער פילט מיט דעם וויטיק פון יחיד און רבים און טוט בפועל וואס נאר מעגלעך צו פארגרינגערן די ליידן זייערע מיט אן עצה אדער הילף, און אין דער זעלבער צייט איז ער אויך רעליגיעז.

נאך דעם נצחון פון די חשמונאים איז געוואָרן ליכטיק צו דעם גאנצען פאָלק, צו אַלע קלאסן, צו אַלע דריי סאָרטן אידן.

די אידעאלעך פון ערשטן סאָרט, דאָס הייסט פון דעם ערגסטן, וועלכע זיינען פאַר זיך אליין, נאָר פרום זיינען זיי, — זיי צינדן אָן ליכטאלעך, פייערן דעם יום טוב נאָר פאַר זיך אליין, און פאַר זייערע הויז־מענטשן, פאַר זיי איז גענוג „נר איש וביתו״, ווייל די איבעריקע אידן אַרן זיי ניט, זיי ווילן ניט אנצינדן ליכטאלעך פאַרן כלל ישראל.

דער צווייטער סאָרט, די ניט פרומע, אבער וועלכע דאגה'ן פאַרן כלל, זיי זיינען נאציאנאליסטן, זיי האָבן שוין געפייערט דעם נצחון מיט „נר כל אחד ואחד״, זיי פלייסן זיך אַז יעדער קינד, יעדער הויז מענטש און יעדער איד זאָל דורכגעדרונגען ווערן מיטן נאציאנאלן גייסט, נר לכל אחד ואחד...

דער דריטער סאָרט, דער בעסטער סאָרט, די פרומע און משתתפים בצבור, זיי גלויבן אין דעם נס אַז די מנורה האָט גע־ברענט אכט טעג, כאָטש עס איז געווען בוימל ניט מער ווי אויף איין טאָג, זיי פייערן דעם יום טוב פאַר הרמת קרן התורה און פאַרן נאציאנאלן געפיל. זיי, די אמת'ע אידן, זיינען ניט קיין האַלבע אידן ווי די ערשטע צוויי סאָרטן, נאָר גאנצע, דעריבער רופט מען זיי „המהדרין מן המהדרין״ זיי צינדן אָן אכט ליכט־לעך. טאַקע פאַר די נסים ונפלאות פון בורא און פאַרן הרמת קרן התורה והיהדות, פאַר די אמונה אין פאַרן נאציאנאלן גייסט. בית שמאי זאָגן אַז די תורה ווערט מיט יעדן דור שוואַכער. דאַרף דער מהדר אנצינדן אכט ליכטלעך דעם ערשטן טאָג און אַלע טאָג אַ ליכטל ווייניקער, קומט אבער בית הלל און זאָגט, ניין! מיר דאַרפן יעדער צייט זיך באמיען צו פאַרגרעסערן און פאַרשטאַרקן די תורה, דעריבער צינט מען אָן דעם ערשטן טאָג איין ליכטל און וואָס ווייטער אַלץ מער, דאָס הייסט מיר דאַרפן ניט ווייזן אַז די תורה גייט אונטער, חס ושלום, זי וועט קיינמאָל ניט אונטערגיין! עס וועט קומען די צייט וואָס די תורה וועט ווערן גרעסער און שטאַרקער, במהרה אמן!

# דרוש לחנוכה

מצות חנוכה־נר איש וביתו. מי לה׳ אלי!

חנוכה איז א צייט ווען מיר קענען זיך לערנען א מוסר השכל פון די פארצייטיקע העלדן, פון אונזערע מכבים, פון די וועלכע האבן זיך מוסר נפש געווען פאר אונזער תורה, פאר אונ־זער אמונה, פאר אלץ וואס איז הייליק ביי אונז. זיי האבן גע־קעמפט און ניט דערלאזן, אז אנטיוכס הרשע זאל געוועלטיקן איבער אונזער גייסט. אנטיוכס האט די יעניקע אידן, וועלכע זיי־נען שוין געווען אונטער זיין איינפלוס, געגעבן פולע פרייהייט, נאר איין זאך האט ער פון זיי געפאדערט, די נשמה, זיי זאלן זיך אפזאגן פון אידישקייט. דער אלטער פארלאנג פון מלך סדום וועלכער האט געזאגט צו אברהם אבינו „תן לי הנפש והרכוש קח לך”, גיב מיר אפ דיין גייסט, דיין נשמה, קענסטו זיך נעמען פארמ:גן, גוטס וויפל דיין הארץ גלוסט. און אברהם האט שטאלץ געענטפערט צום מלך סדום: „הרמותי ידי אל ה׳”, איך דארף דיר קעניג פון סדום, אף כפרות, פארמעגן קען מיר געבן גאט, און ער קען אויך צונעמען; איך האב אופגעהייבן מיין האנט, ווייל טאמער וואלט מיר געבן א בשר ודם וואלט מיין האנט געווען אראפגעלאזן, דעריבער האלט איך הויך מיין האנט. דו, קעניג, קענסט מיר געבן און גאט קען צונעמען, ניין, מיין האנט איז הויך! איך האב איר אופגעהייבן צו גאט, אל ה׳”, וועלכער האט באשאפן די וועלט און מיר געגעבן מיין הייליקע נשמה, און וועל־כער האט מיר באפוילן אים אומצוקערן איר הייליק ווי זי איז מיר געגעבן געווארן. הייליק קען איך האלטן מיין נשמה מיט תורה און מצוות און לערנען מיינע קינדער דעם דרך הישר, אבער ניט מיט פרייהייט וועסטו צונעמען מיין נשמה, אפילו ניט מיט די גרעסטע פייניקונגג!”

אזוי האט געענטפערט אברהם אבינו, דער ערשטער איד, און די שוואכע אידאלעך פון די חשמונאים־צייט, ווען אנטיוכס הרשע האט זיי געוואלט געבן אלע פרייהייט, אלעס גוטעם פאר זייער קערפער, נאר פאר זייער נשמה א טויט... האט זיך דער־וועקט אין זיי דער הייליקער גייסט פון אברהם אבינו, דעם ערשטן איד. דער גרייז־גראער צדיק מתתיהו האט מיט זיינע

שוואכע הענט ארויסגעכאפט דעם שווערט און דערשטאכן דעם גענעראל פון אנטיוכס, וועלכער האט אים געצוואונגען צו קוילענען אפן מזבח א חזיר. מתתיהו האט א געשריי געגעבן: מי לה׳ אלי! ווער עס איז צו גאט זאל צו מיר קומען! לאמיר ארויסטרעטן געגן דעם רשע, קוקט ניט אף אייער שוואכקייט, קוקט ניט אף אייער קליינעם צאל, דער רשע האט שוין פארשוועכט אונזערע הייליקטימער, ער האט שוין כמעט צוגענומען אונזערע נשמות. ער האט שוין כמעט אפגעריסן פון אונז אונזערע קינדער, ער האט שוין מטמא געווען זייערע מוחות! לאמיר קעמפן ניט קיין שטארקייט געווינט, נאר גייסט! מי לה׳ אלי!

איר עלטערע מענטשן, איר מיטליאריקע מענטשן, איר ווידעס׳ איר מאטעס — ווייסט איר וואס די פרייהייט האט פון אונז שוין געמאכט?! אט די מאדערנע פרייהייט, וועלכע איז, חס ושלום, ניט אזא מין פרייהייט, וואס אנטיוכס הרשע האט אונזערע עלטערן געוואלט געבן! א פרייהייט וואס מיינט, אז אלע מענטשן זיינען גלייך, אז אלע פעלקער האבן די זעלבע רעכט. די איצטיקע פרייהייט מיינט ניט צוצונעמען פון אונז די נשמה, זי דערלויבט אונז צו זיין אידן און פולן זין פון ווארט, אבער צום גרויסן אומגליק זעט איר, ווידעס, טאטעס, מאמעס, ווי אייערע אייניקלעך און קינדער דערווייטערן זיך פון אייך, ווייסן ניט פון אידישקייט, און פארגעסן אז זיי זיינען אידן. וואס שלאפט איר? איך פאדער ניט פון אייך: אז איר זאלט קעמפן ווי מתתיהו החשמונאי. די פרייהייט איז אונז נייטיק ווי לופט, אבער אונזער יונגער דור מיסברויכט איר און דערווייטערט זיך פון אידנטום. א דור פון הפקרות און עם הארצות! זעט, רבותי׳ נעמט זיך צוזאמען, טוט עפעס פאר אייערע קינדער און אייניקלעך. גיט זייערע נשמה׳לעך אידישע שפייז, גייסטיקע שפייז, זיי זאלן לערנען חמש, רש״י, תלמוד, העברייאיש. אין נאמען פון אלטן כהן גדול מתתיהו החשמונאי רוף איך אוים:

מי לה׳ אלי!

פאטערס און מוטערס! איר גייט נאך אין א שול אריין, איר קומט נאך אף א אידישע רעליגיעזע און נאציאנאלע פארזאמלונג, איר זייט נאך כלומרשט אידן. אבער מער ניט ווי „כלומרשט״

— וואס איז מיט אייערע קינדער? וואו זיינען זיי? וואו גייען זיי? מאכט איר זיי פאר אידן? אהו איך ווייס, איר וועט זאגן, אז איר מאכט פון זיי מענטשן, געבילדעטע מענטשן, דאקטוירים, אדוואקאטן, אינזשענערן, קאמערץ-לייט, פאך-לייט, און אזוי ווייטער. זייט וויסן, אז אויב איר מיינט אז זיי וועלן מענטשן זיין, לעבט איר אין א טעות! דער איד איז זא ווי זא א מענטש. אבער אז איר ווילט זיי פאר אידן ניט מאכן, נאר ווי איר דיינקט — פאר מענטשן, טא זייט וויסן, אזי זיי וואקסן אויס אוממענטשן! ווייסט איר ניט דעם „כבוד" וואס איר האט פון אייערע מענטשן-קינדער? אהו איר ווייסט, נאר איר מאכט זיך ניט ווייסנדיק! איר ווייסט עס גוט. דאס וואס איר האט געקאכט, דאס מוזט איר עסן...

פאטערס און מוטערס! אמאל האט אונז אנטיוכס הרשע געצוואונגען אפצוגעבן די נשמה, אבער איצט, ווער צווינגט אייך? ווייסט איר, טאטעס און מאמעס, אז איר אליין זייט איצט „אנטיוכס", איר אליין זייט מקריב אייערע קליינע קינדער אפן מזבח פון עבודה זרה, איר אליין קוילעט אפ אייערע קינדער! פרומע, אידישע טאטעס, ווייסט איר אז „חנכה" הייסט „באנייען", ווייל די חשמונאים האבן באנייט דעם מזבח, מטהר געווען דעם בית המקדש? דאס הייסט „חנוך המזבח", א „חנכת הבית", דערפאר זאגן מיר „מזמור שיר חנכת". ווייסט איר אז דער נאמען „חנכה" איז מחנך צו זיין? קיין מזבח האבן מיר ניט איצט, דארפן מיר מחנך זיין אונזערע קינדער. פרעגט נאר אייער קינד, וואס איז הנכה? וועט איר הערן אז ער ווערט באלד א „תלמיד חכם" און פרעגט די קשיא פון גמרא: „מאי חנכה?" וואס איז חנכה? איר זייט, רבותי, צום באדויערן האלבע אידן, אפגעשוואכטע, אבער די הארץ איז בא אייך א אידישע. ווייל וואלט חלילה, צום ביישפיל, אן אנטיוכס דא געווארן א הערשער און וואלט ארויסגעגעבן א גזירה אז איר טארט ניט לערנען קינדער תורה און ניט האלטן קיין מצוות, וואלט איר זיך דאך געוויס מוסר נפש געווען און אופגעהייבן א רעוואליוציע געגען דעם רשע, איר וואלט געמאכט א „ויצעקו" אז די וועלט וואלט אופגעטרייסלט געווארן. ניט אמת רבותי? איך בין דאך זיכער אז איר וואלט געקעמפט מיטן רשע ביז דאס לעצטע טראפן בלוט... געוויס,

איר וואלט עס געוויס געטאן! טא פארוואס שווייגט איר ווען די פרייהייט רויבט אוועק די נשמות פון אייערע קינדער? שוין זשע דארף מען האבן אן אנטיוכס הרשע ער זאל אייך אופטינטערן?

שלמה המלך האָט געזאָגט: „נר ה' נשמת אדם". די נשמה פון מענטשן איז גאטס ליכט. די נשמה ווערט אָנגערופן „נר". טאטעס, איר צינט אָן אייער נשמה, איר גייט נאָך אין שול אריין. איר זייט זיך מחנך, אבער... איר זייט ניט מחנך די נשמות פון אייערע קינדער! עס וואָלט זיין גוט, ווען איר וואלט לאָזן אייערע קינדער לערנען תורה, מצוות און מעשים טובים, זיי מאכן פאר אידן, איר וואלט אָנגעצונדן די נשמות פון אייערע קינדער מיט אידישקייט — דאן וואָלט איר זיין אידן און מענטשן, ווען ניט — הייסט עס פאלש, זייט איר פאלשע אידן. אין דער צייט וואס איר גייט אין שול און אייערע קליינע קינדער גייען ניט — זייט איר ניט קיין ריכטיקע אידן, איר זייט פאלשע!

„מצות נר חנכה" — די מצוה פון אָנצינדן די ליכטאלע פון דער נשמה, וואס זי ווערט אנגערופן „נר", — „חנכה", איינגעוואוינען, יא איר דארפט דאוונען, טאן גוטעס, „נר איש", יעדער זיין ליכט, זיין נשמה דארף אנצינדן, אבער „וביתו", אויך זיינע הויז - מענטשן, זיינע קינדער...

זיידעס, באָבעס, טאטעס, מאמעס! דער אלטער כהן גדול מתתיהו שרייט צו אייך: מי לה' אלי! ווער עס איז צו גאט קומט צו מיר! עפנט פאר אייערע קינדער די שערי תורה און ענטפערט דעם כהן גדול: אנחנו לה', מיר זיינען צו גאָט, הערט ווי ער שרייט, אידן, דאס אידנטום איז אין געפאר, מאכט אייערע קינדער פאר אידן! מי לה' אלי!

# דרוש לחנכה.

מאי חנכה דתני רבנן בכ״ה כסלו יומי דחנכה תמניא אינון דלא למספדא בהון. (שבת, כ״א).

ורבים מהכהנים והלוים וראשי אבות הזקנים אשר ראו את הבית הראשון ביסדו זה הבית בעיניהם בוכים בקול גדול, ורבים בתרועה בשמחה להרים קול. (עזרה ג׳)

כאשר קרא עזרא את הספר תירה לפני העם והעם היה בוכים בשמעם את דברי התורה נחמיה ועזרא הזהירו את העם בהדברים אל תתאבלו ואל תבכו. (נחמיה ח׳)

רני ושמחי בת ציון. ויאמר ה׳ אל השטן יגער ה׳ בך השטן ויגער ה׳ בך הבוחר בירושלם הלא זה אוד מוצל מאש. (זכריה, ג׳)

ווי מיר לייענען אין תנ״ך און גמרא, האָט דאָס אידישע פאָלק געוויינט ווען עזרא האט פאר זיי געלייענט אין דער תורה. זיי האבן געוואוסט די עולים פון בבל, אז אסך צווישן זיי זיינען ווייט פון אידישקייט, האבן ניט - אידישע ווייבער, און די בני היחוס זיינען אויך ניט ריין, ווי די משנה שרייבט אין פרק עש־ה יוחסין: „כהני לויי ישראל, חללי גירי ומרורי ממזרי נתיני שתוקי ואסופי״. אויך ניט אומזיסט האָבן געוויינט די „ראשי אבות הזקנים״ וועלכע האבן נאך געזען דעם פראכט פון בית ראשון און דעם כבוד פון פרייען אידישן פאָלק וואָס איז געזעסען אין זיין לאנד, און א מלך פון בית דוד האט געהערשט איבער זיי. דערזעענדיק ווי קליין עס איז דער בית שני אין ווי מאָגער עס איז די פריי־ הייט וואָס די פערסישע קיסרים האבן מיט חסד געגעבן די עולי בבל, האבן די כהנים, לויים און די עלטסטע פון פאלק זיך באַ־ גאסן מיט טרערן. אויך דער שטן האט ניט געשוויגן. זעענדיק אז דער כהן גדול יהושע טראגט „בגדים צואים״, אף וואס די ח״זל האבן געזאָגט, אז יהושע׳ס זין האבן גענומען ווייבער וואס זיינען ניט ראוי צו כהונה און יהושע האט ניט פראטעסטירט. דאס וויי־ נען פון די אבות הזקנים אפן פאָליטישן מצב, דאס וויינען פון פאָלק אפן רעליגיעזן מצב וואס איז געווען זייער שלעכט צווישן די עולי בבל און די ארבעט פון שטן בכלל האבן אנטשפראכן דעם אלגעמיינעם מצב פון יענע תקופה. אבער עזרא און נחמיה זאָגן צום פאָלק: „וויינט ניט, טרויערט ניט!״. מער פאר אלעמען

שטילט אין די ווינעדיקע און טרייסט זי מיט פייערדיקע ווערטער דער נביא זכריה, וועלכער שרייט אויס: „זינג און פריי זיך ציונ'ס טאכטער! אוועק דו, פארפלוכטער שטן, זאל דיך טרעפן גאטס צארן, וואס ווילסטו פון די עולי בבל? דו זעסט די „בגדים צואים,, אבער די אידן זיינען דאך אן „אור מוצל מאש", א האלאוועשקע וואס איז געראטעוועט פון פייער! גאט, וואס האט אויסגעוויילט ירושלים, זאל דיר שטראפן, דו פינסטערער שטן! „ווען א פייער האט ארומגעכאפט דאס הויז, איז אלץ וואס דער מענטש ראטע־וועט פון דארט טייער בא אים, אפילו „בגדים צואים"; דער פיי־ער פון אסימילאציע האט זיך ארייגעכאפט דאן צווישן די פאר־טריבענע אידן אין בבל און פערסיען, דעריבער זיינען אלע עולי בבל וואס זיינען צוריקגע־קומען אין ארץ ישראל געווען ווי א האלאוועסקע וואס איז געראטעוועט פון פייער. די משנה האט טאקע דעם פשוט'סטן און דעם מינדער־טווערטיקסטן אידן וואס איז עולה לארץ געווען פון בבל אוועקגעשטעלט אין איין שורה מיטן מיוחס; כהני, לויי, ישראלי, חללי, ממזרי, שתוקי, אסופי! אויב נאר דער פארגרעבסטער איד האט חשק אין הארצן עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און זיך ראטעווען פון אסימילאציע, איז ער פון אונזערע, איז ער חשוב ביי אונז, ניט קוקנדיק אף די „בגדים צואים".

און דער געטלעכער נביא זכריה שרייט ווייטער אויס אין דעמזעלביקן קאפיטל ג': „שמע נא יהושע הכהן הגדול אתה ורעיך היושבים לפניך כי אנשי מופת המה כי הנני מביא את עבדי צמח", הער אויס יהושע און דיינע חברים, וואס זיינען „אנשי מופת", דאס הייסט וואונדערמענטשן, אט שיק איך מיין קנעכט צמח, דאס הייסט משיח, זאגט דער אויבערשטער!"

ווער זיינען דאס די „אנשי מופת"? די חז"ל (סנהדרין צ"ג) האבן געזאגט, אז די וואונדערמענטשן זיינען געווען חנניה, מישאל און עזריה, וועלכע מען האט גערופן "אנשי מופת", ווייל מיט זיי האט פאסירט דער נס אין קאלך־אויוון, און די חז"ל פרעגן גלייך ווייטער: „ורבנן להיכן אזלו", וואו זיינען אהינגעקומען די רבנן? רש"י ז"ל טייטשט אזוי די פראגע פון די חז"ל: „להיכן הלכו רבנן חנניה מישאל ועזריה לאחר שיצאו מן הכבשן דתו לא מדכרי בכלהו כתובי", וואו זיינען אהינגעקומען חנניה מישאל

ועזריה אז זייער נאמען איז ניט דערמאנט געווארן ביי די עולי בבל? — ענטפערט אף דער שאלה רב: „בעין הרע מתו", זיי זיינען געשטארבן פון א שלעכטע אויג. און שמואל ענטפערט: „ברוק טבעו", זיי זיינען דערטרונקן געווארן אין שפייעכץ.

איך מיין, אז די מעשה וועגן די „אנשי מופת", ווי זכריה האט גערופן די דריי גרויסע מענער, איז אזוי: חנניה, מישאל און עזריה זיינען געווען געגען די באוועגונג אומצוקערן זיך קיין ארץ ישראל. דעריבער האט זכריה צו זיי געשריען: „שמע נא, הנני מביא את עבדי צמח"! ער האט זיי געמינטערט מיט דער נבואה, אנשטאט צו העלפן בויען דעם בית המקדש און דאס אידישע לאנד, האבן די „אנשי מופת" מסתמא אויך מיטגעווייגט. אז דער „בית איז צו קליין", אז „די עולים זיינען ניט גענוג פרום", זיי האבן געקוקט מיט א שלעכטע, פעסימיסטישע אויג אפן בנין הארץ, דעריבער זאגט רש"י: דתו לא מדכרא בכולהו כתובו", חנניה, מישאל און עזריה וואס האבן אויך מיטגעוויינט מיט די „בוכים בקול" זיינען ניט דערמאנט געווארן אין דער צייט פון דער עליה. זאגט טאקע רב, אז זיי זיינען געשטארבן פון אן „עין הרע", און שמואל — אז זיי זיינען דערטרונקען געווארן אין שפייעכץ, דאס הייסט אין ביטול, זיי האבן אזוי פיל מבטל גע-מאכט די וויכטיקייט פון די היסטארישע געשעענישן, אז זיי זיינען פארגעסן געווארן פון דער היסטאריע... „טבעו ברוק"...

ווייטער זעען מיר אז די ח"זל, אין דער ברייתא וואו עס רעט זיך וועגן נס חנכה, הויבן אן דעם מאמר מיט די ווערטער: „תמניא אינון דלא למספדא בהון", ניט קוקנדיק אף דעם וואס דאס איז ניט דער סגנון פון דער ברייתא; זיי האבן צוערשט געדארפט דערציילן די מעשה פון נס חנכה און דערמאנען די דינים און גאר צום סוף אויך זאגן דעם דין „דלא למספדא בהון", אז חנכה דארף מען ניט מאכן קיין הספדים. פון דעם איז גע-דרונגען, אז די ח"זל האבן מיט א כונה אנגעהויבן מיט דעם דין פריער פאר אלץ, כדי צו אונטערשטרייכן אז חנכה זיינען טעג פון שמחה, ווייל אין די צייטן פון די חשמונאים זיינען אויך געווען גענוג אידן וויינערס, קלאגערס, פעסימיסטן, אסך בעלי „עין הרע" און „בעלי רוק", וואס האבן ניט געגלויבט אין דעם ענרגילטיקען נצחון פון די חשמונאים אין קאמף מיט דער גרי-

כישער אסימיליאציע; אט פארוואס דער בעל המאמר פון נס חנכה האט געזאגט צו ערשט: ניט קלאגן! אויך אזוי ווי עזרא האט געזאגט די וויינערס: „אל תתאבלו ואל תבכו", וויינט ניט און קלאגט ניט, ס'וועט זיין גוט! די גרויסע גייסטיקע ריזן, די פירער פון אידישן פאלק, האבן פארשטאנען, אז צוערשט איז דער פאָליטישער און רעליגיעזער דע־פאלג קליין, אבער נאכדעם פאר־גרעסערט ער זיך. דער בעל המאמר פון נס חנכה דערקלערט ווייטער: „כשנצחום החשמונאים וגברום ונעשה נס והדליקו ממנו שמונה ימים", צוערשט איז דער קריגעלע בוימל געווען קליין, אבער זיין ליכט האט על פי נס געקלעקט אף אכט טעג, דאס הייסט צוערשט זיינען די נצחונות איבער די גריכן געווען קליין, אבער צום סוף האט מען זיי פארטריבן, דאס פאלק איז געווארן פריי, און דאס קליינע קריגל בוימל האט אנגעצונדן די גאנצע מנורה, די מנורה פון דת ואמונה.

אט פון די צייטן פון עזרא און די חשמונאים קענען מיר עטוואס לערנען בנוגע די עליה אין ארץ ישראל אין אונזערע צייטן. איצט נאכן צוויי טויזנט יאריקן גלות זיינען ביי אונז אידן דא אסך וואס וויינען און באקלאגן זיך, וואס צווישן די עולים און חלוצים זיינען דא ניט פרומע און וואס דער פאָליטישער מצב איז דורכאוים ניט באפרידיקנדיק אין הייליקן לאנד. אט דאס זיי־נען מענטשן וואס מיינען אז אלץ קען דערגרייכט ווערן מיט איין מאל. ווייטער זיינען דא אידן „בעלי עין רעה" און „בעלי רוק", וואס קוקן אף דעם בנין הארץ מיט א פעסימיזם און ביטול און דער פועל יוצא איז, אז דער „שטן", אונזערע שונאים קריגן א תירוץ צו קעמפן געגען אונז. זיי, אט די אידן, זיינען ווי א שטן וואס שטעלט שזעריקייטן דער עליה. אט צו א זעלכע אידן זאגט דער נביא: יגער ה' בך השטן הבוחר בירושלים הלא זה אוד מוצל מאש". וואס ווילט איר פון די שווער געפרופטע עולים, זיי זיינען דאך ווי א האלאוועשקע, וואס איז ג־ראטעוועט פון א וועלט ־ שריפה! אויב די נשמות פון די עולים טראגן סמנים פון א שריפה, איז דאך דאס פייער נ־ט אנגעצונדן געווארן אין ציון! דארטן, אין די גלות ־ לענדער האט דאס פייער פון כפירה ארומגעכאפט דאס אידישע פאָלק! אדרבא, זאָלן די אידן עולה לארץ זיין, ווייל עס איז דא א האפנונג, אז די ארץ ישראל ־ לופט וועט אויסהיילן זייערע נשמות! „יגער ה' בך השטן הבוחר

פירושלים", זאל דיר גאט שטראָפן דו, שטן, וואס דו האָסט אויס־געקליבן דוקא ירושלים, כדי צו שיסן דארט דיינע פיילן פון אנ־קלאגעס!

אין אזא צייט, וואס די שנאה צו אידן האט זיך איצט פאנאנדערגעשפרייט איבער דער גאנצער וועלט, און אפילו די דעמאקראטישע לענדער זיינען אנגעשטעקט מיט אנטיסעמיטיזם, אין אזא שרעקליכע צייט ווען די אידן אין גלות ווערן דערשטיקט פון עקאנאמישע נויט און אין אסך לענדער ליידן זיי פון פאָלי־טישע רעכטלאזיקייט, -- צו איז דען רעכט איצטער צו שטעלן שוועריקייטן די עולים, וועלכע זיינען אן "אוד מוצל מאש"? "אפילו מלאכי רע בעל כרחם ענו אמן", אפילו די מלוכות, וואס ליבן אונז ניט איבריק פיל, האבן געמוזט אנערקענען אונזערע רעכט אף ארץ ישראל, און אויב דערווייל האבן מיר נאך דארטן דערגרייכט קליינע זאכן בערך, אויב מען מוז נאך פירן א קאמף מיט די שונאים, מוזן מיר געדיינקען, אז דער צווייטער בית המקדש איז אויך ניט געווען גרויס פון אנהייב און אז נאכן ערשטן נצחון פון מתתיהו האבן זיינע קינדער און אייניקלעך נאך גע־קעמפט זעכציק יאר ביז די לאנד איז רואיק געווארן און דער "שטן" איז פארשטומט געווארן. אויב מיר וועלן ארבעטן צוזאמען ווי איין מענטש כדי אָפצולעבן אונזער לאנד, וועט דער ישוב ווערן גרעסער און שטארקער. מיר אידן זיינען ניט נתפעל גע־ווארן פאר גריכנלאנד און רוים, מיר האבן מיט אונזער רוח און ארבעט געקעמפט מיט זיי, מיר האבן זיי ביינעקומען. מיר גייען מיט שלום, אבער מיר זיינען גרייט צום קאמף, ווי עזרא און נחמיה, ווי מתתיהו און יהודה החשמונאים. מיר קענען ניט נתפעל ווערן פאר ענגלאנד און אראבער, ווייל די גערעכטקייט איז אף אונזער זייט. "אל תתאבלו", וויינט ניט, נאר ארבעט און קעמפט!

דער גרויסער געטלעכער נביא ישעיה האט אין זיין וואונ־דערבארער מליצה געזאגט וועגן דער קינפטיקער גאולה: "ויעל כיונק לפניו", זי וועט אויסוואקסן ווי א קינד! אז א קינד ווערט געבארן, פרייען זיך די ארומיקע מענטשן און ווינטשן די עלטערן מזל טוב, אבער ווען א פעסימיסט זאל א קוק געבן אפן קינד וועט ער זאגן: "דאָס איז דאך א שוואכע בריאה. א פולשטענדיקע

אומפולקומע בריאה, טא וואס פרייט איר זיך?!" ענטפערט מען אים: "מענטש, דאס איז דאך א "יונק", א זויג-קינד, מיט דער צייט וועט דאס ווערן א מענטש מיט אלע איברים און חושים! "זה הקטן גדול יהיה!"

אט אזוי איז אויך מיט אונזערע רעכט און לאגע אין ארץ ישראל. "ייעלו כיונק לפניו", אונזערע זכויות וועלן זיך פארגרע-סערן און אויסוואקסן ווי א קינד ווערט א גרויסער מענטש. אין די בעלי "עין רעה" און די בעלי "רוק וביטול" וועלן דערטרונקן ווערן אין זייערע שפייעכץ, דאס הייסט אין זייער ביטול.. אבער מיר, וואס וועלן ארבעטן, וועלן זוכה זיין צו זען, ווי עס וועט געבויט ווערן אונזער שטאט, ציון — אונזער הייליקע שטאט, און מיר האפן, אז השם יתברך וועט אונז שיקן את משיח צדקנו, אמן.

---

# לפורים.

חייב אדם לקרות את המגילה בלילה, ולשנותה ביום (מגילה, דף ד׳).

פילע פון די היינטיקע אידן זאגן: "צו וואס זאלן מיר אין איצטיקע צייטן פאסטן "תענית אסתר" און לייענען די מגילה — פעלט אונז דען איצט פרייהייט? וואס איז עס פאר אן עסק צו מאכן א-א טאראראם און צו דערמאנען א געשיכטע, וואס האט פאסירט פאר טויזנטער יאר צוריק?!"

מיין טייערער! זיי וויסן אז פון דיינע ווערטלעך איז צו זען, ווער דו ביסט. עס איז צו זען אז דו ביסט א הפקר מענש, אז דו גלויבסט ניט. זיי וויסן, אז אין אחשורוש׳ס צייטן איז גע-ווען א סך מער פרייהייט ווי איצט. מרדכי, א איד מיט א בארד און פאות, וואס זיינע ציצית האבן זיך געשלעפט כמעט אף דער ערד — דאס איז אנגעוואונקען אין דער מגילה — איז פונדעסט-וועגן געווען אזא גרויסער מענטש אין "שער המלך", ביים קייזער-ליכן הויף. מסתמא זיינען געווען נאך אסך אזעלכע אידן, גרויסע מענטשן, איינפלוסרייכע מענטשן, אין מלכות אחשורוש. היינטיקע

ציַיטן איז א איד אויך געווען א גרויסער חשוב אין ענגלישן קייזערלעכן הויף, א וויצע־קעניג אין אינדיען, לארד רידינג רופוס אַייזיקס — וואלט ער געקענט אין דער פרייַער ענגלאנד קומען מיט א באַרד, מיט פאות און לאנגע ציצית אין קייזערלעכן הויף? געוויס ניט! איז אמאל ג׳ווען מער פרייהייט און א סך גרעסערע אידן ווי היינט. פונדעסטוועגן איז געקומען אזא בעדער ווי המן, א קליינצינקער מענטשעלע, און פירט אוים ביַים קעניג „להשמיד ולהרוג את כל היהודים״, אויסראטן אלע אידן.

ווען אונז איז שלעכט הייסט עס פאר אונז „לילה״, נאכט, ווען אונז איז גוט, הייסט ס׳פאר אונז „יום״, טאג. מיין טייערער! „חייב אדם לקרות את המגילה בלילה״, יעדער איז מחויב צו לייענען דעם נס פורים, די מגילה בלילה, ווען אונז איז שלעכט, ווען אונז איז פינסטער, מען דריקט אונז, מען שטיקט אונז, מען הרג׳ט אונז. לייען, די מגילה וועסטו זען, אז גאט ב״ה האָט אונז געהאלפן און אין איין רגע איז איבערגעדרייט געוואָרן די רעדעלע פאר אונז ארויף און פאר די אנטיסעמיטן אראפ. די רומענישע אידן לייַדן פון זייער המן, קוזא, די דייטשע אידן פון זייער המן, היטלער, זיי דארפן נעבעך לייענען די מגילה ביַי דער נאכט. דאס זעלבע אויך די אידן אין רוסלאנד און פוילן. אבער זיי אויך ווייסן, מיין טייערער, אז עס איז געזאָגט געוואָרן „לשנותה ביום״, עס איז דיר גוט, דו לעבסט אין א פרייע לאַנד, ווי אמעריקע, פראנקרייך, ענגלאנד און ארץ ישראל, טא לייען מיין חכם די מגילה בייטאג! וועסטו פרעגן — פארוואס? ווייל אין אמעריקע, איז שוין אויך דא א המן שעלה לגדולה, א פארד וואס שטאמט פון עמלקן, ס׳איז אויך דא מאסקעס פון ק. ק. ק. (קו־קו־קלענס); אין ארץ ישראל איז שוין אויך דא א המן — דער „גרויסער מופטי״, און אין ענגלישן און פראנצויזישן פארלאמענטן וואקסן אויך המנ׳ס. זעסטו דען ניט, מיין טייערער, וואס עס הויבט זיך אן אין דיין ליכטיקן טאג? זעסטו שוין ניט אז עס איז פארנאכט? לייען די מגילה באטאג! זאלסט ווייסן אז איצט איז ניטא נאך אזא מרדכי און נאך אזא אסתר! לייען די מגילה ביַיטאג, לייען, לייען די מגילה „ביום״, דיין מגילה ווירערהווילט זיך אין אלע ציַיטן. לייען די מגילה „ביום״ און גאט זאל געבן עס זאל בלייבן „יום״... הלואי זאל איך, גאטעניו, בלייבן א פאל־

שער נביא און עס זאָל ניט אנקומען „לילה״ אין די פרייע לענ־
דער... לייען, לייען, מיין טייערער, די מגילה ביום, וועט גאָט
העלפן און עס וועט בלייבן יום!..

---

# פורים.

פארוואס זאגט מען ניט קיין הלל פורים? דאכט זיך אזא
פריילעכער, שיינער יום טוב, אבער קיין הלל זאגט מען ניט.
דאקעגן חנכה זאגט מען הלל.

די גמרא דערקלערט אונז די סבה: „אכתי עבדי אחשורוש
אנן״ (מגילה י״ד), מיר זיינען נאך אלץ קנעכט ביי אחשורוש.
חנכה ווערט געפייערט אף די גרויסע גבורות און מסירת נפש
וואָס די מכבים, די אמתע גבורי ישראל האבן געצייגט אפן
שלאכט פעלד. די גבורות פון יהודה המכבי, פון זיין פאטער
מתתיהו און פון זיינע ברידער האבן אופגעשטורעמט די גאנצע
וועלט. פייערן אידישע גבורה, גבורה פון צדיקים וטהורים, גבורה
פון כהנים און פון גרויסע קעמפער וואס האבן פארגאסן זייער
בלוט צו באפרייען די אידישע רעליגיע פון אירע אונטערדריקער
— אט אזא נצחון דארף געפייערט ווערן מיט מוט און נאציא־
נאלן שטאלץ, דעריבער זאגן אידן הלל!

פורים אבער האט פאסירט א נס. עס האט געהאלטן דער־
ביי, אז אלע אידן פון קליין ביז גרויס זאלן אויסגעקוילעט ווערן
ווי די שעפסן: ווי שרעקלעך, ווי נידריק, וואס פאר א שרעקלעכע
נאציאנאלע שאנדע! אסתר, נעבעך, בעט רחמנות און דער האלבער
ווילדער אחשורוש, וועלכן די גמרא רופט „מלך טפש״, האט
רחמנות געקראגן אף אידן און האט זיי דערלויבט צו געבן א
קלאפ פאר א קלאפ, „להקהל ולעמד על נפשם״, ווען אחשורוש
וואלט די אידן ניט דערלויבט זיך באשיצן, וואלטן זיי ניט גע־
קעמפט פאר זייער לעבן, כבוד און שטאלץ, אבער אחשורוש דער
טפש האט זיי יא דערלויבט צו קעמפן, האבן זיי געקעמפט און
באזיגט דעם שונא. מאכן א יום טוב פון אחשורוש'ס רחמנות,
דער כבוד איז דא זייער קליין, וואלט געהייסן א רחמנות יום־טוב,
וועלכער דערנידריקט די מענטשלעכע ווירדע און ברעכט דעם

נאציאנאלן שטאלץ. ווייל מיר זיינען נאך אלץ „אכתי עבדי אחשורוש אנן", מיר זיינען נאך אלץ גייסטיק קנעכט פון אהשורוש'ן, דעריבער שלאגט המנ'ען וויפיל איר קענט, לייענט די מגילה, דאנקט גאט פארן נס, אבער קיין הלל זאָגט ניט. הלל פאסט פאר חנוכה־אידן, אבער ניט פאר פורים־אידן, הלל פאסט פאר יהודה המכבי־אידן, אבער ניט פאר אחשורוש־אידן.

וואָס לערנען מיר דערפון? אז מיר מוזן לערנען זיך אין די קינדער יארן צו קעמפן פאר אונזער כבוד, פאר דעם כבוד האומה. „אל תגעו במשיחי, אלו התינוקות של בית רבן" — זאגט די גמרא, מען דארף דערציען די יונגע אידישע קינדער אין אזא פייערדיקן הייליקן וועג פון אמונה, בטחון און ליבשאפט צו גאט, צו אידן און צו דער תורה, דאס ווען נאר עס האנדלט זיך וועגן אידן און די תורה זאלן זיי גרייט זיין צו פארגיסן זייער לעצטן טראפן בלוט פארן כבוד פון אידישן פאלק. יעדער אידישער קינד דארף קוקן אף זיך ווי אף א צוקינפטיקן משיח, וועלכער איז גרייט אוועקצוגעבן זיין לעבן פארן אידישן פאלק. „משיחי — אלו תינוקות של בית רבן", די קליינע קינדער דארפן זיך באטראכטן אלס צוקינפטיקע גואלי ישראל, וועמעס צוועק אין לעבן איז צו דינען דאס פאלק און די תורה אלס חלוצים, חלוצי הדת, התורה והאומה.

וואס לערנען מיר פון דער מגילת פורים?

דאס אידן דארפן ניט און טארן ניט זיין פארצווייפלט, חי שלעכט זיי זאָל ניט גיין, און ווען א שטורם פון שנאה, ווען א שרעקלעכע כוואליע פון אידן־האס פארפלייצט די גאנצע וועלט און אט־אט ווערן זיי פארניכטעט, זאלן זיי געדיינקען, אז אזוינע שלעכטע אומגליקלעכע צייטן אין נאך ערגערע האבן שוין אידן דורכגעמאכט און זייערע שונאים זיינען שוין ניטא. די אידן לעבן ווייטער און זייערע שונאים ליגן אין דער אדמה. אלע אידן וויינען, מען זיצט און מען ווארט אפן טויט, מען איז זיכער אז אלע אידן וועלן אויסגעקוילעט ווערן... וואס איז אבער דער סוף? המן ווערט אופגעהאנגען, פון די אידישע שונאים בלייבט ניט קיין זכר, און די אידן?.. ליהודים היתה אורה שמחה ששון ויקר, אידן פרייען זיך, אידן זיינען גליקלעך!

זאָל המן הרשע זײַן פאַר אונז א בײַשפּיל ניט צו שרעקן זיך צופיל פאַר די המנ׳ס פון אַלע צײַטן, זײַער מפּלה װעלן זײ פריער אדער שפּעטער האָבן: אידן האָבן געלעבט און װעלן לעבן, אידן זײַנען אן „עם עולם", אן אײביקער פאָלק.

און נאָך עפּעס, רבותי, המן האָט געזינדיקט און זײַנע קינדער האָט מען אופגעהאַנגען. איז דאָך א קשיא — פאַרװאָס קומט זײ דאָס? װאָס זײַנען זײ שולדיק אז זײַער פאָטער איז א המן? איז אָבער דער תירוץ, אז װאָס פאַר א פאָטער — אַזעלכע קינדער. קינדער װעלכע װערן דערצױגן בײַ המנ׳ען אין שטוב זײַנען אויך רשעים. דערצײלט טאַקע דער מדרש: „רב כי הוה מטי להמן בפורים, אמר ארור המן וארורים בניו, לקיים מה שנאמר ושם רשעים ירקב (מדרש רבה), רב פלעגט פּורים זאָגן: „פאַרפלוכט זאָל װערן המן און פאַרפלוכט זאָלן װערן זײַנע קינדער, װעלכע זײַנען אויך געװען רשעים". און א שײנע פּאָעטישע שילדערונג גיט אונז דער „מדרש אסתר": בשעת מען האָט געװאָלט אופהײנגען המנ׳ען האָבן זיך אַלע בױמער א לאָז געטאָן צום רבונו של עולם מיט דער בקשה, דאָס מען זאָל אף זײ אופהײנגען המנ׳ען. געזיגט האָט אָבער דער דאָרן־בױם. המן איז שטעכעדיק װי א דאָרן, פּאַסט פאַר אים צו הײנגען אפן דאָרן־בױם, א גלײַכער שדוך!

און נאָך א שײנער מאמר געפינט זיך אין מדרש, װעלכער שטעלט פאַר אז דער אידישער פאָלק װעט קײנמאָל ניט אונטער־גײן. דער לשון פון דעם מאמר איז זײַער סאַרקאַסטיש־בײַסנד: „אמר הקב״ה להמן, רשע! שוטה שבעולם! אני אמרתי להשמידם, כביכול, ולא יכלתי, שנאמר, ויאמר להשמידם לולא משה בחירו, ואתה אמרת להשמיד?" מען מוז קענען העברעאיש, כדי צו פאַרשטײן דעם בריליאַנטענעם געדאַנק פון מדרש; גאָט זאָגט צו המנ׳ען: „רשע! שוטה! איך האָב געװאָלט פאַרניכטן די אידן און האָב ניט געקענט צוליב משה׳ס זכות, דענקסט דו אז דו װעסט זײ קענען פאַרניכטן? שוטה! אידן װעלן קײנמאָל ניט אונטערגײן!"

און דאָס מײנט אפשר דער מדרש אז אַלע ימים טובים װעלן בטל װערן, אָבער פּורים װעט קײנמאָל ניט בטל װערן — כל המועדות יהיו בטלים וימי הפורים לא יבטלו לעולם — דאָס

הייסט, אלעמאל וועט עקזיסטירן אף דער וועלט אידן־האס, דאס איז אן אייביקע שנאה צו אן אייביקן, אונשטערבליכן פאלק. „שנאת עולם לעם עולם” — אייביקע שנאה צום אייביקן פאלק און אימער וועלן די המנ׳ס קריגן זייער מפלה, ווי מיר האבן דאָס שוין ניט איינמאל געזען, און אידן וועלן לעבן אייביק, דוד מלך ישראל — דער סימבאל פון אידישן פאלק — חי וקים!

---

# לפורים.

חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידעי בין
ארור המן לברוך מרדכי (מגילה, דף ז׳)

פרעגן אלע מפרשים וואָס איז דאס פאר א שמחה, אז דער מענטש זאָל זיך אזוי אָנטרינקען, אז ער זאָל ניט וויסן וואו ער איז אין דער וועלט, אז ער זאָל ניט קענען פארשטיין צו מען דארף בענטשן מרדכי היהודי אדער שילטן המן הרשע? דאָס איז דאָך ניט קיין אידישע אופירונג — זיך אָנטרינקען! זאלן דען אידן טאָן אזא שענדלעכע זאך? זעלטן וואו צו טרעפן א אידן, ער זאָל זיין אָנגעטרונקען.

איז מיר געקומען אין זינען א געדאנקען וואס איז ניט ערגער פאר דעם „עד דלא ידעי”. מיר ווייסן פון דער מגילה, אז די עמלקים און אלע פעלקער וואס האָבן זיך געפונען אין די מדינות אחשורוש זיינען פארציטערט געוואָרן פון דעם, וואָס עס האָט זיך איבערגעקערט די גאנצע גזירה אף זייערע קעפ... און די מגילה זאָגט „ורבים מעמי הארץ מתיהדים כי נפל פחד היהודים עליהם”, אסך פון די גוים ווערן גרים, וויל זיי האָבן מורא געהאט פאר די אידן.

אָבער מרדכי איז געווען קלוג צו פארשטיין, אז די עמי הארץ ווערן גרים וויל עס איז נאָר אף זיי אָנגעפאלן א פחד, ער איז זיי חושד, אז זיי מיינען ניט די אידישקייט, ווען עס וועט אראָפגיין פון זיי דער פחד, איז אראָפ זייער אידישקייט. פרעגט זיך, ווי האט מרדכי געזאָלט אויספרובירן די גרים און אפילו די אידן גופא, דאָס הייסט די שוואכע, האלב אסימילירטע אידן? מרדכי האָט אָנגענומען די גרים, אָבער כדי צו וויסן אויב זיי

נארן אָפּ אָדער ניט, אויב זיי בלאָפן אדער ניט, האט ער נאָך דעם ערשטן פורים באַפוילן צו טרינקען וואָס מער. וואָס מער די אידן און די פּרישע אידן וועלן טרינקען אלץ מער גרויס איז די מצוה. פאַרוואָס? ווייל וואס בא א ניכטערן איז אפּן לונג איז בא א שיכור אף דעם צונג. אַז די אידן און די גרים האָבן זיך גוט אָנגעשיכורט און האָבן זיך צעזונגען, האָבן די גאַנץ פרומע אידן געשריען און געזונגען „ברוך מרדכי", „ארור המן", „ארורה זרש", געטאנצט און געזונגען. די ניט פרומע אידן, די שוואכע, האָבן געשריען „עס איז ניט קיין נס, עס איז נאַטור, מרדכי האָט דערבײַ גאָרנישט געהאָלפן!", אָבער אף המנ'ען זיינען זיי געווען אין כעס; זיי האָבן ניט געבענטשט מרדכי, אבער זיי האָבן געשאָלטן המנ'ען מיט פינסטערע קללות.

די פּויערים, די גרים וואָס האָבן זיך מגייר געווען לשם שמים, אף אן אמת, האָבן געשוויגן, זיי האָבן ניט געבענטשט מרדכי און ניט געשאָלטן המנ'ען, די גרים אבער, וואס האָבן זיך מגייר געווען פון פחד, וואס איידער דעם נס פורים האבן זיי אין הארצן געטראָגן א שנאה אף אידן, און אז זיי האָבן זיך אנגעטרונקען האָבן זיי פארגעסן אז זיי זיינען גרים, האבן גע-שאָלטן מרדכי מיט שטארקע קללות און געבענטשט המנ'ען. וואָס ביים ניכטערן אפּן לונג, ביים שיכור'ן אפן צונג. אט אזעלכע גרים האט מרדכי געהייסן מאכן מיט א קאָפּ קירצער... אזעלכע אידן דארפן מיר ניט. דאס האט נאָך מרדכי געמאכט דעם „חייב אדם לבסומי בפוריא עד דלא ידעי", מיר זאלן אבער וויסן ווער איז ער, און וואָס פאר א סארט איד איז ער.

ווי געפעלט אייך דער באור? פונדעסטוועגן וואָלט איך אייך ניט ראַטן צו טרינקען אזוי פיל ווען איר זיצט אין א גרויסער געזעלשאפט. אויך די איבריקע זאלן ניט איבערכאַפּן די מאָס! ווייל צו וואָס דארפן מיר זיך דערוויסן וואָס ביי יענעם איז אונטערן לונג?

# ליציאת מצרים.

דבר נא באזני העם וישאלו ממצרים. אין נא
אלא לשון בקשה (ברכות ח׳)

אויב מען וויל פּטור ווערן פון א שלעכטן מענטשן ער זאל מער ניט קומען און פארשאפן אונאנגענעמליכקייטן, זאל מען אים לייען א פּאר לאט (ליט, זלאטעס א. א. וו.) און ער וועט שוין געוויס מער ניט קומען צו אייך.

השם יתברך האט געוואלט, אז אידאלעך זאלן מער ניט קומען אין מצרים. האט ער געזאגט צו משה׳ן: משה, איך בעט דיר! משה, איך פארלאנג פון דיר, אז דו זאלסט הייסן די אי־דאלעך, זיי זאלן לייען געלט און זילבער פון די מצריים. עס הייסט. חס ושלום, ניט קיין גניבה, עס קומט אייך פיל מער וויפל זיי וועלן אייך לייען! נאר פארוואס מאך איך דאס ווי א הלואה? כדי זייער פּנים זאל שוין מער ניט קומען אין מצרים. אט אזוי וויל איך, משה, און אזוי זאלן זיי טאן!...

* * *

שלא יאמר אותו צדיק „ועבדום וענו אותם" קיים בהם „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול" לא קיים בהם (ברכות, דף ט׳)

פרעגט זיך: פארוואס רופט הקב״ה ניט אן אברהם׳ען מיט זיין נאמען, נאר בלשון „אותו צדיק"? ענטפערן די מפרשים: א מענטש האט אין זיין לעבן צוויי נסיונות: „נסיון העוני" און „נסיון העושר". דער ערשטער נסיון איז געפערלעך, ווייל „עניות מעבירין את האדם על דעתו ועל דעת המקום". אויב דער מענטש איז ניט פעסט אין זיין גלויבן, אויב ער איז ניט אן אמת׳ער איד אין פולן זין פון ווארט, פירט אים די ארעמקייט אראפּ פון וועג.

אבער דאך איז דער „נסיון העושר", דער נסיון פון רייכ־קייט אסך גרעסערער ווי דער נסיון פון ארעמקייט, מיר זעען אסך ארעמע לייט, פיינע, ערלעכע, אנשטענדיקע אידן וואס היטן תורה און מצוות, אבער מיר זעען זייער ווייניק גבירים און מיליאנערן וועלכע זאלן זיין אמת׳ע אידן. און אט ווען אזא ארעמער איד,

וואס האט אויסגעהאלטן דעם נסיון פון ארעמקייט און ניט ערגער געווארן, ווערט געהאלפן פון גאט און ער ווערט א גביר, ניט פארלאזנדיק אידישקייט און האלטנדיק אויך מיט גאט... אט ער איז דער אמת׳ער איד און אים קען מען רופן צדיק. אלע ספרים רופן אים אן „צדיק תמים״.

אידן האבן אין מצרים געליטן א שרעקלעכן גלות, פונ־דעסטוועגן האבן זיי זיך פעסט געהאלטן אן זייער טראדיציע. זיי האבן ניט געביטן זייערע נעמען — צום באדויערן טוען דאס אונזערע היינטיקע אידאלעך — זיי האבן ניט געביטן זייער קליי־דונג, זיי האבן ניט גערעט קיין לשון הרע, און בכלל זיינען זיי געווען אויסגעצייכנטע מענטשן.

אברהם אבינו האט דורכגעמאכט ביידע נסיונות, דעם „לך לך״ און דעם „ואברהם כבד מאד במקנה״, דעריבער רופט ער זיך צדיק. און דאס מיינט דער מאמר: איך בעט דיר, משה, בעט זיי, די אידן, זיי זאלן נעמען גאלד און זילבער פאר זייער ארבעט און זיי זאלן רייך ווערן, אבער זיי זאלן זיך האלטן מיט מיר. מיט זייער טראדיציע. דאס וויל אברהם אבינו האבן. ער וויל די אידן זאלן זיין צדיקים מיט זייער נאמען, „שלא יאמר אותו צדיק״, דער צדיק אברהם, וואס האט דורכגעמאכט די נסיונות, זאל ניט זאגן „ועבדום וענו אותם קיים בהם״, אז מיט ארבעטן און פלאגן זיך האט ער זיך געהאלטן מיט זיי און זיי מיט אים, „קיים בהם״ האט ער זיך געהאלטן מיט זיי, אבער עס קען זיין אז „ואחרי כן יצאו ברכוש גדול לא קיים בהם״ — מיט רייכקייט וואלט ער זיך ניט געקענט האלטן מיט זיי, און דאס איז מיר גאר א קליי־נע טרייסט וואס זיי זיינען באפרייט געווארן. דער עיקר איז אז מען קען זיין א איד, צו מען איז ארעם, צו מען איז רייך, דאס איז דער עיקר, זייט אידן! די עטלעכע יאר ווי זיי גייען אריבער איז אלץ איינס...

---

# לפסח.

ריב״ח הוה קאי בי קיסר, אחוי ליה האי מינא עמא דאהדרינהו מריה לאפיה מיניה, אחוי ליה ועוד ידו נטויה עלינו (חגיגה, דף ה׳)

דער מין, דער אפיקורס זאגט צו רבי יהושע ב״ח: איר זייט איצט דאס פאלק, וואס גאט האט אפגעקערט זיין פנים פון אייך און ער קוקט ניט מער אף אייך, מען קען טאן מיט אייך וואס מען וויל, ער שטראפט ניט מער אייערע באדריקער ווי ער האט פריער געטאן. גאט האט אָפגעקערט פון אייך דעם פנים. ווען איינער קערט זיך אפ אינגאנצן פון צווייטן, זעט ער אים ניט, און אייער גאט האט זיך אינגאנצן אָפגעקערט פון אייך. זעט ער אייך מער ניט...

ענטפערט אים ר, יהושע: „ועוד ידו נטויה עלינו״, גאטס האנט איז נאך אף אונז און ער זעט אונז! הער זיך איין דו אפיקורס, דו שונא ישראל, וואס איך וועל דיר זאגן! איך וועל דיר דערקלערן דעם אונטערשייד פון פריער און פון איצט, דאס הייסט פון דער צייט פארן חורבן און פון דער צייט נאכן חורבן, און איך וויל דיר געבן א משל: אז צוויי מענטשן טרעפן זיך און ריידן איינער מיטן אנדערן, זעען זיי זיך איינער דעם אנ־דערן. ווען איינער קערט זיך אום, זעט ער שוין מער ניט דעם צווייטן, אבער דער לעצטער זעט דעם קערפער פון אומגעקערטן. און נאך א משל: ווען איינער זיצט און א צווייטער גייט צו צו אים און פארדעקט אים די אויגן מיטן האנט, איז דער וואס האט פארדעקט דעם אנדערן די אויגן זעט ער אים גוט, אבער דער וואס זיינע אויגן זיינען פארמאכט, זעט ער גארנישט, ער ווייס ניט ווער עס האט אים פארדעקט די אויגן.

אָט אזוי איז מיט אונז אידן: פון יציאת מצרים ביז כניסת הארץ האט גאט געטאן פאר אונז אזוי פיל נסים — „ואשא אתכם על כנפי נשרים״, „ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי על נהר כבר״ —— ער האט אונז געטראָגן אף אָדלער ־ פליגלען און א דינסט האט אפן ים געזען אזוי פיל גאטהייט, וואס יחזקאל האט עס ניט געזען אפן טייך כבר, הייסט עס אז גאט האט אונז געזען און מיר האבן אים געזען; פנים צו

פנים האט גאט גערעט מיט משה׳ן, דעם פארטרעטער פון אי־דישן פאלק, האט עס געהייסן אז מיר האבן אים געזען און ער האט אונז געזען.

איצט, נאכן חורבן, איז טאקע אמת, מיר זעען ניט גאט, דאס הייסט די פעולה פון אים פאר אונז, ווייל מיר האבן געזינ־דיקט און ער האט אונז פארטריבן פון אונזער לאנד, אבער מיין ניט, דו אפיקורס, דו אנטיסעמיט, אז גאט זעט אונז ניט, אז ער האט אפגעקערט זיין פנים פון אונז! מיר וואלטן ביי אייך קיין איין מינוט ניט געקענט לעבן, מיר, צאן קדשים, איין שעפסעלע צווישן אזוי פיל וועלף, ווען ער וואלט אונז ניט געזען; מיר לעבן, איז א סימן אז גאט האט ניט אפגעקערט זיין פנים פון אונז. ניין! ניין! — נאר וואס דען? — „עוד ידו נטויה עלינו״, ער האט נאר זיין האנט ארופגעלייגט אף אונז, מיר זאלן ניט זען אים פארלויפיק, אבער ער זעט אונז. הקב״ה וועט אונז אין גיכן העלפן, ער וועט אראפנעמען זיין האנט פון אונזערע אויגן און מיר וועלן ווידער זען נסים ונפלאות, אמן.

* *
*

ויהי בשלח פרעה מי צווח ווי פרעה דכא ויהי בשלח פרעה מי אמר ווי משה (מדרש רבה בשלח)

אט דער פרעה, וואס די אידן זיינען געווען א דארן אין זיינע אויגן, אט דער פרעה, וואס האט געזאגט „והיה כי תקרינה מלחמה ונוסף גם הוא על שונאינו ונלחם בנו״, אט דער פרעה, וואס האט געוואלט פטור ווערן פון די אידן און געהייסן ווארפן זייערע קינדער אין טייך, — אט דער פרעה האט געשריען „ווי״, אוי ווי איז מיר!, ווען די אידן האבן פארלאזן מצרים.

אט אזוי איז מיט די שונאי ישראל פון פרעה אן ביז היינט! יאגן און פלאגן די אידן וואס זיצן אין זייער לאנד, מאכן אף זיי בלבולים, פאר אלע צרות וואס פאסירט אין לאנד מאכן זיי פאראנטווארטלעך די אידן, שרייען אף אונז, „גייט זיך אייך אין פאלעסטינע!״ — אבער ווי נאר דער איד האט זיך אופגע־הייבן צו גיין קיין ארץ ישראל, שטעלט מען אים שוועריקייטן און מען רייצט אף אים אן די אראבער, מען זאגט אים, „פאלעסטינע איז ניט דיינע״!

איצט, אויך אזוי ווי אין פרעה׳ס צייטן, ווייל מען נים אוועקלאזן פון זיך דעם אידן: פרעה האט, ווי די היינטיקע שונאי ישראל, גוט געוואוסט, אז די אידן ברייגגען א ברכה פארן לאנד וואו זיי לעבן, אז פון זיי געניסן די איינוואוינער; זיי ווייסן די אנטיסעמיטן אז דאס אידישע פאלק איז געבענטשט מיט דער ברכה „ונברכו בך כל משפחות האדמה... והתברכו בזרעך כל גויי הארץ״ און דאס אידישע פאלק האט טאקע באוויזן אז ער איז ווערט די ברכה. זיי ווייסן גוט, די אנטיסעמיטן, אז די אידן פאר־שטייען צו בויען „פתום ורעמסס״.. פאר די פרעמדע פעלקער, ווייל ווער געניסט פון די אידישע ארבעט? אידן האבן געבויט ניו־יארק, ווארשע, לאדז, ווילנע, אדעס און אזוי ווייטער... וואס האבן זיי היינט דערפון? נים אומזיסט איז געזאגט געווארן „ויהי ה׳ את יוסף ויהי איש מצליח ויהי בבית אדוניו המצרי״, גאט איז געווען מיט יוסף׳ן און ער האט מצליח געווען... אבער ווער האט אים אויסגענוצט? „ויהי בבית אדוניו המצרי״, דער מצרי, זיין בעל הבית. אָט אזוי איז מיט אונזערע אידן, זיי זיינען מצליח און גיבן דע־נאך אוועק אלץ דעם בעל הבית!... א משל פון רוסלאנד, פוילן, אוקראינע און אזוי ווייטער.

ווייטער ווייסן זיי די שונאי ישראל, אז דער איד איז ניצ־לעך מיט דעם, וואס מען קען פון אים מאכן א „שעיר לעזאזל״. די קיסרים פון רוסלאנד, ימח שמם וזכרם, האבן נים איינמאל געמאכט די אידן פאר א שעיר לעזאזל. כדי אָפצווענדן דעם פאלקס צארן פון זיך פאר די שלעכטע ארדנונג און עקספלאאטא־ציע, האבן די קיסרים מיט זייער חבריא געבאדן זיך אין אידישע בלוט, אופרייצנדיק דעם המון אף אידן... אָט אזוי ווי דער נייער המן, דער „גרויסער מופטי״, ימח שמו וזכרו, מאכט פון די אידן א שעיר לעזאזל, נאכדעם ווי ער און זיינע חברה האבן זיך אנ־געשאטן מיט אידישע געלט פאר די ערד, אונזערע היסטארישע ערד, וואס זיי פארקויפן אונז.

אָט דאס זאגן טאקע די חכמי המדרש: „שנצטרע פרעה ושחט ילדי ישראל ורחץ עצמו בדמם״, אז פרעה איז „קרעציק״ געווארן — דאס הייסט אז די שקלאפן האבן זיך גענומען בונטע־ווען, מאכן א רעוואליוציע — האט ער זיך געבאדן אין אידישע בלוט, אט די שיטה האבן אָנגענומען די רוסישע קיסרים און אט

די שיטה געבּרויכן די אראבּישע עפענדים מיטן מופטי, ווייל זיי האבּן מורא פארן צארן פון זייערע שקלאפן.

„ויהי בשלח פרעה, מי צווח ווי? פרעה!" פרעה האט פאר־דראסן וואס ער האט ארויסגעלאזן די אידן פון מצרים, ווייל ער האט דע־מ־ט פארלארן א טיכטיקע פאלק וואס פלעגן ארבּעטן און בּויען... און ער האט פארלארן א שעיר לעזאזל, אף וועמען אויסצולאזן דעם כעס פון די מצריים. ויען הערצל ז"ל האט גע־ווענדעט זיך צום רוסישן צאר צו שטיצן דעם ציוניזם, האט ניקאלאי דורך דעם מיניסטר וויטע געלאזן וויסן, אז ער האט נים דאגעגען צו פארקלענערן די צאל אידן אין רוסלאנד, אבּער ער וועט בּשום אופן נים לאזן אוועקפארן אלע אידן פון רוסלאנד. ס'איז פארשטענדלעך, ווייל די אידן זיינען געווען ז־ער נוצליך און האבּן געדינט אלס שעיר לעזאזל.

„ויהי בשלח פרעה מי אמר ווי? משה!" אבּער משה רבּנו האָט אויך געשריען „ווי איז מיר!" ווייל אַז אָך און אַז וויי איז צו א פאָלק, וואָס זיינע בּאדריקער בּאַנוצן זיך מיט אים צו בּויען שטעט און צו דינען פאַרן קיסר אלס שעיר לעזאזל!... וואָס אין זיינע בּלוט וואַשן זיי זייערע „קרעץ"! אזא פאָלק, וואָס ווען ער האָט שוין דערגרייכט די גליקלעכע שעה אומצוקערן זיך קיין ארץ ישראל, האָט גאָט אים מורא צו פירן דורך די לאנד פון פלשתים „לא נחם אלהים דרך ארץ פלשתים כי קרוב הוא.. בּראותם מלחמה ושבו מצרימה", דאס הייסט אָפּן גערעט, די אידן ציען פאר צו פארבּלייבּן אין גלות, צו ארבּעטן פאר די פּרעה'ס, צו זיין א שעיר לעזאזל און אזוי ווייטער, איידער מלחמה צו האלטן מיט די מניעות וואָס שטייען אפּן וועג פון אופבּוי פון ארץ ישראל.

אָט דערפאר מוזן מיר אויך שרייען „אוי ווי צו אונז!", וואָס איצט, בּיי דער „אתחלתא דגאולה" פארבּלייבּן אסך אידן אין די גלות לענדער, ווייל דער וועג קיין ארץ ישראל איז נים אויסגעבּעט מיט רויזן... „די הלוצים זיינען נים פרום"!... מען טאָר חלילה נים „בּאעולה'נען" דעם אראבּער!"

און דער נביא האָט שוין אף אָט די אידן געשריען: „אנכי אנכי הוא מנחמכם מי את ותיראי מאנוש ימות ומבן אדם חציר

ינתן ותפחד כל היום מפני חמת המציק ואיה חמת המציק". איר זעט דאָך, שרייט דער נביא, אז גאָט טרייסט אייך און עפנט אייך א וועג קיין ארץ ישראל, טאָ פארוואָס זיצט איר אין גלות, אויב איר קענט פאָרן קיין א"י? מי את? ווער ביסטו? — פרעגט דער נביא. — דו האָסט מורא "מאנוש ימות ומבן אדם חציר ינתן", דו ביסט א פחדן, דו האָסט ניט קיין מוט צו קעמפן מיט די מניעות, דו האָסט מורא אז דו וועסט דארטן ניט האָבן קיין ברויט, "ותפחד מחמת המציק", דו האָסט מורא פארן אראַבער ער זאָל דיר ניט הרג'נען!... פרעגט אָבער דער נביא ווייטער: "ואיה חמת המציק?" אין רוסלאנד, אוקריינע, פוילן, אונגארן און רומעניען האָסטו ניט קיין מורא פארן "חמת המציק", אָבער אין ארץ ישראל האָסטו יא מורא?

* *
*

אז ישיר משה ובני ישראל את השירה הזאת ויאמרו לאמר. אמר ר' מאיר אז ישיר משה, אז שר לא נאמר, אלא ישיר. מכאן לתחית המתים מן התורה (סנהדרין ד"א)

פאַרוואָס האָט אונזער תורה אָנגערופן די אידן אין פסוק פאר די שירה "עם", און אין דעמזעלבען פסוק און אין א פסוק פריער דריי מאָל "ישראל"? "ויושע ה' את בני ישראל, וירא ישראל את מצרים מת על שפת הים. וירא ישראל את היד הגדולה", און נאָכדעם ענדיקט זיך דער פסוק: "וייראו העם את ה'". איידער מיר וועלן דאָס דערקלערן, מוזן מיר באמערקן אז די פרשה פון יציאת מצרים הויבט זיך אָן מיט "ויהי": "ויהי בשלח פרעה את העם". האָבן דאָך אָבער די ח"זל געזאָגט, אז אומעטום וואו עס שטייט "ויהי" איז דאָרטן אַ צרה. טאָ פאַרוואָס הויבט זיך אָן אזאַ חשובע פרשה פון יציאת מצרים מיט אַ לשון פון אַ צרה?

ווי עס ווייזט אוים האָבן שוין די חכמי המדרש דאָס גע־פילט און זיי זאָגן אַז דאָס וואָרט "ויהי" באדייט "ווי", ווייל משה האָט געשריען "ווי" און פרעה האָט געשריען "ווי". נאָר מיר מיי־נען אַז דער טעם איז אַ פשוטער. עס איז באַוואוסט אַז די אידן אין מצרים זיינען געווען פאַרזונקען אין אַלע טומאות מצרים, זיי

האָבן פאַרגעסן דעם אלקי ישראל, זיי האָבן פאַרגעסן וועגן דער הויכער אמונה פון די אבות, אָבער זיי האָבן באַהאַלטן געוויסע סמנים פון זייער נאַציאָנאַליטעט, ווי די ח"זל זאָגן „שלא שינו את שמם לשונם ואת מלבושם", דערפאר זיינען זיי אויסגעלייזט געוואָרן פון מצרים... אָבער ווי מיר זעען, האָט משה רבנו זיך ניט גערעכנט מיט זייערע נאַציאָנאַלע סמנים און ער האָט דאָס געהאַלטן פאר א קנאַפּן זכות. ער האָט זיך דערפאַר אָנטזאגט צו גיין צו פרעה'ן און אויסלייזן די אידן נאָר אַפן יסוד פון זייערע נאַציאָנאַלע סמנים. ער האָט געזאָגט „מי אנכי", דאָס הייסט, זאָגט דער מדרש, משה האָט געטענה'ט וואו איז דער „אנכי" פון די אידן, זיי האָבן נאָר אַ נאַציאָנאַלן געפיל, אָבער ניט קיין אמונה. „מי אנכי? וכי אוציא את בני ישראל!" — „מיט וואָס פאַר אַ זכות זאָל איך קומען צו פרעה'ן? דער גאַנצער יחוס פון אידן איז וואָס זיי זיינען בני אברהם, יצחק ויעקב, קינדער פון די הייליקע אבות וואָס האָבן באַגריפן די אמונה אין איין גאָט. און אויב די אידן האָבן אָוועקגעוואָרפן די אמונה פון די אָבות, טאָ וואו איז זייער זכות? און וואָס פאַר אַ נוצן וועט זיין אויב איך וועל זיי אַרויספירן פון מצרים, קוים האָבן זיי ניט קיין אמונה? די פרייהייט וועט דאָך זיין פאַרשאַטן, ווייל אַ פאָלק וואָס איז פינסטער פון די עבודה זרה און פארשמאַכט פון שווערע אַרבעט וועט מיסברויכן די פרייהייט וואָס איז פאַר אים פלוצלינג אַראָפּגעפאַלן און זיין אַ סכנה פאַר זיך אַליין און פאַר אַנדערע פעלקער". ניט אומזיסט האָט דער גרעסטער חכם שלמה געזאָגט: „תחת שלשה רגזה ארץ, תחת עבד כי ימשול..." מיר האָבן דאָך געזען ווי א גרויסער פאָלק האָט פלוצלינג באקומען די פרייהייט און חרוב געמאכט א גרויסע לאנד!!

דער יבער האָט גאָט ב"ה געזאגט צו משה'ן: „כי אהיה עמך וזה לך אות כי אנכי שלחתיך בהוציאך את העם הזה ממצרים תעבדון את אלקים על ההר הזה". גאָט האָט פארשפראכן משה'ן אז תיכף ווי די אידן וועלן ארויס פון מצרים וועלן זיי באַקומען די תורה אפן בארג סיני, און די „חירות", דאָס הייסט די פרייהייט וועט זיין „חרות על הלוחות", א פרייהייט מיט לוחות, א פרייהייט מיט א "לא תרצח".

ניט אזוי ווי א געוויסער פאלק האט ניט לאנג באקומען די פרייהייט און איר פארטרונקען אין אידישע בלוט... איצט איז

דאס פאלק ווידער אונטערן יאָך פון פרעמדע, ווייל ער איז ניט ראוי צו זיין פריי!

ניט מאכן פון פרייהייט — הפקרות, גניבה, גזילה און רציחה... ניין! פרייהייט מיט א „לא תגנב", פרייהייט מיט א „לא תחמד", פרייהייט מיט א „אנכי ה' אלוקיך", אט אזוי ווי די תורה זאגט: „וקראתם דרור", „וקדשתם את שנת החמשים", פרייהייט מיט קדושה!

ווען די אידן זיינען ארויס פון מצרים, זיינען זיי נאך געווען האלבע געצנדינער און זייער שטרעבונג צו פרייהייט איז געווען א ריין נאציאנאלע. אבער מיט נאציאנאלן גייסט אליין האט דער איד זיך ניט געקענט דערהויבן צו גבורה און ענטוזיאזם. און די גאנצע פרשה בשלח ביז די שירה מאלט דעם גייסטיקן צושטאנד פון די אידן אין זייער שווארצע פארבן. עס האט זיי געפעלט גלויבן, דרייסטקייט און ווי נאר זיי האבן געזען א מניעה האבן זיי געשריען: „המבלי אין קברים במצרים!" זיי זיינען געווען גרייט צוריק זיך איינשפאנען אין פרעה׳ס וואגן און אנטאן די קייטן פון שקלאפעריי אפן האלז, ווי נאר זיי האבן געזען אז דער וועג קיין ארץ ישראל איז ניט אויסגעבעט מיט רויזן.

דעריבער האט די תורה ניט אומזיסט געשריבן „ויהי בשלח", דאס הייסט בלשון צרה. פארוואס זיינען זיי ארויס פון מצרים? ווייל פרעה האט זיי ארויסגעטריבן. עס איז באוואוסט אז דער נאציאנאלער גייסט וועקט זיך אויף בא אידן ווען מען טרייבט אים „כי גורשו ממצרים", אבער דער נאציאנאלער גייסט אליין איז צו שוואך צו באקעמפן די שוועריקייטן: „טוב לנו עבד מצרים ממתנו במדבר", די אידן האבן זיך געהאלטן פאר מתים, ניט קוקנדיק אף די נאציאנאלע געפילן... ערשט ווען זיי האבן געזען דעם נס „והאמינו בה' ובמשה", האבן זיי אפגעלעבט און געזאגט שירה מיט ענטוזיאזם. דעריבער זאגן די חז״ל: „מכאן לתחית המתים מן התורה", דאס הייסט ווי נאר די אידן האבן אנגעפאנגען גלויבן, זיינען זיי לעבעדיק געווארן. זיי האבן באקומען אן אמונה. אט דאס איז דער עיקר פארן אופלעבן פון אידישן פאלק. אט דערפאר זאגט די תורה ניט „וייראו ישראל את ה'", נאָר „וייראו העם את ה'". דאס הייסט דער „עם", די נאציאנאליסטן האבן אויך דערזען גאט, די פרומע מיט די נאציאנאליסטן, די

נאציאן מיט די רעליגיאן; אט ווען די נאציאנאלע זיינען געווארן פרוס, האבן באקומען אן אמונה, האט די אידן ארומגעכאפט דער רוח השירה, דאס פאלק האט אפגעלעבט — תחית המתים היא מן התורה!

אט די זעלבע געשיכטע קומט פאר אין אונזערע צייטן, רבותי! דער גרעסטער פעסימיסט מוז אנערקענען, אז מיר לעבן אין דער צייט פון „אתחלתא דגאולה". ארץ ישראל ווערט פאר אונז א ממשותדיקער פאקטאר, און די באלפור־דעקלאראציע און די אינטערנאציאנאלע אנערקענונג פון אונזערע זכויות זיינען דער ערשטער פרק אין דער „אתחלתא דגאולה". די באוועגונג פון „שיבת ציון" קומט אבער פאר שווער, לאנגזאם, ווייל עס פעלט איר די רעליגיעזע נשמה און דער גרעסטער טייל פון די ציו־ניסטן האט נאך ניט דערגרייכט די וויכטיקע מדרגה פון „וייראו העם את ה'".

דערווייל איז נאך די באוועגונג פון „שיבת ציון" דורכגע־דרונגען נאר מיטן נאציאנאלן גייסט און א סך רעליגיעזע אידן זיינען קעגן ציוניזם און פרעגן: „מה העדות החקים והמשפטים אשר צוה ה' אלקינו אתכם?" וואו זיינען די „חקים" און „משפטים" בא אייך, ציוניסטן? זאגן די ציוניסטן: „מה העבודה הזאת לכם?" וואס פאר א שייכות האט די רעליגיע מיט דער פרייהייטס־בא־וועגונג פון פאלק? און דאס פאלק אליין, וואס איז ווי דער „תם", שטייט און פרעגט: „מה זאת?" וואס קומט דא פאר? דאס פאלק האט קיין צייט ניט זיך פונאנדערצוקלייבן אין די קריגערייען פון די רעכטע און לינקע, דעריבער שאקלט ער זיך אפ פון דער ארבעט... און די ארבעט פאר ארץ ישראל גייט לאנגזאם! דער צוקינפטיקער היסטאריקער וועט טאקע אנהויבן די ערשטע פרשה פון „אתחלתא דגאולה" מיט א „ויהי".

די אמתע אופלעבונג פון אידישן פאלק וועט קומען נאר דאן, ווען דאס פאלק וועט קוקן אף זיין פרייהייט ניט נאר פון נאציאנאלן שטאנדפונקט ווי בא יציאת מצרים נאר אויך פון רעליגיעזן, נאר דאן וועלן מיר קענען זינגן שירה... תחית המתים היא רק מן התורה!

און די יעניקע וואס זאגן „מה העבודה הזאת לכם", וואס פאר א שייכות האט רעליגיע צום ציוניזם, דארפן קריגן די

תשובה פון בעל הגדה: „כיון שהוציא עצמו מן הכלל כפר בעיקר", אויב דער ציוניסט גלויבט ניט אין גאט, איז ער „מוציא את עצמו", ער פארניכטעט דעם עצם און דעם עיקר פון כלל, דעם עיקר פון פאלק-קיום.

משה רבנו האט גוט געוואוסט, אז די אידן האבן רעכט אף עקסיסטענץ נאר דערפאר, ווייל זיי האבן באגריפן די „אמונה טהורה", די ריינע אמונה אין איינציקן גאט. משה איז ניט גע-גאנגען צו פרעה'ן ביז גאט האט אים ניט געזאגט: „בהוציאך את העם הזה ממצרים תעבדון את אלקים", ווען דו וועסט ארויס-פירן די אידן פון מצרים וועלן זיי דינען מיר. דער „אנכי ה' אלקיך" גייט דורך ווי א רויטער פאדים דורך דער אידישער גע-שיכטע. דער „אנכי" איז דער יסוד פון אידישן קיום. זאגט טאקע ישעיה הנביא: „אנכי אנכי הוא מנחמכם מי את", אן דעם „אנכי", מיינע הערן נאציאנאליסטן אן אמונה, זייט איר גארנישט! אן דעם „אנכי" איז „מי את"? וואס איז דיין יחוס? דער גריך האט זיך בארימט מיט דעם, אז ער האט געגעבן דער וועלט קונסט און שיינקייט, דער רוימער — אז ער האט געגעבן גע-זעצן און יוסטיץ, און דער איד — אז ער האט געגעבן דער וועלט א גלויבן אין איין גאט. דער נאציאנאלער איד אן א גלויבן האט זיך ניט מיט וואס צו בארימען, פרעגט דער נביא: „מי את?" נאר אפן געביט פון רעליגיאן האט דער איד באוויזן זיין גרויסקייט, אבער ניט אף שלאכט-פעלדער, וואו אנדערע פעלקער האבן זיך גרויס געמאכט.

און דער נביא מיט די ווערטער: „ותראי מאנוש ימות ומבן אדם חציר ינתן ותפחד כל היום מחמת המציק" פראטעסטירט קעגן דעם טרוקענעם נאציאנאליזם, וואס איז ניט אן אינערלעכער דראנג פון דער ריינער נשמה, פון דעם צער וואס די שכינה איז אין גלות, נאר וואס איז ארויסגערופן פון דעם פאליטישן און עקאנאמישן מצב אין גלות, „ותפחד כל היום מחמת המציק", וואס איז ארויסגערופן דורך פאגראמען און אנטיסעמיט-יזם. דערי-בער זאגט טאקע ווייטער דער נביא „ואיה חמת המציק?" וואס וועט זיין אז דער אנטיסעמיטיזם אין גלות וועט שוואכער ווערן? דאן וועסטו פארגעסן אן דעם „חמת המציק" און וועסט ווערן אויס נאציאנאליסט. ווי נאר די פאגראמען האבן אופגעהערט און

די וועלט האט זיך א ביסל בארואיקט איז דער ציוניזם שוואך געווארן און געבליבן שטיין אף איין ארט.

מען דערציילט וועגן חסיד ר' אלעזר טשעכאנאווצער ז"ל אז ער איז איינמאל אריין צו קינות אום תשעה באב אין א מתנגדישן בית המדרש. ווי באוואוסט האלטן די חסידים מער פון „עבודה בלב", פון דינען גאט אין הארצן, איידער פון זאגן קינות און פיוטים. האט דער חסיד דערהערט, ווי איינער פון די מתפללים שרייט זייער הויך דעם פזמון פון קינות, און דערקענט, אז דער שרייער איז ניט ווער וויים וואס פאר א פרומער איד. פרעגט אים דער חסיד: „וואס שרייסטו אזוי שטארק און ביטער? — ווי זאל איך ניט שרייען, — ענטפערט דער איד, — אז אין דעם טאג זיינען חרוב געוואָרן דער בית המקדש און דער מזבח. — איז וואס איז? — האט דער חסיד קאלטבלוטיק געפרעגט, — מיר האבן דאך תפילה אנשטאט קרבנות און דער בית המדרש איז דאָך אויך א קליינער בית המקדש, טא וואָס שרייסטו אזוי שטארק? — אבער איך בין דאָך א כהן, — האט דער מתנגד געענטפערט, — און ווען דער בית המקדש איז געווען גאנץ האָט מ'זן מיר געגעבן „מתנות כהונה": זרוע, לחיים, קיבה... און איצט האב איך גארנישט! — אויב אזוי, צוליב דעם שרייסטו, טא נא דיר 25 קאפיקעס, קויף זיך אין א פליישקראם די מתנות כהונה און שריי ניט! — אבער, מיין טייערער, — האָט געטענה'ט דער מתנגד, — די חז"ל זאגן דאך „מיום שחרב ביהמ"ק ניטל טעם בשר מן הבשר וניתן להעצמות", פון דעם טאָג וואס דער ביהמ"ק איז חרוב געוואָרן האָט דאָס פלייש פארלאָרן זיין טעם, וועלכער איז אריבער צו די ביינער! — טא קויף דיך ביינער וועסטו געפינען אין זיי דעם טעם פון פלייש, — האט דער חסיד פריילעך צוגעגעבן. — אזוי גאר, דאָס איז נים נאריש, אבער צום באדויערן האב איך ניט קיין ציינער צו קייען די ביינער, ניט פאר אייך געדאכט. — האט דער מתנגד טרויעריק באמערקט. — אויב אזוי, טא שריי אף די ציינער! — האט דער חסיד אויסגערופן. — וואס שרייסטו אף דעם ביהמ"ק?"

אָט אזוי איז מיט די יעניקע אידן וואס נעמען אנטייל אין ציוניזם פון שטאנדפונקט פון דעם מתנגדישן כהן. זיי קוקן אף ארץ ישראל פון שטאנדפונקט „מבן אדם חציר ינתן", פון ריין

מאטעריעלן שטאנדפונקט. ניטא אזעלכע אידן ווי ר׳ יהודה הלוי וואָס האָט בײַנקנדיק נאָך ארץ ישראל געזאָגט „אויר נשמות אויר ארצך״, די שטרעבונג צו א״י דאַרף זײַן א גײַסטיקע און דער־האָבענע, „תחית הדת והנשמה״, אט אזא שטרעבונג מוז דורכ־דריגגען דעם אידישן נאַציאָנאַליזם.

איצט ווענן די אָרטאָדאָקסישע אידן וואָס טענה׳נען „מה העדות והחקים״, וואָס אַרבעטן ניט פאַר ארץ ישראל, ווײַל די ציוניסטן זײַנען ניט פרום, נאַציאָנאַליסטן אָן א אמונה. רבותי, איר געדענקט דאָך וואָס אונזער הײַליקע תורה זאָגט אונז: „והיה כי ישאלך בנך מחר״! אַט דאָס הייסט אַז מיר דאַרפֿן שטיין אויף דער וואַך, על המשמר, צו זײַן גרייט אויף דער שאלה פון „בן״ פון „מחר״ דאָ אין די גלות לענדער. מיר זעען דאָך אַז ווען דער בן פרעגט די שאלה „מה העבודה״ איז ניט דערמאָנט דאָס וואָרט „מחר״, דאָס הייסט בײַ די נאַציאָנאַליסטן וואָס גייען קיין ארץ ישראל איז די שאלה פון „מחר״ ניט קיין שאַרפֿע, אָבער בײַ די אידן וואָס בלײַבן אין גלות, און וואָס זײַנען אַפילו פרום, איז די שאלה פון „מחר״ דאָס הייסט פון דער צוקונפֿט זייער אַ האַרבע. פאַרוואָס?

לאָמיר צוגעבן אַז די ציוניסטן אין ארץ ישראל וועלן, חלילה, מטמא זײַן די לאַנד מיט זײַער אויפֿירונג, מיט זײַער עובר זײַן על התורה, זעען מיר דאָך אָבער פון תנ״ך, אַז ווען איין דור איז ניט פרום, קומט דער צווייטער דור און טוט תשובה, וואַרפֿט אַוועק די שלעכטע מדות און היט די תורה. דאָס זעען מיר אין שופטים: כמעט בײַ יעדן שופט שטייט „ויעש ישראל הרע בעיני ה׳״, און גלײַך נאָכדעם „ויזעקו בני ישראל אל ה׳״, איין דור איז זינדיק קומט דער אַנדערער און פאַרבעסערט זיך; דאָס זעען מיר אויך אין מלכים: איין קעניג איז אַ געצנדינער, דער צווייטער ראַמט אויס די געצן און איז אַ פרומער איד, און אַזוי ווײַטער; מיר זעען דאָס אויך אין דער צײַט פון בית שני: איין דור האָט זיך מטמא געווען מיט דער גריכישער קולטור, זײַנען אויפגעשטאַנען די חשמונאים און פאַרניכטעט די אַסימילאַ־ציע. ווען איז דאָס געשען געוואָרן, ווען די אידן זײַנען אין ארץ ישראל. דעריבער דאַרפֿן מיר האָפֿן אַז דער נײַער דור אין א״י וועט אין זײַן „מחר״, אין זײַן צוקונפֿט ווערן פרום, און אויסער

„עמך עמי״ וועלן זיי זאגן „אלקיך אלקי״. דער צדיק פון קאזניץ ז״ל האט אין זיין פירוש אף דעם פסוק „ולכל בני ישראל היה אור במושבותם״ געזאגט, אז אין יעדן אידן, אפילו אין גרעסטן חוטא ואפיקורס, ליגט באהאלטן א פונק פון קדושה, א באהאלטענע ליכט, און עס איז ניטא קיין איד אן „אפיקורס בתכלית״. נאר פרעה איז געווען אן אפיקורס וואס האט געמוזט האבן צרות ביז ער האט ניט געזאגט „ה׳ הצדיק ואני ועמי הרשעים״. א איד, אויב עס קומט אף אים א צרה, חס ושלום, רייסט זיך פון אים ארויס דער געשריי: „רבונו של עולם, העלף מיר!״ אט דער קרעכץ רייסט זיך ארויס פון דעם „אור הגנוז״, פון באהאלטענעם ליכט וואס איז פארבארגן אין הארצן פון יעדן אידן. אט דאס איז דער פירוש אף „ולכל בני ישראל היה אור במושבותם״ — במילא ווערט זיך די שאלה פון „מחר״ אין ארץ ישראל לייזן אפן בעסטן אופן.

א סך ערנסטער איז די שאלה פון „מחר״ אין גלות. דא איז די שאלה פון „והיה כי ישאלך בנך מחר״ א סך א ביטערערע און פארפלאנטערטע. וואס וועט זיין מיטן „בן״ פון „מחר״?

מיט א פאר דורות צוריק, ווען מען פלעגט ריידן וועגן די „ארבעה בנים״, פלעגט דער רשע ארופווארפן אף אונז א שרעק: א קלייניקייט, אן אפיקורס, פרעגט גאר „מה העבודה הזאת לכם״?! אבער נאך אלעם דעם פלעגט דער „רשע״, דעד ניט פרומער אין אמת׳ן, אין הארצן, זיין א גלויביקער, נאר אויסערלעך פלעגט ער ארויסווייזן זיין אפיקורסות. ער פלעגט זאגן ליגן אז ער גלויבט ניט און אף אזא „רשע״ קענען מיר זאגן „ישראל אף על פי שחטא ישראל הוא״.

אבער הייגטיקע צייטן האבן מיר שוין ניט אזעלכע „רשעים״. מיר זאגן ווי אין תהילים שטייט: „ראיתי רשע עריץ וכו׳ ואבקשהו ולא נמצא״. מיר זוכן היינט אמאליקע רשעים, אבער זיי זיינען ניטא! מיר וואלטן געווען צופרידן אויב מיר וואלטן געהאט אזעלכע אפיקורסים ווי אין די פריערדיקע צייטן!

צום באדויערן איז אונזער הייגטיקער דור אוועק אסך ווייטער, ער האט שוין דערגרייכט די מדרגה פון „תם״ און די קינדער פון דעם דור, דער „בן המחר״ פון אים איז שוין ווי א

„שאינו יודע לשאול". די קינדער פרעגן שוין ניט! און אויב זיי פרעגן, איז זייער שאלה: „מה זאת?" וואס איז דאס פסח? וואס איז דאס אידישקייט? זיי זיינען פרעמד, טויט פארן אידנטום, זיי זיינען די „בני נכר!" אט די ברענענדע פראגע איז אקטועל איצט איבעראל און איבערהויפט אין אמעריקע. די פראגע וועט אבער ניט געלייזט ווערן אין די גלות לענדער און די איינציקע האפ־נונג איז ארץ ישראל, אט דארטן איז אונזער עתיד, ווייל „מציון תצא תורה ודבר ה' מירושלים". נאר דאן וועלן מיר קענען זינגען די נייע שירה, ווען די רעליגיע און נאציאנאליזם וועלן זיך פאר־אייניקן. „תחית המתים היא מן התורה". אט אף דער צייט האפן מיר, ובא לציון גואל, אמן!

---

# לשבועות.

ויתיצבו בתחתית ההר, מלמד שכפה עליהם את ההר כגיגית, ואמר להם אם תקבלו את התורה מוטב, ואם לאו, שם תהא קבורתכם. (שבת, פ"ח).

דער אויסדרוק פון דעם וואָרט „שם" איז אזוי ניט קלינ־גענדיק, ווייל די אידן זיינען דאך געשטאנען אונטער דעם בארג, האט הקב"ה דאך געדארפט זאָגן „ואם לאו פה תהא קבורתכם", דא, אבער ניט דארטן.

רבותי! דער איד האט צו פארדאנקען זיין ביז איצטיקן עקזיסטענץ נאר די תורה, ווייל מיר האבן די תורת חיים געהיט, דעריבער זיינען מיר ביי דעם לעבן ביז איצט. די תורה הקדושה האט אונז אופגעהאלטן, אז מיר זאלן זיך ניט אויסמישן מיט די אומות העולם. אין די לענדער וואו די אידן פארלאזן די תורה ווערט פון זיי גארנישט, ווייל זיי פארשמעלצן זיך מיט די אומות העולם.

היינטיקע צייטן האט דער „עגל הזהב", די געלט אוועק־גערויבט פון אונז די תורה, ווייל איינער קוקט אפן אנדערן: יענער האָט זיך ארופגעארבעט, וועל איך זיך אויך ארופארבעטן, יענער איז א הפקר־יונג, וועל איך אויך זיין א הפקר־יונג — סטייטש? יענער איז דאך א מחלל שבת ויום טוב, און אוכל טרפות און אזוי ווייטער! — נו, אט דאס טאקע קוק איך דאך.

יענער איז אזוי, צו וואס זאל איך זיין אנדערש? אז יענער מעג, מעג איך אויך!.. — און דאס איז געפערלעך. וואס יעדער קוקט נאר אפן אנדערן. יענער האוועט אום שבת און יום טוב, וועל איך אויך האווענען!

דאס זאגן די חז״ל: „אם תקבלו את התורה מוטב״, אבער „ואם לאו״, אויב איר וועט ניט האלטן די תורה, ווייל „שם״, דארטן איז אזוי און אזוי, איר וועט נאר קוקן אף דארטן, אין יענער שטאט, אין יענער לאנד איז ניט בעסער, אט דארטן, יענער איר טוט אזוי, וועל איך אויך טאן אזוי, אויב איר וועט קוקן „שם״, וואס דארטן איז און אזוי טאז, וועט איר דאך אוועק-ווארפן די תורה, זאג איך אייך אז... „תהא קבורתכם״, עס וועט זיין אייער סוף. עס גייט אוועק א פאר דורות און דער סארט אידאלעך איז שוין ניטא. זייערע קינדער און קינדס-קינדער מישן זיך אוים מיט די גוים און זיי וועלן פארשלונגען ווערן. בעסער קוקט ניט וואס „שם״ דאן וועט זיין „תקבלו את התורה״.

* *
*

אמר ר׳ יהושע בן לוי, בשעה שירד משה מלפני הקב״ה בא השטן ואמר, רבש״ע, תורה היכן היא, א״ל נתתיה לארץ, הלך אצל ארץ, אמר תורה היכן היא, א״ל אלהים הבין דרכה, הלך אצל הים, א״ל אין עמדי, הלך אצל תהום, א״ל אין בי, חזר ואמר, חפשתיה בכל הארץ ולא מצאתיה א״ל לך אצל בן עמרם וכ, (שבת דף פ״ט)

דעם שטן איז ניט געפעלן וואס דער רבש״ע האט געגעבן די תורה צו אונז אידן, ווייל דאס איז פאר אים ניט גוט, אים שמעקט ניט דער ארטיקל, ווייל פאר אים איז די תורה א סם המות, אין „קדושין״ זאגט די גמרא, אז גאט זאגט: אמת טאקע „בראתי לו יצה״ר, אבל בראתי לו תורה תבלין״, די תורה איז אזא מעדיצין וואס שוואכט אפ דעם יצר הרע און ווען ער טשעפעט זיך צו צו א מענטשן און מען קען פון אים ניט פטור ווערן, הייסט די גמרא, אז מען זאל אים אריינשלעפן דעם חברה-מאן אין בית המדרש, „אם פגע בך מנוול זה משכהו לבית המדרש (סכה נ״ב), נו צו וואס טויג אים, אז ער זאל האבן אזא בשמים, אזא סם געגן זיך?...

דעריבער קומט ער צו גיין צו גאט און זאגט: „רבש"ע, תורה היכן היא?" וואו איז די תורה? א שיינעם פנים וועט דיין תורה האבן, און זי האט שוין באלד! די אידאלעך וועלן דאך מאכן — ניין, זיי האבן שוין געמאכט — אן עגל הזהב און אין אלע דורות, איבערהויפט אין אמעריקע, זיינען פינף און זיבציק פראצענט אידן אונטער די עבודה זרה פון דעם עגל הזהב. פרעג אך דיר, רבונו של עולם, וואו געפינט זיך די תורה? וואס פאר א פנים האט דיין ליבע תורה, וואס דו האסט זיך מיט איר משתעשע געווען ביז איצט, פינף הונדערט פיר און זיבציק דורות האסטו זיך געשפילט מיט דיין טאכטער, די תורה, איידער די וועלט איז נאך באשאפן געווארן, און איצט! איצט האסטו איר פארהייראט פאר אזא נידריקע קלאס, וואס הייסט מענטש... תורה היכן היא?

„א"ל נתתיה לארץ", האב קיין מורא ניט, מיין טייערער גוטער דינער, איך דאנק דיר פאר דיין גוט הא־ץ, זיי אבער וויסן אז איך האב געטאן מיט איר א זייער גוטן שדוך, קיין בע־סערן פלאץ אפצוגעבן איר האב איך ניט געהאט, פאר מלאכים טויג מיין טאכטער ניט. אמת, זיי ליבן איר, אבער זיי זיינען ניט אימשטאנד איר מפרנס צו זיין! די מלאכים האבן ניט קיינע גע־שעפטן, טויג פאר זיי ניט כמעט א האלבע תורה. זי איז נאר פאר מענטשן, ארבעטער, געשעפטסלייט, לומדים, רבנים. אפילו די ערשטע מצוה וואס די תורה פארלאנגט, אז זי וויל מען זאל האבן קינדער, קענט איר, מלאכים, ניט אויספילן, ווייל איר האט ניט קיין פרויען. אפילו די לעצטע מצוה צו זיין „גומלי חסד של אמת" ווען איינער שטארבט — ווי איך אליין האב געצייגט די מענטשהייט, „ויקבור אותו בגיא" — טויג פאר אייך ניט, ווייל מלאכים שטארבן ניט. קיין איין מצוה וואס מיין טאכטער, די תורה, פארזאגט, קענט איר ניט מקיים זיין, איר קענט איר ניט מפרנס זיין!... טאָ, זאג זשע מיר, שטן, צו וועמען האב איך איר געקענט פארהייראטן — צו עשו הרשע, דעם שיכור, דעם פאגראמשציק? צו עמון אדער צו מואב — די טייערע „מיוחסים"? איך האב דאך געמוזט איר געבן צו די בני ישראל, די יחסנים און כשר'ע קינדער? איי וואס דו זאגסט, אז זיי וועלן ניט קענען לערנען מיין תורה? שטן, זיי רואיק! איך בין מודה אז אין דיינע רייד איז דא

א ביסעלע אמת, אז א גרויסער פראצענט פון די בני ישראל זיי־
נען פארנומען מיטן „עגל הזהב”.. די רייכע אידן ווילן פון מיין
טאכטער וויניק וויסן, זיי פאלגן איר ניט, אבער איך האב די
מיטעלע קלאס, די ארעמע קלאס. די מיטעלע בעלי בתים קומען
אין די שולן, דאווענען, לערנען, הערן ווי מען לערנט, זיי זיינען
מחזיק די לומדי התורה, זיי גיבן געלט פאר א ישיבה און פאר
א תלמוד תורה, און ווי מעגליך היטן זיי אליין די מצוות.
„נתתיה” איך האב איר בכלל אוועקגעגעבן „לארץ”, צו די ערד־
מענטשן, צום מיטלן קלאס, צו איינפאכע מענטשן. הכלל, זיי
וויסן, ר׳ שטן, אז נתתיה לארץ... ווען ניט זיי, וואלט טאקע אין
שול קיין לעבעדיקער נפש ניט געווען, חוץ ימים נוראים, און עס
וואלט קיין „החזקת התורה” ניט געווען!

„הלך אצל ארץ”, דער שטן איז אוועקגעגאנגען אויספארשן
ביי דעם סארט מענטשן, וואס רופן זיך „ארץ”, נידריקער קלאס,
ארעמערע מענטשן, מיטעלע בעלי בתים. ער האט באזוכט די
מענטשן און האט ניט געפונען קיין פיל תורה ביי זיי. זיי זיינען
נעבעך, פארנומען מיט מאכן א לעבן פאר זיך און זייערע הויז־
מענטשן. וואונדערט זיך ווייטער דער שטן: „תורה היכן היא?”
וואו איז בא אייך תורה, איר האט דאך נאר קיין צייט ניט צו
לערנען?”

„א־ל אלקים הבין דרכה”, גאט ווייס אז מיר קענען ניט
לערנען, מיר האבן קיין צייט ניט. נאר וואס דען? מיר שטיצן
לומדי תורה, מיר האלטן אויס א פרומען רב, א גדול בתורה,
מיר גיבן געלט אף ישיבות, אבער מיר אליין קענען ניט לערנען,
מיר קענען זיך ניט העלפן, וואס זאלן מיר טאן? אבער „אלקים
הבין דרכה”, גאט פארשטייט דעם וועג פון דער תורה, אז ניט
אלע קענען לערנען, נאר מיר שטיצן די יעניקע וואס גייען אין
וועג פון תורה, „דרכה”, אין אירע וועגן, ווייל עס קען קיין תורה
ניט זיין, ווען אלע וועלן לערנען, ווייל ווער וועט די לערנערס
געבן עסן און אלעם נייטיקע צום לעבן?

„הלך אצל ים”, איז דער שטן אוועק צו די סוחרים, וועל־
כע פארן אימער איבער די ימים קויפן סחורה. „וואס איז מיט
אייך, האלט איר די תורה?” — „א־ל אין עמדי”, מיר האבן
אמאל געלערנט אין אסך פון אונז האבן געקענט לערנען, נאר

איצט האָבן מיר די תורה פאַרלאָזן, מיר געדיינקען איר ניט, נאָר מיר ווייסן אַז תפלין „אין עמדי״, קיין תפלין האָב איך ניט מיט זיך, איך האָב בעסער קראַגנס מיט שליפסן און אַ ראַזיר־מעסער. שבת „אין עמדי״, מצוות „אין עמדי״, קורץ עס איז בּאַ אונז „אין עמדי״... מיר לייקענען ניט און מיר ווייסן אַז עס איז דאָ אַ תורה, נאָר מיר האָבן איר ניט מיטגענומען!״

„הלך אצל תהום״, איז דער שטן אַוועק צום תהום, צו די פאַרזונקענע אידאַלען, צו די אידאַלען וואָס האָבן שוין פאַרלאָרן דעם צלם אלקים, צו די חברה יונגאַטשעס! „איר ווייסט עפּעס פון דער תורה? איר האַלט כאָטש עפּעס?״ די קאָמפּאַניע שקצים ורמשים האָט געענטפערט „אין בי״, אין מיר איז שוין ניטאָ גאָר־נישט, איך בין טרייף פון קאָפּ ביז די פיס״.

„חזר ואמר חפשתיה בכל הארץ ולא מצאתיה״, „רבונו של עולם, איך האָב איר געזוכט צווישן די אַלע אידן וואָס דו האָסט מיר געזאָגט אַז זיי האַלטן די תורה, נאָר איך האָב ניט געפונען אַז זיי קענען עפּעס״. דער שטן האָט פאַרשוויגן וואָס זיי זיינען מחזיק לומדי תורה.

„א״ל לך אצל בן עמרם״, גיי צו די אידן די תלמידי חכמים, וואָס זיי ווערן גערופן אויף דעם נאָמען „משה״, יעדער תלמיד חכם איז אַזוי ווי „משה שפיר קאַמרת״, גיי צו זיי און פרעג זיך נאָך ווּעסטו אויסגעפינען, אַז זיי האָבן צו פאַרדאַנקען דעם המון!

„הלך אצל משה, תורה שנתן לך הקב״ה היכן היא? אמר לו מה אני שנתן לי הקב״ה תורה״. דער תלמיד חכם ענטפערט: ווער בין איך, וואָס בין איך אויב ניט מיינע אָרעמע מיטגלידער פון מיין קהילה ווען ניט זיי וואָלט איך געקענט לערנען? און זיי וואָלט אַ ישיבה געקענט עקזיסטירן? איך, משה, קען לערנען נאָר דאַן, ווען די מיטעלע קלאַס איז מיט מיר, דעריבער זיינען זיי די לערנער, אָבער ניט איך! גיי זיך דיר, שטן, פון וואַנען דו ביסט געקומען! גאָט איז גערעכט אַז „נתתיה לארץ״, נאָר דער „ארץ״, דער מיטעלער און אָרעמער קלאַס, נאָר זיי לערנען!

# שבועות.

די גמרא דערציילט אונז: „כשבקש הקב״ה לתן תורה לישראל אמרו מלאכי השרת לפני הקב״ה מה לילוד אשה בינינו״? ווען גאט האט געוואלט געבן די תורה צו אידן האבן די מלאכים געזאָגט צו גאט, ווי קומט א מענטש וואס איז געבארן פון א פרוי צווישן אונז מלאכים? א מלאך שטייט דאך העכער פאר א מענטשן! „אמר לו הקב״ה למשה החזר להם תשובה״, זאגט גאט צו משה׳ן, גיב זיי א תשובה! טענה׳ט משה צו די מלאכים: „אין דער תורה שטייט, אז זעקס טעג זאלסטו ארבעטן און שבת זאָלסטו רוען — איר, מלאכים, ארבעט דען א גאנצע וואך? דארפט איר דען היטן שבת? איז דען פאר אייך דער „כבד את אביך ואת אמך״? איר האט דאך ניט קיין עלטערן! איז דען פאר אייך א „לא תרצח״, א „לא תגנב״? די תורה איז דאך פאר מענטשן, אבער ניט פאר מלאכים. איר זאגט אז א מלאך איז העכער פאר א מענטשן? א טעות! ווי באלד די אידן האָבן גע־נומען די תורה שטייען זיי פיל העכער פון די מלאכים, א מענטש מיט דער תורה שטייט פיל העכער פון א מלאך אן דער תורה!״

*

די גמרא זאגט, אז א. אידישער מלך האט געדארפט שרייבן צוויי ספרי תורות, איין תורה פאר זיך אליין, וועלכע זאָל ליגן באהאלטן אין די קייזערלעכע אוצרות — „אחת שמונחת בבית גנזיו״ — און איין תורה וועלכע זאל זיין מיט אים ווען ער גייט צום פאָלק, אין קאכעדיקן אלטעגלעכן לעבן — „שיוצאת ושנכנסת עמו״. יעדער איד דארף אין דער הינזיכט א מלך זיין — „כל ישראל בני מלכים הם״ — יעדער איד דארף צוויי תורות האבן: א תורה פון „נעשה״ פון מעשים, פון מצוות מעשיות, וואס „יוצאת ושנכנסת עמו״, ווען ער גייט ארבעטן אין פאבריק, אין זיין געשעפט, אין קאנטאר, דאס הייסט אף יעדן טריט און שריט זאל ער לעבן אין דעם גייסט פון דער תורה, ער זאל ארבעטן און האנדלען אין גייסט פון שלחן ערוך, און א תורה פון „נשמע״ — „אחת שמונחת בבית גנזיו — א צווייטע תורה, ריכטיקער גערעט די צווייטע טייל פון דער תורה, א

תורה פון „חובת הלבב״, א תורה וואס רייניקט די הארץ, לייטערט די נשמה, הויבט אוף דעם אידישן גייסט, מאכט דעם מענטשן הייליק. אבער „נשמע״ אן „נעשה״ איז גארניט ווערט: מען דארף לייגן תפילין, דאס איז „נעשה״ און מען דארף פארשטיין די מצוה פון תפילין, דאס איז „נשמע״; מען דארף צושלאגן א מזוזה אף די טירן, דאס איז „נעשה״ און מען דארף לערנען די מצוה פון מזוזה לויט די תורה און גמרא, דאס איז „נשמע״. דער „נשמע״ מאכט אז דער „נעשה״ זאל זיין מיט הארץ און נשמה. „נשמע״ אן „נעשה״ איז ווינט מיט רויך, „נעשה״ אן „נשמע״ איז א שטיק אייז, ביידע אבער צוזאמען האלטן אוף א פאלק אן א לאנד, אן א רעגירונג — שוין באלד צוויי טויזנט יאר! ניט אומזיסט איז די וועלט פארציטערט געווארן ווען אידן האבן בא קבלת התורה א געשריי געטאן: נעשה ונשמע!

*

שבועות פלעגן אונזערע עלטערן, וועלכע האבן געלעבט אין ארץ ישראל בעת דער בית המקדש איז געשטאנען, פלעגן זיי ברייגנען דעם „שתי הלחם״, ווייל דערמיט האבן זיי געצייגט, אז מיר אידן קענען נאר דאן עקזיסטירן, ווען מיר וועלן לערנען און אפהיטן צוויי תורות אונזערע, וועלכע זיינען איינס: תורה שבכתב און תורה שבעל פה. מען קען ניט פארשטיין די תורה שבכתב, דעם חמש, אן דעם פירוש פון תורה שבעל פה, די גמרא. און פארקערט, מען קען ניט גוט פארשטיין די תורה שבעל פה ווען מען פארשטייט ניט גרינדלעך גוט די תורה שבכתב. די תורה שבכתב און די תורה שבעל פה — דאס איז אונזער דאפלטער ברויט, דער „שתי הלחם״, וואס מען האט מקריב געווען שבועות אין בית המקדש, ווי דער נביא זאגט: „לכי לחמו בלחמי״, די תורה דאס איז דער געזונטער, נוויטיקער און נוצליכער שפייז, דער ברויט פון אידישן פאלק.

צוויי תורות און צוויי לוחות האט משה רבנו גענומען פון בארג סיני, און די צוויי לוחות האבן ענטהאלטן די צוויי טיילן אידנטום, דעם טייל וואס באלאנגט צו גאט, בין אדם למקום, און דעם טייל וואס באלאנגט פון מענטש צו מענטש, בין אדם לחבירו. אין גלות איז אונזער גאנצער לעבן א דאפלטער, מיר האבן שבת, דעם הייליקן שבת, און מיר האבן, צו אונזער גרויסן

אומגליק, א צווייטן שבת, א „שבת שני של גליות" — דאָס איז דער זונטיק, דער גויעשעד זונטיק, וואָס קאנקורירט שטארק מיטן שבת קדש, ווייל א גרויסער טייל אידן אין אמעריקע, מערב אייראָפּע און אייניקע לענדער פון מזרח אייראָפּע — רוען זונטיק און ארבעטן שבת!!

מיר האָבן צוויי שפּראַכן: לשון קודש אדער העברעאיש און אידיש. העברעאיש איז די הייליקע נאַציאָנאַלע שפּראך פון אידישן פאָלק, און אידיש איז א פאָלקס-שפּראַך, וואָס ווערט גערעט בּאַם גרעסטן טייל פון אידישן פאָלק. עס גייט אָן א שטארקער, נארישער קאמף צווישן העברעאיסטן און אידישיסטן. יעדער פון זיי וויל אז נאָר זיין ליבלינגס-שפּראַך זאָל זיין די הערשענדע שפּראך פון פאָלק און זיי ווילן ניט פארשטיין אז עס איז דאָ אַ פּלאַץ פאַר העברעאיש און אידיש. עס איז בעסער און זייער נויטיק צו פארשטיין העברעאיש, ווייל אַן דעם קען מען קיין ריכטיקער איד ניט זיין, ווייל זי איז די אמת'ע און די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון אידישן פאָלק: מען מוז אבער זיך רעכענען מיט דעם פאָלק וואָס פאַרשטייט ניט קיין העברעאיש און ריידן צו אים אין אידיש, אין דער שפּראך וואָס האָט אַריינגענומען אין זיך דעם אידישן קרעכץ און וועלכע איז אזוי נאָענט און היימיש, די שפּראַך אין וועלכער עס האָט גערעט דער ווילנער גאון, ר' זלמן ליאַדער, ר' חיים וואָלאָזשינער, דער צמח צדק און אַנדערע גאונים, צדיקים און קדושים.

ווען אידן האבן גענומען די תורה, האבן זיי געזאגט: נעשה ונשמע!! מיר האבן „נשמע-אידן", אידן משכילים, וועלכע האבן ליב די וויסנשאפט פון אידנטום האבן ליב צו פילאזאפירן וועגן עטיק און מאראל פון אידנטום, ווייסן דעם ריכטיקן דאטום ווען אביי און רבא זיינען געבוירן געווארן און וואס פאר מאכלים זיי האבן ליב געהאט: זיי ווייסן אבער ניט וואס אביי ורבא האבן געזאגט, זיי פעלט די הויות אביי ורבא, און ווען אפילו זיי ווייסן, פילן זיי ניט די קדושת התורה פון אביי ורבא, זיינען ניט מקיים די מצוות המעשיות, וואס אָן דעם איז מען קין איד ניט. דאקעגן האָבן מיר „נעשה אידן", וועלכע זיינען ווייט פון „נשמע", זיי דאווענען און ווייסן ניט קיין פירוש המלים, זיי טוען א מצוה און ווייסן ניט די כונה, דעם טיפן זין פון דער מצוה. האבן דאך אונזערע

ח״זל געזאגט: „ולא עם הארץ חסיד״ און זייערע מצוות זיינען דאך ווי דער נביא זאגט „מצות אנשים מלומדה״, זיי טוען ווי א מאשין, פון געוואוינהייט, אבער אָן הא־ץ, אָן נשמה, אָן התלהבות. מען מוז זיין א גאנצער איד, א פייערדיקער איד, מען מוז זיין א נעשה ונשמע = איד, פארשטיין דאס אידנטום און היטן די מצוות המעשיות.

*

ווען גאט האט די אידן געגעבן די תורה האט ער ניט געזאגט „אנכי ה׳ אלהיכם״ איך בין אייער גאט, אין לשון רבים, נאר ער האט געזאגט „אנכי ה׳ אלהיך״, איך בין דיין גאט, אין לשון יחיד. פארוואס? ווייל אלע אידן זיינען דאן געווען פאראייניקט, אלע אידן ווי איין איד! דער פסוק זאגט: „ויענו כל העם יחדיו ויאמרו כל אשר דבר ה׳ נעשה״, דאס גאנצע פאלק האט געענטפערט צוזאמען, אלע צוזאמען האבן געוואלט דעם „נעשה״. אלע צוזאמען האבן געוואלט די תורה, און דעריפאר אין דעם זכות פון אחדות האבן זיי זוכה געווען צו קבלת התורה.

לאָמיר זיך פאַרייניקן אַלע צוזאמען, פונקט ווי אונזערע עלטערן האָבן זיך פאַראייניקט ביי קבלת התורה, און דאן וועלן מיר זוכה זיין דאָס מיר און אונזערע קינדער וועלן לערנען און היטן די תורה, הן אין די גלות=לענדער, הן אין ארץ ישראל, אין דער לאַנד פון אונזער תורה.

---

# לתשעה באב.

כל האוכל בט׳ באב עונותיו חקוקין על עצמותיו
(תענית, דף ל׳)

ווען איינער האט א שאדן, וואס ער ווייס אז דער שאדן קען זיך שוין צוריק ניט אומקערן, עס איז פארפאלן, שטארקט ער זיך מיט אלע זיינע כחות אופצוהערן צו זארגן, ווייל וואס וועט אים העלפן זיין זארגן, אז עס איז פארפאלן, אבער ווען ער האט נאך א האפנונג אז זיין שאדן זאל זיך צוריקקערן ווען עס איז, איז ער זיך מצער; ווען עס איז ווען דאך דער שאדן זיך צוריקקערן.

אָט דאס איז דער ענין פון תענית תשעה באב און די אכילות פון תשעה באב, וואס מיר זיינען זיך מצער אלע יאר פון שבעה עשר בתמוז ביז נאך תשעה באב, ווייל דאס איז א צייכן אז אונזער גרויסער היזק וועט צוריקקומען, דער בית המקדש וועט צוריק געבויט ווערן און אונזער האפנונג איז ניט פארלארן. א הויז אז עס ווערט חרוב, אויב דער פונדאמענט, דער יסוד איז גאנץ געבליבן און מען קען אף אים שטעלן א בנין, איז א גרויסע האפנונג אז גאנץ גרינג וועט אופגעבויט ווערן דער בנין אף דעם יסוד, אבער אז עס איז חרוב אויך דער יסוד אינגאנצן, איז כמעט פארלארן די האפנונג אז דער בנין וועט געבויט ווערן ווידער.

אלזא איז אזוי: דער וואס עסט און טרינקט און איז זיך ניט מצער אפן חורבן הבית, איז א סימן אז ער איז זיך אינגאנצן מייאש פון אונזער האפנונג, דען ער זאגט, אז דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז אפילו דער יסוד חרוב געווארן און ער וועט שוין ניט געבויט ווערן, דערפאר איז זיין שטראף נאך זיין מידה נאך, דאס הייסט אזוי ווי ער באשליסט אז די יסודי בית המקדש זיינען חרוב געווארן, אזוי ווערט „מדה כנגד מדה" זיינע זינד אויסגעקריצט אף זיינע ביינער, „עונותיו חקוקין על עצמותיו", ווייל די ביינער זיינען דער יסוד פון גוף און דורך זיינע זינד וועט חרוב ווערן זיין יסוד... ה' ישלח את משיחנו, את גואלנו במהרה בימינו, אמן!

*

כל האוכל ושותה בט' באב עליו הכתוב אומר, ותהי עונותם על עצמותם.

מען דערציילט פון איינעם א גאון, אז אין זיין שטאט איז גע־ וועזן א קצב וואס האט געגעסן פלייש און געטרונקן וויין אום תשעה באב. אין דער דרשה פון שבת נחמו האט דער רב הגאון אזוי געזאגט: „אין דער אמת קומט א גרויסער עונש די קצבים וואס זיי גיבן די גבירים די פלייש און די ארעמע מענטשן — די ביינער, כאטש די ארעמע לייט צאלן דעם זעלבן פרייז פאר פלייש ווי די גבירים. פרעגט זיך פארוואס גזלענען זיי געלט בײ די ארעמע לייט און גיבן זיי נאר ביינער?

נאר מען קען זיי פארענטפערן אז זיי טוען עס ווי דער דין איז, ווייל די חכמים האבן געזאגט: „משחרב בית המקדש ניטל טעם בשר וניתן בעצמות", זינט דער בית המקדש איז חרוב געווארן איז צוגענומען געווארן דער טעם פון פלייש און זיין טעם איז אריין אין די ביינער. אלזא טוען דאך די קצבים דאך גוטס מיט די ארעמע, געבנדיק זיי ביינער, דען עס איז דאך דער בעסטער חלק, ווייל דער טעם פון די פלייש איז דאך אין די ביינער. ווען איז דאס גערעט געווארן, ווען דער קצב פאסט אום תשעה באב, אבער ווען ער עסט און טרינקט, לייקנט ער דאך אין דער גמרא דעם „משחרב ב"המק ניטל טעם בשר", דאס הייסט די קצבים גלויבן ניט אין חרבן אינגאנצן, אויב אזוי איז דאך טאקע אף זיי ריכטיק געזאגט געווארן דער פסוק „ותהי עונותם על עצמותם", איז דאך אף זיי זעלבסט די זינד „על עצמותם", וואס זייערע פלייש - ביינער גיבן זיי די ארעמע לייט"...

פארשטייט זיך אז דאס איז ניט מער ווי א שפאס, אבער פון דעם זעט מען כמה גדולים דברי חכמים, וויפל מוסר עס ליגט אין די רייד פון אונזערע ח"זל.

# משיח און תשעה באב.

דער בית המקדש אין פלאמען, די גאסן פון ירושלים אומ-געפלאסטערט מיט הונדערטער טויזנטער אידישע הרוגים. די בעסטע אידישע קינדער אויסגעשלאכטעט — אימעטום בלוט, אי-דישע בלוט!

עס איז דער אומגליקלעכער טאג תשעה באב, דער תשעה באב פון מער אלס צוויי טויזנט פינף הונדערט יאר, דער תשעה באב פון טויזנט ניין הונדערט יאר צוריק.

אבער אין תשעה באב, זאגט דער מדרש, איז געבארן גע-ווארן משיח, אין דעם אומגליקלעכסטן טאג פון דער אידישער געשיכטע איז געקומען אף דער וועלט דער גואל צדק. זיין נאמען איז מנחם, ער איז שוין אלס קינד אוועקגענומען געווארן אין די הויכע הימלען און ער וועט אין דער באשטימטער צייט קומען

אויסלייזן די אידן פון גלות. אין דער פינסטערניש פון תשעה באב האט אופגעשיינט דאס ליכט פון דער גאולה, — זאגט דער מדרש.

די אפיקורסים און גאטלאזע זאגן, אז דאס איז א לעגענדע, וואס די פאנטאזיע פון פאלק האט געשאפן אין תשעה באב. אבער ווער קען דען ניט זען, אז אין אט דער „מעשה׳לע" ליגט באהאלטן דער טיפער סוד פון דעם אידישן קיום? ווער פארשטייט דען ניט, אז נאר א פאלק ווי אידן, וואס האבן געקענט אין דער מינוט פון זייער שרעקלעכסטער פארצווייפלונג געפינען טרייסט אין א ווייטער צוקונפט, מוז בלייבן אייביק עקזיסטירן? דאס איז די אידישע האפנונג, דער אידישער בטחון, וואס פארלאזט ניט דעם אידן אפילו אין זיין תשעה באב.

עס זיינען געווען אף דער וועלט אסך גרעסערע און שטאר־קערע פעלקער ווי דאס אידישע, וואס זיינען, אמת, אויך באזיגט געווארן פון זייערע שונאים, אבער זיי האבן קיינמאל ניט געליטן פון אזא שרעקלעכן חורבן, ווי די אידן. שוין די אלטע ניט־אידישע היסטאריקער דערציילן, אז די באזיגטע אידן זיינען פון דעם שונא, דעם זיגער, באהאנדלט געווארן ווילדער, גרויזאמער און אוממענטשלעכער ווי אלע אנדערע באזיגטע פעלקער. זיין נצחון איבער די אידן האט דער שונא געפייערט מיט אזעלכע בלוטיקע ארגיעס, וועלכע זיינען ניט באקאנט אין דער גאנצער מענטשלעכער געשיכטע. ווייל די שנאה צום אידן איז א טיפערע און ווייל דער וואונטש פון דעם שונא אים צו פארניכטן איז א שטארקערער. דער אידישער חרבן פון תשעה באב איז געווען אומרחמנות׳דיקער, אוממענטשלעכער, ווי די חורבנות פון אנדערע באזיגטע פעלקער. פונדעסטוועגן זיינען יענע פעלקער אונטערגע־גאנגען, בעת די אידן לעבן און קלייבן נייע כחות. און ווי אזוי האבן אידן באוויזן דאס, וואס קיין אנדער פאלק האט ניט גע־קענט באווייזן? ווייל אין דעם אידישן תשעה באב איז געבוירן געווארן משיח. דאס הייסט, ווייל אין די מינוטן פון זיין גרעסטן אומגליק ווערט דער איד ניט פארצווייפלט, ער גלויבט, ער האפט, ער האט בטחון, ער פילט, אז דאס שלעכטע וועט אריבער און עס וועלן אנקומען בעסערע צייטן. דאס איז דער אידישער אפטי־מיזם, וואס פארלאזט ניט דעם באוואוסטזיניקן אידן אפילו אין

תשעה באב. מען דארף דאך ניט קיין אומגליקלעכערן מענטש, ווי עס איז געווען אונזער נביא — מקונן ירמיה, וואס האט מיט זיינע אויגן צוגעזען דעם חורבן פון זיין פאלק און האט אליין געליטן אין דעם חורבן. פונדעסטוועגן האט ער קלאגנדיק זיינע איכות נאך אלץ געפונען א טרייסט פאר די אידן און פון צווישן זיינע טרערן האט ער אויסגערופן:

„ואתה אל תירא עבדי יעקב ואל תחת ישראל כי הנני מושיעך מרחוק ואת זרעך מארץ שבים ושב יעקב ושקט ושאנן ואין מחריד".

אזוי שטארק איז געווען דער בטחון פון פארפאסער פון „איכה", וואס האט מיט זיינע אויגן געזען ווי די אידישע מוטערס האבן געשאכטן זייערע אייגענע קינדער, אז ער פארזיכערט, אז אידן וועלן אמאל ווידער גליקלעך זיין אף זייער לאנד.

און וואס איז געווען דער בארימטער געלעכטער פון ר' עקיבא'ן, ווען ער האט געזען דעם בית המקדש חרוב, דעם הייליקן פלאץ פארווילדעט, און שאקאלן דארט ארומשפרינגען? וואס איז געווען זיין דאמאלסטיקער געלעכטער, אויב ניט דער גלויבן אז משיח איז געבארן געווארן, אויב ניט בטחון, אז עס וועט נאך קומען א בעסערע צייט, ווען דאס אידישע לאנד וועט ווידער ווערן אופגעבויט און פארפלאנצט און וועט ווידער געהערן צו אידן?!

דאס איז געווען דער בטחון, וואס אידן האבן געטראגן מיט זיך ווי א קמיע אין אלע צייטן, און וואס האט זיי דורכגעטראגן אין אלע פינסטערע צייטן פון מיטלאלטער. און ביז צום היינטיקן טאג האבן אידן דעם בטחון, אז די גערעכטיקייט וועט דאך זיגן און די פעלקער וועלן ענדלעך פארשטיין דעם אמת'ן זין פון טאלעראנץ. מיט בטחון האבן אידן אלעמאל געלעבט און דער בטחון האט זיי קיינמאל ניט אפגענארט. דורך זייער בטחון זיינען זיי פון אלע זייערע צרות ארויסגעקומען געלייטערטע, שטארקערע, און בעסערע אידן. עס איז דער אידישער אפטימיזם, וואס פארלאזט ניט דעם אידן אין זיינע גרעסטע נויטן און וואס איז דער סוד פון זיין אייביקער עקזיסטענץ.

ניט אומזיסט האבן די חכמים אין מדרש געלערנט, אז תשעה באב איז משיח געבוירן געווארן.

# פארוואס מיר זיינען אין גלות.

דתניא ר׳ אליעזר אומר שלש משמרות הוי הלילה, וכ׳ו, וסימן לדבר משמרה ראשונה חמור נוער, שניה כלבים צועקים, שלישית תינוק יונק משדי אמו ואשה מספרת עם בעלה וכו׳. למאי נפקא מינה? למקרו ק״ש למאן דגני בבית אפל (ברכות ג׳)

צוליב דריי סבות זיינען מיר אין פינסטערן גלות און מיר זיינען צוזייט און צושפרייט איבער דער גאנצער וועלט, וואו עס איז אונז פינסטער חשך מצרים און אונזער בלוט גיסט זיך אריין אין אלע ימים, און וואו עס ווערט אונז אביסעלע ליכטיק, איז דאס נאר אף א קורצער צייט.

צוליב דריי סארטן זינדיקע וואס געפינען זיך צווישן אונז אין יעדער צייט, אין יעדן דור, אין יעדן לאנד און אין יעדן ארט, — איז אונזער פינסטערע נאכט צעטיילט אין 3 משמרות, איבער וואס די שכינה טרויערט אף אונז און איבער וואס עס איז אונז ניט מעגלעך צו העלפן.

איין סימן גיט איבער ר׳ אליעזר פון א סארט „חברה״, וועלכע זיינען שלעכט און זיינען מעכב די גאולה. די וועלכע זינדיקן מחמת זייערע תאוה — דער קערפער, דער „חמור״ אין זיי רופט זיי נאכצוגעבן זייער תאוה. „חמור נוער״, גייען זיי ארום און הירזשענען ווי אן אייזל טאג און נאכט פארזונקען אין תאוות. פארדינט אזא חברה׳מאן א פאר מטבעות, ווארט ער ביז זונטיק, כאפט א פאר מיידלעך און איילט אין די פרייליכע פלעצער, ניט אכטנדיק אף שפעטער, ניט אכטנדיק אף זיינע כחות, ניט קוקנ־דיק אף דעם, וואס ער איז עובר אף כל התורה, אפילו אף „מצות שכליות״, ווי למשל „כבד את אביך ואת אמך״. און אזעלכע חברה לייט זיינען פאראן אסך, גאר אסך — איבערהויפט אין אונזער צייט. אט די חברה פארשווארצט אונז דעם פנים אין די אויגן פון אונזערע שונאים, וועלכע זאגן: „זעט ווי די אידא־לעך מאכן זיך לוסטיק, ווי זיי וואלטן זיין אין פאלעסטינע!״ מיינט איר אז די ווערטער הערט מען נאר אין פוילן, רומעניע אדער דייטשלאנד? חלילה, דוקא אין דער גרויסער „דעמאקרא־טישער״ אמעריקא. אויב עס קלעקט ניט פאר אזעלכע חברה־לייט זייערע פארדינסטן, טוט מען כל דבר רשע, מען דרייט,

מען שווינדלט, מען באנקראטירט, מען כאפט און מען לאפט, און אויב מען קען עס ניט, ווען ארום זעט מען אזוי פיל תאוה און עס איז ניטא קיין מעות, קויפט מען א רעוואלווער און מען קנאקט זיך אריין א קויל אין קאפ! די קאטעגאריע הפקר יונגען ווייסן ניט קיין אפהאלט, אפי נאר מקיים צו זיין זייערס, ניטא פאר זיי קיין גאט, קיין תורה, קיין מצוות ווייל די תורה הייסט דאך ניט טאן וואס זייער הארץ גלוסט... און דאס און יענץ מוז מען דאך יא טאן... אזא תורה איז ניט פאר זיי, ווייל זיי ווילן דאך נאכגעבן זייערע תאוות. אבער דאך איז דער סארט נאך ניט אזוי געפערלעך ווי די אנדערע צוויי סארטן, וועגן וועלכע מיר וועלן גלייך ריידן. אסך פון דעם ערשטן סארט ווערן פרו־מער, ווען זיי ווערן עלטער, די צײנער קײען שוין ניט קיין טריפות און אלע תאוות זיינען שוין כמעט פארטעמפט: זיי הייבן אן צו גיין אין שול, דערנענטערן זיך צו די פרומע אידן, ווארטן ניט אף ימים נוראים און הייבן אן תשובה טאן, אסך פון זיי ווארטן ניט אף די אלטע יארן און בעסערן זיך שוין אין די מיטעלע יארן, ווייל אין גרונט גענומען האבן זיי טיף אין הארצן מורא פאר גאט, נאר די תאוות פארשמוצן זייערע קערפערס, דער „חמור נוער" פירט אוועק די נשמה אין אלע שמוץ און ווען זיי ליידן עפעס א יסורים, דורך א קראנקהייט אדער עפעס אנדערש, ווערן זיי בעסער. אזעלכע אידאלעך זיינען דא אסך, אבער געפערלעך זיינען זיי ניט גאר שטארק. דאס איז די „משמרה ראשונה — חמור נוער".

„שניה, כלבים צועקים" — די צווייטע קאטעגאריע איז געפערלעכער. אט די זיינען שוין אפיקורסים גמורים, זיי לייקענען אין אלץ וואס הייליק איז, זיי מאכן מיטינגען און האלטן לעק־ציעס כדי צו באווייזן, אז עס איז ח"ו קיין גאט ניטא, אז תורה איז ניט מן השמים, נאר מענטשן האבן עס געגעבן. אמונה האבן מענטשן אויסגעקלערט, אבער היות די מענטשן זיינען צי־ווילזירט, דארף מען עס איצט ניט. אט אזעלכע אפיקורסים רוען ניט כדי צוצוברעכן אידישקייט און מאכן צונישט דאס ארבעט פון די רבנים צו דערהאלטן אידישקייט. די אפיקורסים באנוצן זיך ניט מיט סתם ארבעט, נאר זיי שרייען און פילדערן און מאכן חוזק פון די פרומע אידן. זיי רופט מען „כלבים צועקים", הינטעשע מיילער, זיי ריידן „על ה' ועל משיחו", זיי האסן א

פרומען אידן מער ווי דער אנטיסעמיט. אט די „משמרה שניה — כלבים צועקים״ זיינען געפעלט־לעך, אבער עס איז דא א קאטעגאריע נאך א געפערלעכערע. דאס איז דער דריטער סארט. דעם צווייטן סארט וועלן מיר נאך בייקומען, ווען זיי קומען מיט אונז אין באַרירונג אדער זיי בייטן זייערע געדאנקען. מיר האבן שוין געזען ווי פון אזעלכע כלבים זיינען געווארן מילדע שעפּסאלעך, אמת, זייער ווייניק, אבער דאך טרעפט עס. דערווייל אבער הייסן זיי „כלבים צועקים״.

„שלישית — תינוק יונק משדי אמו ואשה מספרת עם בעלה״ — דא איז די גרעסטע צרה, די קאטעגאריע איז די ערגסטע, די זיינען די געפערלעכסטע, אמת, זיי זיינען אליין ניט שולדיק, גאר ניט שולדיק, אבער זיי זיינען כמעט פופציק פראַצענט פון אונזערע קינדער. מען רעכנט, אז אין אמעריקע, מערב אייראפע און אין אסך אנדערע לענדער זיינען פאראן ארום פופציק פראצענט אידישע קינדער וואס ווייסן לחלוטין ניט פון אידישקייט. זיי גייען ניט אין קיין תלמוד תורות, אין רעליגיעזע שולן, אין שטוב לערנט מען מיט זיי קיין אידישקייט געוויס ניט, דער טאטע לייגט קיין תפילין ניט, האלט קיין שבת ניט, און איז ווייט פון אידישקייט. נאר פון די אנדערע פופציק פראצענט אידישע קינדער געפינען זיך דריי חלקים וואס גיבן די קינדער לערנען... אבער וואס לערנען זיי? נאר בר־מצוה צו ווערן: אביסל עברי, א פרשה חמש און האלטן א שטיקל דרשה. און דאס איז אלץ. קיין ברעקל אידישקייט לערנט מען מיט זיי ניט, ווייל די עלטערן זיינען גאר ניט קיין אידן, זיי פארלאנגען גארניט, אז זייער קינד זאל קענען אידישקייט און זיין פרימער פאר זיי. די מאמע רעט נאר מיטן טאטן, אז דער קינד אירער זאל זוכה זיין צו זיין א גרויסער געשעפטסמאן, א דאקטאר, אדוואקאט, אינזשענער, בכלל — א וועלטמאן און דאס גלייכן. און ווען דאס קינד זויגט אריין אזעלכע טריפה׳נע מילך פון די טריפה פלייש וואס די מאמע עסט, און געבארן איז דאס קינד פילייכט אויך ניט בטהרה... איז פארשטייט איר דאך שוין וואס פאר א איד עס וועט אויסוואקסן... אט אזוי איז א געוואלטיק גרויסער טייל פון אונזער יוגנט. דאס קינד ווייס גארניט, עס איז ניט שולדיק, ווייל אט אזוי איז עס געבארן און דערצויגן געווארן... אט אזוי בלייבט ער שוין ניט איד און ניט גוי... וואס קען מען פון אים

דערוואַרטן? „משמרה שלישית — תינוק יונק משדי אמו", וואס דאס קינד זויגט אריין פון זיין מאמעס ברוסט, טריפות, און ער הערט זיך איין „ואשה מספרת עם בעלה" — וואס די מאמע רעט מיטן טאטן וועגן אים: ביזנעס, דאקטאר, אפטייקער, אינזשע־נער, אדוואקאט, נאר ניט קיין תורה, ניט קיין אידישקייט; ניט דאס קינד זעט, ניט עס הערט א „דבר שבקדושה". דאס קינד ווייס ניט אז שבת טאָר מען ניט ארבעטן, עס ווייס פון גארניט.

פרעגט די גמרא: „למאי נפקה מינה?" — וואס העלפט אז מיר ווייסן שוין? וואס העלפט אז איך האב דאס אייך שוין געזאגט? — ענטפערט די גמרא: א גרויסע נפקא מינה איז פאראן, מיר דארפן עס וויסן און וועקן די יעניקע „למאן דגני בבית אפל", צו די וואס שלאפן אין א זעלבע פינסטערע הייזער, מיר דארפן זיי וועקן, מיר דארפן שרייען „למקרי ק"ש לידע", אז זיי זאלן אופשטיין פון זייער פינסטערן שלאף און לייענען קריאת שמע. זיי זאלן וויסן פון דעם „שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד"! גזלנים! שטייט אוף און לערנט אייערע קינדער: ה' אלקינו ה' אחד!

# צו א חתונה.

שמח תשמח רעים האהובים כשמחך יצירך בג"ע מקדם (כתובות ח).

דער חתן זאגט צו זיין כלה: „הרי את מקודשת לי וכו' כדת משה וישראל". בא קיין זאך, בא קיין מצוה זאגט מען ניט „כדת משה וישראל", נאר בא קדושין, ווייל די פאָר טייערע ווערטער זיינען דא זייער פאסק. דער חתן זאגט צו זיין כלה: מיין טייערע, פון איצט אן ווערסטו מיינע, דו טארסט ניט גע־הערן צו קיין אנדערע, דו ווערסט אסור צו דער גאנצער וועלט. „הרי את מקודשת לי", נאר „לי", מער ניט! אבער מיט וואס קענסטו מיר געטרויען? דאס איז נאר מיט דעם, מיין טייערע, מיט דעם דת משה וישראל. אויב דו האלטסט דעם דת משה בין איך זיכער מיט דיר, און אויב איך האלט דעם דת משה ביסטו זיכער מיט מיר. „מקודשת לי כדת משה", דו ביסט אזוי פיל מיינע, ווי דער דת משה איז בא דיר... אויב ח"ו דער דת

משה איז ניטא בא דיר און אויך ניטא בא מיר, איז טאקע ניט פריילעך מיט אונז ביידן, ווייל ווען דו וועסט זען א שענערן, א בעסערן אדער א רייכערן פון מיר — וועסטו מאכן א „ויברח״.

„כשמחך יצירך בג״ע מקדם״. ווען אדם האט חוה׳ן פאר א פרוי גענומען, האט ער קיין מורא ניט געהאט פאר איר, ווייל ער איז געווען איינער, זי קען ניט זען קיין אנדערן; דאס גלייכן קען ער אויך ניט קריגן קיין אנדערע, אף דער וועלט זיינען נאר זיי ביידע געווען. דערפאר ווינטשט מען דעם פאר, אז זיי זאָלן געהערן איינער צום אנדערן, זיי זאלן ניט האָבן מער אין זינען קיין אנדערע. „שמח תשמח רעים האהובים״, אייער שמחה זאל זיין א דאפלטע שמחה, אן אמת׳ע שמחה, אן ־שלעכטע געדאנקען, אזוי ווי בא אדם מיט חוה׳ן, ווייל זייער שמחה איז דאָך געווים געווען א פולע, ווייל זיי האבן דאך ניט געזען קיין אנדערע...

*

זייער אפט אין אונזערע צייטן נעמט מען א פרוי צוליב געלט, דאס הייסט דער עיקר איז בא דעם מאן דאָס געלט. ווי איז אבער אז ער ווערט אן דאָס געלט און ער ווערט אן ארע־מאן — קען א מאל טרעפן, אז ער קריגט פיינט זיין פרוי. דע־ריבער בענטשן מיר זיי מיט דער ברכה, אז אייב אין פאל ווען דער חתן נעמט די כלה צוליב געלט און חס ושלום ער ווערט עס אן, זאל ער איר ליבן אייביק אויך אזוי ווי איצט, ווען דאס געלט איז בא אים אין האנט. האט דען אדם הראשון געקראגן נדן? האָט דען אדם הראשון געליבט חוה׳ן צוליב געלט? געווים ניט! דעריבער איז דער „שמח תשמח רעים האהובים״ א דאפלטער, דאָס הייסט, דער חתן קריגט א פרוי און אויך געלט — איז די שמחה דאפלט! אבער אויב דאס געלט ווערט ח״ו אנגעוואָרן, זאָל די שמחה אלעמאָל זיין דאפּלט און אימער זאָלן זיך מאן און ווייב ליבן, „כשמחך יצירך בג״ע מקדם״, אזוי ווי אדם האָט זיך געפרייט מיט חוה׳ן, זיין שמחה איז דאך געווים געווען אן אמתע, ער האט דאָך קיין געלט ניט געקראָגן!

ווייטער זיינען דא אסך מענטשן וואָס האבן חתונה צוליב דעם, וואָס די פרוי איז א שיינע, און נאָכדעם אז זי פארלירט ח״ו איר שיינקייט, ווערט דער מאן צו איר קיל. אבער באמת דארף ער איר ליבן אזוי ווי איצט, ווען זי האָט איר שיינקייט.

„שמח תשמח וכו׳״ כשמחך יצירך בג״ע מקדם״ — האט דען אדם געגומען חוה׳ן צוליב שיינקייט? האט ער איר אויסגעקליבן ווייל זי איז געווען שיין? געוויס ניט, ווייל ער האָט ניט פארשטאנען וואָס שיין איז, ווייל ער האָט דאָך דאַן קיין מיאוסע ניט געזען. דערפאַר בענטשט מען חתן=כלה, זיי זאָלן זיין צו אייגאנדער ווי אדם מיט חוה׳ן און זיי זאָלן זיך פרייען ווי די ערשטע צוויי מענטשן, וואָס האָבן זיך געליבט אַון געפרייט אופריכטיק ניט צוליב געלט און ניט אויס שיינקייט.

*

במערבא כי נסיב וכו׳ מצא או מוצא (ברכות ח׳)

א מאל, אז מען האָט גענומען א פרוי איז זי געווען די בעל הבית טע, די עקרת הבית. זי איז געווען אידישלעך און געפירט דאָס הויז אין אידישן גייסט. זי האָט ניט געוואוסט פון קיין טענץ, פון בעלער, פון קינאס, טעאטערן, פייוו=א=קלאקס, מיטינגען, דאטשעס און נאָך אסך זאַכן, וואס איך וויים ניט ווי זיי אָנצורופן. ווען דער מאן איז געגאנגען ערגעץ וואו, איז זיין ווייב מיט אים מיטגעגאנגען, אבער אליין איז זי ניט געגאנגען. ער האט איר איינמאָל געפונען און ער האָט איר געהאַט אף הונדערט מיט צוואנציק יאָר. „מצא אשה״ — ער האָט איינמאָל געפונען און ער האט איר אלעמאָל געהאַט, ניט געדארפט איר ווייטער זוכן אין זיין לעבן, אבער היינט איז די זאַך אנדערש. דער מאן קומט אין דערהיים: „וואו איז די מאמא?״ — פרעגט ער. „די מאמא איז אוועק אין קינאָ״, אָדער: „די מאמא איז אוועק טאַנצן״. די קינדער וויסן גארניט וואו די מאמא איז. דער מאן דארף איר אימער ארומזוכן, ער דארף איר אלע טאָג געפינען פון דאסניי.

„מצא״, אז ער האט איינמאָל געפונען און מער דארף ער ניט געפינען איר... איז „מצא טוב״, אָבער ווען „מוצא אני״, ווען איך געפין איר אלע טאג ווידער... דאן איז „מר במות״, איז עס ביטער ווי דער טויט!

גליקלעך איז דעריעניקער, וואס קען זאָגן „מצא״!

*

גמלתהו טוב ולא רעה כל ימי חייה (משלי ל״א)

טייערע חתן־כלה! איך וועל אייך זאָגן א פּאר ווערטער וואָס וועלן אייך צוניץ קומען אין אייער גאנצן גליקלעכן לעבן ביז הונדערט מיט צוואנציק יאר. אויך וועל איך אייך געבן מיין ברכה און איך בעט אייך אז מיינע ווערטער זאלן האָבן אן אפּ־קלאַנג אין אייער הארצן. מיין ברכה איז דאס, וואס די תורה האט געזאָגט וועגן אדם הראשון; גאָט זאָגט צו די מלאכים „אעשה לו עזר כנגדו", איך וועל פאר דעם מענטשן באַשאַפן א פרוי וואָס זאָל זיין צו אים א הילף אנטקעגן אים. זאָגן די חכמים אין תלמוד: „זכה עזר, לא זכה כנגדו", אויב דער מאן האָט זוכה געווען, ער איז א פרומער, איז די פרוי צו אים א הילף, אויב דער מאַן האָט ניט זוכה געווען, אַז ער איז ניט גוט און פרום, איז זי צו אים קעגן זיינע געדאנקען, קעגן זיינע ווערטער.

מיר זעען דאך אבער ניט פרומע און זיי לעבן מיט זייערע פרויען גליקלעך און מיר ווייסן פון פרומע וואס זיינען ניט גליק־לעך? מיר געפינען אין יבמות ס״ד אז דער גרויסער רב האָט געהאַט א פרוי וואָס זי האָט אים געטאָן נאר צו להכעים, אז ער פלעגט הייסן קאכן לינזן, פלעגט זי דוקא קאכן אַרבעס און אַזוי ווייטער. איי די זעלבע חכמים זאָגן דאָך אָבער פאָרט „זכה עזר, לא זכה כנגדו?"

מיינע טייערע! מיין ברכה פאר אייך איז, אז אייער לעבן זאָל נאָר זיין בשלום. איר זאָלט זיך קיינמאָל ניט איבערבייטן א וואָרט פאר אַ וואָרט. הייליק זאָלן זיין ביי אייך, כלה, די ווער־טער וואָס אייער מאן וועט אייך זאָגן! ליב און טייער זאָלן בא אייך, חתן, זיין די רייד פון אייער פרוי. איר זאָלט פאָלגן איינער דעם צווייטן וועט פון דעם ארויסקומען גוטע רעזולטאטן! אז גאָט גיט רייכקייט איז געוויס גוט... אבער נאָר מיט שלום. שלום־בית איז די גרעסטע ברכה, ווייל דאן איז דאָס לעבן זיס טייער. אַזא ברכה איז די בעסטע ברכה! אייערע נאָענטסטע פריינט ווינטשן אייך רייכקייט... איך בין מסכים, אז גאָט זאָל עס אייך געבן, אפילו ראָטשילדס פאַרמעגן, איך בין מסכים, אז איר זאָלט

לעבן הונדערט מיט צוואַנציק יאָר, אָבער דערצו דאַרף מען האָבן שלום, אַט ווי רש״י זאָגט „אם אין שלום אין כלום״. וואָס קען העלפן רייכקייט, אז מען פאָלגט ניט איינער דעם צווייטן. זי וויל גיין אַף אַ באַל, וויל ער ניט גיין, ער וויל גיין אַף א לעקציע, וויל זי ניט גיין. שטעלט זיך פאָר אַז ער גייט אַוועק און לאָזט איר אליין זיצן אין שטוב... מיט טרערן אַף די אויגן און, חס ושלום, מיט אייפערזוכט... מיט איין וואָרט שלום! שלום איז די בעסטע זאַך!

אָבער מיין ברכה זאָל זיין נאָר צום גוטן. שלום איז טאקע גוט, אָן שלום טויג ניט, אָבער נאר אין גוטן וועג איז גוט שלום. נאָר אין גוטן וועג דאַרף מען פאָלגן איינער דעם אַנדערן, אָבער ניט אין שלעכטן. ווען דער מאַן, למשל, וויל גיין דאַווענען און די פרוי זאָגט „ניין״, דער מאַן וויל געבן צדקה און די פרוי זאָגט „ניין״, דער מאַן וויל עסן כשר און אלעס איבעריקעס אָל זיין כשר... און די פרוי זאָגט „ניין״ -- דאַן דאַרף דער מאַן זי איבערצייגן מיט גוטן און ניט פאָלגן איר... אדער פאַר־קערט: די פרוי וויל האָבן אַ כשרע קיך און אז אלעס איבעריקעס זאָל זיין כשר, און דער מאַן זאָגט „ניין״, דאַרף זי אים איבער־צייגן און ניט פאָלגן... דאָ דאַרף זי זיין קעגן אים.

דאס זאָגט דער תלמוד: „זכה״. אז דער מענטש איז פרום דאַרף זי זיין צו אים אַן „עזר״, צו העלפן אים, אבער ווען „לא זכה״, אז ער איז ניט פרום און וויל ניט זיין פרום, דאן דאַרף זי אים ניט פאלגן און זי דאַרף זיין „כנגדו״, קעגן אים. שלמה המלך זאָגט „גמלתהו טוב״, איר באַציאונג איז נאר מיט גוטס, וואָס ער זאָגט איר איז זי מסכים, אבער נאר אַף „טוב״, אַף גוטעס „ולא רעה״, ניט אַף שלעכטעס... אַף דעם איז זי ניט מסכים...

מיינע טייערע! איר האט מיר דאָך גוט פארשטאנען. דער אויבערשטער זאָל אייך געבן לאנג לעבן, רייכקייט און גדולה... און אויך שלום, אמן!

*

געערטע חתן־כלה, מחותנים און געסט! איצט, אין הייליקן מאמענט, ווען דער מאַן נעמט א פרוי און ער וועט מער ניט האבן קיין שלעכטע געדאנקען, זאגן אונזערע הייליקע ספרים, אז

פון דער חתונה אן, ווען זיי פירן זיך גוט. ווערט יעדער פון זיי גערופן „קדוש", הייליק. ניט אזוי ווי בא די קאטאליקן, וואס זייערע גייסטלעכע טארן ניט נעמען קיין פרויען, ווייל... זיי זיינען „הייליקע", בא אונז אידן קען מען גערופן ווערן „הייליקער" נאר דאן, ווען מען הייראט. און דאס באציט זיך צום מאן ווי אויך צו דער פרוי. נאך איינער איז דא וואס ווערט אנגערופן קדוש און ער בלייבט אלעמאל אליין, ניט פארהייראט: דאס איז אונזער באשעפער, דער רבונו של עולם. דעריבער זאגט די תורה אין פרשה קדושים: „קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלקיכם. איש אמו ואביו תיראו ואת שבתותי תשמרו, אני ה׳ אלקיכם". איר זאלט זיין הייליק, דער מאן און דער פרוי; ביידע צוזאמען ווערן גערופן „קדושים", הייליקע. דערפאר איז עס געזאגט געווארן אין רבים, ניט אין יחיד. איר קענט אנדערש ניט האבן דעם טיטול „קדושים" סיידן איר הייראט. „קדושים תהיו כי קדוש", איר ביידע זייט קדושים, „ווייל „כי קדוש", ווייל איך בין הייליק, איך אליין ווער גערופן קדוש, אבער דאס איז דערפאר נאר ווייל „אני ה׳ אלקיכם", נאר איך אייער גאט!

ס׳פארשטייט זיך, אז איר ווערט גערופן „הייליקע" נאר דאן ווען איר וועט זיך פירן אידישלעך, דער מאן וועט נאר טראכטן וועגן זיין פרוי, און די פרוי נאר פון איר מאן, און איר וועט היטן אירישקייט. פרעגט זיך, פארוואס שטייט גלייך נאכדעם „איש אמו ואביו תיראו"? איז דער תירוץ: איר ווערט גערופן „קדושים", דאס הייסט, איר הייראט און לעבט זיך בשלום און ליבט זיך איינאנדער און פירט זיך אפילו אידישלעך, אבער איר גייט אוועק פון אייערע עלטערן, קען מען דאך זאגן אזוי: „איצט דארפן מיר מער ניט זארגן פאר די עלטערן! די גאנצע זאך וואס מיר דארפן זען איז נאר אונזער לעבן צו פארזיסן". זאגט אבער די תורה: קינדערלעך מיינע, אמת „קדושים תהיו", אבער „איש אמו ואביו תיראו". יעדער זאל מורא האבן פאר די עלטערן, דער מאן טאר ניט שטערן די פרוי שעצן, ליבן און העלפן, אויב עס איז נויטיק ח"ו, אירע עלטערן. דאס זעלבע טאר די פרוי ניט שטערן איר מאן אין זיינע גוטע באציאונגען צו זיינע עלטערן. צו וואס זאגט דאס גאט? ווייל אויב חלילה איר וועט זיך אפזאגן פון אייערע עלטערן, האב איך, גאט, מורא,

אז איר וועט זיך אויך אפזאגן פון מיר, אייער דריטן פא־טנער..״ „אני ה׳ אלקיכם״.

און ווייל דער מענטש נאכן הייראטן הייבט אן זארגן וועגן פרנסה, וועט איר ח״ו זאגן, אז איצט דארף מען ניט קוקן אף קיין הייליקייטן, שבת, יום טוב, און אזוי ווייטער, אבי נאר צו פארדינען געלט, צו מאכן א לעבן! זאג איך אייך, מיינע טייערע, אז „ואת שבתותי תשמרו״, איר זאָלט היטן מיין שבת! „אני ה׳ אלקיכם״, אז איר וועט היטן שבת קען איך אייך געבן און אז איר וועט ח״ו ניט היטן קען איך ניט געבן. דער אמת׳ער קדוש זאל אייך געבן גליק, געזונט און פרנסה און איר זאלט מאריך ימים זיין, אמן!

*

מיינע דאמען און הערדן!

דעם מענטשנס לעבן איז איינגעטיילט אין דריי וויכטיקע צייטן: געבורט, הייראט, און טויט. דער אנפאנג פון לעבן, דער געבורט, איז זייער א וויכטיקער מאמענט, אבער דער ניי־געבארענער, דער „העלד״ פון דיזן מאמענט נעמט דאך ניט קיין אנטייל אין זיין אייגענער שמחה, ווייל ער איז נאך ניט ענטוויקלט, אז ער זאל קענען פילן און פארשטיין. דער סוף פון לעבן, דער טויט, איז ווידער א זייער וויכטיקער מאמענט, אבער דער מענטש, דער קרבן פון דיזן מאמענט קען זיך געוויס ניט פרייען וואס אזא צייט איז געקומען. ווי שווער עס זאל ניט זיין די לאסט וואס אונזער מזל, אדער בעסער געזאגט שלים־מזל, וואַרפט ארויף אף אונזערע פלייצעס, ווי פארוואלקנט עס זאל ניט זיין אונזער הימל, ווי דערנערדיק עס זאל ניט זיין אונזער לעבנס־וועג — שטארבן ווילן מיר דאך ניט, ווייל אז מען לעבט האפט מען, און אז מען האפט ווערט דאס לעבן זיסער און גרינגער! און מען ליידט און מען האפט, און מען האפט און מען ליידט ביז דער לעבנס־וויגער הערט אוף צו שלאגן... אבער דער מיטן פון לעבן, די הייראט, איז דער וויכטיקסטער מיטל־פונקט פון לעבן.

„אדם שאין לו אשה שרוי בלא שמחה בלא ברכה בלא טובה״, עס הייסט, אז א מענטש וועלכער האט ניט קיין פרוי

לעבּם אין פרייד, אין ברכה, אין גוטעס. — זאגן אונזערע תלמודיסטן. און ווי לאגיש, ווי פּראקטיש, ווי דערהאבּן איז זייער מיינונג! א מענטש, וועלכער הייראט ניט, וועט קיינמאל ניט פילן די אמתע פּאעזיע פון לעבּן, וועט קיינמאל ניט באגרייפן די אמתע פרייד און וועט קיינמאל ניט האבּן קיין אמתן גליק. א מענטש מוז האבּן א פריינד וועלכער זאל מיט אים טיילן זיינע ליידן און פריידן, און קען דען עס געבּן א בּעסערער פריינד ווי א מאן אדער א פרוי, וועז זיי ליבּן זיך?

מיין ליבער חתן! היינט איז דער וויכטיקסטער מאמענט אין דיין לעבּן, היינט האסטו דערוואָרבּן א פריינט אין לעבּן, א „עזר כנגדו“, א מיטהעלפערין, א ליכטיקן פאקעל צו באלייכטן דעם לעבּנס - וועג, א קאמפּאס אף דעם ברייטן און גרויסן ים פון לעבּן. די פרוי וואס איז א הילף, איז דעם מאנס בּעסטער פריינד, קיינער האט מיט אים ניט אזוי פיל מיטלייד ווי זיין פרוי אין קראנקהייט אדער ליידן, חס ושלום. קיינער איז צו אים ניט אזוי צערטלעך, איידל און גוט, קיינער קען אים ניט אזוי אופריכטיק אן עצה געבּן, צוגעבּן מוט, ווי זיין פרוי. זאלסטו טאקע זען, מיין ליבער פריינט, צו זיין גוט, איידל און גרויסמוטיק צו דער פרוי, פארשטיין ווי מיט איר ארומצוגיין, שעצן איר ליבע, פריינדשאפט און טרייהייט.

און דו, ליבּע כלה, זאלסט שטענדיק האבּן אין זינען אז עס איז דיין הייליקער פליכט צו טאן אלץ, וואס מעגלעך איז, צו פארזיסן דיין מאנס לעבּן, אריינבּריינגען אין זיין וועלט ליכט און פרייד, צערטלעכקייט און ליבּע. אונזער שווערער לעבּן פארשוועכט גאנץ אָפט די הייליקסטע אידעאלן מיט וועלכע אונזער הארץ איז פול געווען אין דער יוגנד, די שלעכטע אומשטענדע און די ווירקליכקייט מיט איר פּראָזע פארשטיינערן פיל מאל די איידלסטע געפילן און די בּעסטע שטרעבּונגען. דעריבּער זאלסטו זען אנצו- ווענדן אלע דיינע מיטלען אריינצובּריינגען אין דיין מאנס הויז מער פאעזיע, מער הערצלעכקייט. ווען די הייראט איז א געלונגענע, איז דער מאן דעם קאָפּ און די פרוי די הארץ. דאס הייסט: דער קאָפּ, דער מאן, דארף טראכטן, זארגן כדי צופרידנצושטעלן זיין פרוי און די הארץ. די פרוי, זי דארף מיטפילן מיט אים און דארף האבּן פאר אים די בּעסטע, שענסטע געפילן!

און איר, געסט, איר אלע וועלכע זייט געקומען אהער זיך משמח זיין מיט דעם חתן און מיט דער כלה — זייט פריילעך, לעבעדיק, לוסטיק, און פארגעסט אלע אייערע דאגות! פארגעסט נים, אז צוויי מאל לעבן מיר ניט, דעריבער אז עס מאכט זיך א שמחה, און בפרט נאך א שמחה של מצוה, דארפן מיר זיך פרייען ווי געהעריק איז, און מיר דארפן אלע צוזאמען זאגן צו דעם חתן און צו דער כלה: מזל טוב אייך! זאל פון איצט אן זיין אייער לעבן א שטענדיקע שמחה, זאל אייער הימל זיין שטענדיק באשטראלט פון דער ליכטיקער זון און זאל אייער לעבנס וועג זיין באדעקט מיט בלומען. איר זייט יונגע מענטשן, די וועלט איז פאר אייך! פול מיט גוטע האפנונגען הייבט זיך איצט אן אייער נייע עפאכע אין אייער לעבן, און גאט זאל געבן אז אלע אייערע האפנונגען זאלן דערפילט ווערן!

---

# צו א תנאים.

טייערע חתן־כלה, מחותנים און פריינט!

מיר האבן איצט אלע געהערט ווי מען האט פארגעלעזן די תנאים, דאס הייסט דעם קאנט־אקט צווישן חתן־כלה אף וועלכע קאנדיציעס זיי שטימען איין צו ווערן צוויי שותפים אין לעבן. דער קאנטראקט איז געשריבן אין אונזער אמאליקער מוטער־שפראך, וואס ניט יעדער פארשטייט איר. און דאס איז גאנץ קלוג, ווייל אט די תנאים האבן נאר א געזעצלעכן ווערט צו באשיטצן די אינטערעסן פון די צוויי פארליבטע, אבער האט גארניט צו טאן מיט די הייליקע באדייטונג פון ליבע. עס איז ניטא אזא קאנטראקט וואס קען בינדן צוויי נשמות מיט א קניפל פון ליבע, ווען זייערע הערצער זיינען ניט דערביי. די תנאים האבן דעריבער גארניט צו טאן מיט ליבע פון חתן־כלה, ווייל דיזע תנאים האבן שוין זיי געשריבן פריער מיט זייער שטומען בליק, מיט דעם וואונק פון זייערע אויגן... און ווער ווייס? אפשר אויך פארחתמעט מיט דעם שטעמפל פון צוויי ליפן? פארוואס ניט? חתן און כלה מעגן זיך קוסן און זיי דארפן ניט קיין פינטאלעך אפן „וישקהו".

דאך, אויב די געשריבענע תנאים האבן ניט קיין גרויסע באדייטונג אף די צוזאמענשמעלצונג פון זייערע הערצער, — האט דאס אבער פארט א גרויסע באדייטונג, ווייל דאס איז אן אפיציעלער אקט לויט ווי עס איז געווען איינגעפירט בא אידן ווען מיר האבן געהאט אן אייגענע לאנד, ווען ציון'ס פאן האט געפלאטערט צווישן די בערג פון יהודה. דעריבער זיינען דיזע תנאים די הקדמה צו יענע גרויסע שמחה, וואס מיר וועלן קירצלעך פייערן, איך מיין אייער חתונה וואס וועט זיין די קרוינונג פון אייער ליבע.

איך גלויב אז פאר אן אנפאנג איז דיזע רעדע גענוג. צו אייער חתונה וועל איך מיין רעדע פארלייכגערן און- אייך אפשר פארבעסערן. דערווייל, לחיים, הלואי אף שמחות!

*

מזל טוב אייך חתן = כלה!

עס פרייט מיר אייך צו זען זיצנדיק דא צוזאמען פאראייניקט ווי צוויי טויבן, ווי צוויי פרישע בלומען. אייערע הערצער זיינען ווארם און שלאגן אין איין טאקט, אייערע נשמות זיינען פאראייניקט. פרעמד זייט איר געווען ביז איצט. נאר דער שיקזאל האט אייך פאראייניקט נאך דאן, ווען איר האט זיך ניט געקענט, עס איז באשטימט פון דער השגחה עליונה, אז איר זאלט געהערן איינער צום אנדערן. און די השגחה האט אייך צונויפגעפירט, די אומבאוואוסטע קראפט האט פאראייניקט אייערע הערצער, פארבונדן אייערע געפילן, אויסגעגלייכט אייערע געדאנקן און איצט איז געשלאסן געווארן דער קאנטראקט, וואס איר האט אים שוין פאראויס געשלאסן אז איר טרעט אריין אין אייער שותפות'דיקן לעבן, זאל עס זיין מיט גליק, מזל טוב אייך!

נאר שא!... וואס פאר א קלאפ האב איך דא געהערט? מען האט צובראכן א טעלער! עס איז א מנהג, און אז א מנהג ברעכט א דין, מעג ער דאך ברעכן א טעלער געוויס. אבער צו וואס איז דער מנהג צו ברעכן א טעלער? מען זאגט, אז דאס איז א זכר לחורבן. אף יעדער שמחה דארפן מיר זיך דערמאנען, אז מיר זיינען אמאל געווען א פאלק אף אן אייגן לאנד און מען האט אונז פארטריבן און צוגענומען פון אונז אלץ וו‧ס מיר האבן

געהאט. מען האט אונזער לאנד און טעמפל פארברענט, פאר־ניכטעט. דערפאר דערמאנען מיר זיך אן אונזער צער און מיר ברעכן א טעלער.

אבער די פראגע שטעל איך מיך, פארוואס ברעכט מען א טעלער נאר בא תנאים און א גלעזל אונטער דער חופה? עס זיינען דאך פאראן נאך שמחות בא אידן, פארוואס ברעכט מען ניט אף זיי קיין טעלער און קיין גלעזער? — אז איך קוק איצט אף אייך, חתן - כלה, איז מיר די פראגע פאר׳ענטפערט. זייער א שיינער מנהג איז דאס ברעכן פון טעל׳ר און גלעזער. ס׳איז ניטא וואס צו לאכן פון א איד׳שן מנהג, א קלוגער פאלק טראכט ניט אוי׳ס קיין נארישע מנהגים. דער ברעכן פון טעלער צו די תנאים און פון גלעזער אונטער דער חופה איז אף אן אמת א זכר לחורבן. אבער איך מיין דא אויסער דעם אלטן חורבן בית המקדש נאך א צווייטן חורבן.

צוויי מענטשן, ווען זיי גייען הייראטן, גייען זיי גרינדן א מלוכה. ווייל דאס לעבן פון יעדן מענטשן איז ווי דאס לעבן פון א פאלק. א פאלק איז ערשט דאן גליקלעך, ווען עס הערשט בא אים אחדות, יושר, מאראל און בילדונג. ווען עס איז ניטא קיין ארדנונג, מוז דאס פאלק אונטערגיין. דאס זעלבע איז בא איינ־צעלנע מענטשן. זיי דארפן פירן א מין מלוכה, א אייגענע וועלט, זיי דארפן פירן א הוצאה, דערציען קינדער און פירן א שווערן קאמף פאר דער עקסיסטענץ. דאס איז נאך צייטנווייז שווערער ווי פירן א מלוכה, ווי די גמרא זאגט: „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף״, פירן א הוצאה איז שווערער ווי שפאלטן א ים. אויב א פאלק דארף אחדות, דארף א פאר פאלק געוויס לעבן אין אחדות און שלום. ווען מאן און פרוי קריגן זיך, פארשטייען ניט צו פירן זייער ווירטשאפט, דאן ווערן זיי ארויסגעטריבן פון זייער גן - עדן, זייער טעמפל ווערט חרוב און די שטיינער פון זייער אלטאר וויינען מיט ביטערע טרערן, ווי דער תלמוד זאגט; „כל המגרש את אשתו הראשונה מזבח מוריד עליו דמעות״. ווער עס גט זיין ערשטע פרוי באוויינט אים דער מזבח. און אף דעם דאזיקן חורבן דערמאנען אונז ד׳ טעלער און די גלעזער וואס מיר ברעכן בא די תנאים און אונטער דער חופה.

איצט מיינע טייערע, ווען איר גייט גרינדן אייער מלוכה, געדיינקט זשע ווי אזוי איר צו פירן; דער פונדאמענט פון אייער פעסטונג זאל זיין שלום און צופ־ידנהייט, די ווענט זאל זיין אחדות און איינוקייט, דער דאך זאל זיין מאראל און ארענטלעכ־קייט, די מעבל זאל זיין ריינע, ווארעמע ליבע — דאן וועט שוין זיין די הצלחה אין אייער היז. בא יעדער שמחה זאלט איר זיך דערמאנען אן דעם צובראכענעם טעלער, זכר לחורבן, ד״ר חורבן פון א פאמיליען־לעבן, דאן וועט איר צוזאמען אויסלעבן אייערע יארן בשלום ושלוה, אין עשר וכבוד און יעדער טאג פון אייער לעבן וועט אייך זיין א יום טוב, און יעדע שעה — א שמחה.

מזל טוב אייך, חתן און כלה!

---

# צו א ברית מילה.

געערטער בעל ברית און חשובע פריינט!

היינט האבן מיר זיך פארזאמלט דא מקיים צו זיין די גרעסטע מצוה פון אידנטום. ווען גאט האט געזאגט צו אברהם׳ן „והיה תמים״, זי גאנץ! גאנץ גוט, גאנץ ארנטלעך, גאנץ פרום — האט אברהם עס אנדערש ניט געקענט ד. רפילן ביז ער האט זיך מל געווען, א איר קען ניט זיין פאלקאמען, איידער ער מאכט ניט דורך א געוויסע אפעראציע, ווייל וואס עס איז איבריק — קען ניט זיין פאלקאם.

אלזא, רבותי, די שמחה בא אידן איז ניט אזוי ווי די שמחות בא די אומות העולם. בא די אומות אז עס גיט א שמחה האט עס מיט גייסט גאר ניט צו טאן, זייערע שמחות זיינען נאר קערפערלעך: עסן, טרינקן, שכורן... ביז זיי כאפן איבער די מאס. בא אונז אבער איידער מיר ווילן מהנה זיין אונזער קערפער דארפן מיר צופרידן שטעלן אונזער גייסט, ווייל מיר זיינען אן עם קדוש, א הייליק פאלק. און כדי אונזער קערפער זאל זיך ניט שטארקן איבער אונזער גייסט, איז בא דעם ערשטן ארייג־טרעטן פון א אידן אין אידישקייט נייטיק אויסצופירן א קליינע אפעראציע, כדי אפצושוואכן א ביסל דעם קערפער, און דאס איז

דער סוד פון דעם ברית מילה. א אידיש קינד איז אלעמאל מער מאראלישער און האָט וויניקער חיה׳שע ליידנשאפטן אלס אנדערע קינדער פון די אומות העולם. און דאָס האבן מיר צו פארדאנ־קען דעם ברית מילה. אפילו די גרעסטע דאקטוירים זיינען איצט מודה, אז די אפעראציע בא א ברית מילה איז איינע פון די נויטווענדיקסטע זאכן אף דער וועלט.

און איצט, חשובער בעל ברית, דערלויבט מיר אייך צו באגריסן! גאט האט אייך געשיינקט א זון. איר האט אים ארייַנ־געבראכט בבריתו של אברהם אבינו, געמאכט פאר א אידן, איר האט אונז איינגעלאדן אף א שמחה של מצוה — זאָל אייך דערפאר גאָט געבן איר זאלט זוכה זיין מגדל צו זיין אייער זון לתורה, לחופה ולמעשים טובים, איר זאָלט אים געבן א גוטע אידישע דערציאונג! דערמיט וואס איר האט אראפגעשניטן פון אייער זון די „ערלת הגוף", זאלן די „ערלות הנפש", די גייסטיקע ערלות אויך פארשוואונדען ווערן פון אייער זון, דאס הייסט: ערלת הלב, ער זאל ניט האבן קיין פארשטאפטע הארץ, זיין הארץ זאל זיין עכט אידיש; ערלת האזן, ער זאל ניט האבן קיין פארשטאפטע אויערן, אייער זונס אויערן זאלן זיין אפן צו דברי תורה און צוהערן זיך צו דער נויט פון אן אנדערן, ער זאל שטיצן אומגליקלעכע, און ערלת הפה, אייער זון זאל ניט זיין קיין ערל שפתים, נאר ער זאל זיין א פה מפיק מרגליות, א מויל פון א לשון למודים. אט אזוי ווי איר האט אונז מכבד גע־ווען מיט דער ערשטער מצוה, אזוי זאלט איר אונז אויך איינ־לאדן צו זיין בר־מצוה און צו זיין חופה. הלואי זאלן מיר אלע וואָס זיינען דא, איינע די אנדערע לאדן אף שמחות. לחיים, רבותי!

---

# צו א פדיון־הבן.

רבותי! מיר זיינען דא היינט געקומען צו פייערן א פדיון הבן. וואס באדייט אייגנטלעך די צערעמאניע? אט וואס: אונזער תורה איז א לערע „אשר נחיה בה ולא נמות", מיר זאלן לעבן דורך איר און ניט שטארבן. אט דא ליגט דער סוד פון אונזער תורה ונימוקיה. מיר זאגן „והבדילנו מן הגוים" און מיר מערקן ניט דעם חילוק. בא פדיון הבן קענען מיר דאס פארשטיין.

אין אלטע, אור־אלטע צייטן איז געווען א מנהג בא די גוים צו נעמען דעם ערשטן זון, דעם בכור, און אים מקריב זיין צו די געצן, צו דער עבודה זרה. ווי נאר א זון איז געבארן געווארן אלס בכור, פלעגט ער שטיין אין רשות פון די פריסטער און ווען ער פלעגט אביסל אונטערוואקסן פלעגן זיי אים מקריב זיין.

ווען דער ערשטער איד אברהם אבינו האט באקומען זיין ערשטן זון יצחק (ישמעאל ווערט ניט גערעכנט אלס בכור, ווייל ער איז געווען דער זון פון א פילגש), האט גאט ב"ה געוואלט אים אויספרובירן אויב ער וועט אים וועלן אפגעבן זיין זון, דאס הייסט, ער האט געוואָלט זען אויב דער איינציקער גאט איז בא אברהם'ען אויך אזוי חשוב ווי די פילע געטער בא די גוים. אברהם האט ניט געוואקלט זיך אפילו איין מינוט און געוואלט שעכטן זיין זון. דאמאלסט האט זיך גאט צו אים באוויזן און אים דערקלערט, אז דער בורא ומנהיג את העולם וויל ניט קיין מענטשן־בלוט. פאר אים איז גוט א באראן. דאס איז געווען די ערשטע אפנבארונג וואס גאט האט מגלה געווען אברהם'ן. גאט, דער אמת'ער גאט, איז אן אב רחמן און פארלאנגט ניט מענטשנס בלוט.

אבער א מנהג שפילט א גרויסע ראלע, א מנהג ברעכט אפילו א דין. דער מנהג מקריב צו זיין קינדער האט געקענט פארפירן די אידן אין שלעכטע וועגן. דערפאר האט גאט שפעטער, ווען די אידן זיינען געווארן א פאלק מיט כהנים, אָנגעזאָגט ניט צו פארגיסן בלוט פון א קינד, פון א בכור, און אנשטאט בלוט זאל מען אים אויסלייזן ביים כהן, כדי דער כהן זאל דערפון האבן הכנסה. ס'פארשטייט זיך אז איצט נעמט ניט דער כהן דעם פדיון פאר זיך.

אבער דאס איז ניט אלץ, גאט האט געוואָלט מיר זאָלן זיך אלעמאל דערמאנען, אז ער האט אונז געראטעוועט פון עבודה זרה וואס פאדערט מענטשלעכע קרבנות, און בא דעם פדיון הבן זאָלן מיר געדיינקען, אז מיר לייזן אויס דעם בכור כדי ער זאל אויסוואקסן א איד, וואס זאל לערנען צו פארשטיין ווי טייער דער מענטשלעכער נפש איז, אז גאט אליין האט זיך פון אים אפגעזאָגט. גאט וויל מיר זאלן לעבן און נאר געבן כופר־נפש, מחיה צו זיין דעם הונגעריקן, שפייזן די אלמנה, שטיצן דעם יתום און העלפן דעם ארעמאן.

פריון הבן! אין דיזער צער־מאניע זעען מיר ערשט די גרויס־קייט פון אינזערע מצוות, די געטלעכקייט פון די געבאטן וואס קומען פון א אב הרחמן, א דיין אלמנות און רחום וחנון.

זאָל דער בארמהערציקער גאט געבן, אז דער בן פאר וועמען מען האט היינט געגעבן דעם פדיון, זאל אויסוואקסן צו פארשטיין די וויכטיקייט פון אידישקייט.

*

ליבער בעל־שמחה!

מיט דריי וואכן צוריק בין איך ביי אייך געווען אפן ברית, אף א סעודה של מצוה, אף א מצוה של שמחה, היינט בין איך נאכאמאל געקומען צו אייך אף דער צווייטער שמחה פין פדיון הבן. צוויי שמחות אין איין חדש קען זיך נאר פארגינען א בכור. ניט אומזיסט האט עשו געקלאגט נאך דער בכורה וואס ער האט פארקויפט יעקב׳ן, ווייל בא א געוויינלעכן בשר ודם דארף מען ווארטן אף א שמחה ביז בר־מצוה, אבער בא א בכור איז א תענוג, אט איז דער ברית און גלייך דער פדיון הבן.

און איר ווייסט וואס איך וועל אייך זאָגן? דער פדיון הבן געפעלט מיר בעסער ווי דער ברית. בא א ברית פארקלעמט מיר דאס הארץ: מיר טרינקן שנאפס און דער רך הנמול ליגט און וויינט. אבער בא א פדיון הבן שמייכלט שוין דער בכור אביסל ווען מיר מאכן א לחיים, ער איז שוין א שטיקל מענטש. ווייטער זעען מיר בא א ברית מער מענטשן ווי היינט, און די וועלט זאגט א גלייכווערטל: „קנאפער עולם מער שמחה״, דעריבער פיל איך זיך היינט בעסער. טאמער וועט איר אבער זאגן אז איר וועט האבן פון בכור א ביסל זארג, איך מיין פסח וועט איר דארפן פאסטן פאר אים ביז בר־מצוה דעם תענית בכורים, איז אויך דא א מיטל: א סיום אף מסכת פארבייט דעם תענית אף א שמחה! איז ווידער א שמחה! איך זאג, אז די בכורה איז קיין קאטאוועס ניט, איך וואלט אויך געוואלט זיין א בכור, נאר אזוי ווי איך בין עס ניט, זאלט איר מיר לכל הפחות רופן צו אייער סיום אלע ערב פסח און מיר וועלן מאכן א לחיים. דערווייל ווינטש איך אייך אז איר זאלט אים מגדל זיין לתורה, לחופה ולמעשים טובים און האבן נחת פון אים, אמן. לחיים!

# רעדע פארן פאטער פון א בר־מצוה.

מיין ליבער זון! היינטיקער טאג איז דער אנפאנג פון א נייע עפאכע אין דיין לעבן! היינט ווערסטו אן אקטיווער מיטגליד פון גרויסן אידישן פאלק און באקומסט אלע רעכט וואס יעדער איד האט. פון היינטיקן טאג ביסטו פאר־פליכטעט אנצוטאן דעם צייכן פון דיין פאָלק, די תפילין. מען בינט צו די תפילין צום האנט קעגן הארצן, כדי די געדאנקען וואס קומען ארויס פון הארצן זאלן זיין ריין, קלאר, ערלעך, דערהאבן. אפן קאפ טוט מען עס אן, כדי די מחשבות וואס ווערן דארטן באשאפן זאלן זיין גוטע, איידעלע, ליבנסווירדיקע. איך האב געזאגט „ברוך שפטרני מענשו שלזה", עס הייסט, אז איך האב זיך אנטזאגט פון די אחריות וואס איך האב ביז איצט געהאט פאר דיינע מעשים, ווייל פון איצט אן ווערסטו זיין אליין פאראנטווארטליך, וואס דו ווערסט זייען, ווערסטו אליין שניידן. מיין קינד! דו ביסט יונג און ניט דערפארן, און די וועלט אין וועלכע מיר לעבן איז איצט אזוי גרויס און ברייט, אז אפילו דערפארענע מענטשן בלאנדזשען און קענען קיין אויסוועג ניט געפינען... דעריבער וועל איך דיר געבן אן עצה ווי דו זאלסט זיך פירן, כדי דו זאלסט זיין א ניצליכער און ווינשנסווערטער מיטגליד פון דער געזעלשאפט.

מיין קינד! עס איז געזאגט געווארן: „דעלך סני לחברך לא תעביד", וואָס איז דיר אונליב דאס זאלסטו אן אנדערן ניט טאן. דו ווילסט דאך ניט אז מען זאל דיר באריידן, באליידיקן, פאר־שאפן שלעכטס, און אזוי ווייטער, דעריבער זאלסטו דאס אויך קיינמאל ניט טאן. דו זאלסט זיין א ביישפיל פון גוטעס, איידל־קייט, רחמנות און גערעכטיקייט! דו זאלסט שטענדיק האבן אין זינען, אז „כל שרוח הבריות נוחה הימנו, רוח המקום נוחה הימנו" (אבות), דעריבער זאלסטו זען צו געפינען חן בא לייטן און צו פארדינען ליבע און רעספעקט. דו ביסט יונג! פאר דיר איז פאראן א גאנצער ים מיט לעבן, א ברייטער פעלד מיט האפנונגען, א גרויסע וועלט פון טעטיקייט, דעריבער טו, ארבעט, שאף, שטודיר, לערן און האף, כדי דו זאלסט ברענגען גוטע רעזולטאטן דער געזעלשאפט צו וועלכער דו געהערסט! ארבעט איז דער יסוד פון דערפאלג, ארבעט איז לעבן, און לעבן איז ארבעט, דעריבער זיי געדולדיק און ענערגיש. ארבעט הייסט ניט

דוקא פיזישע, וועלכע זיינען ניצלעך, נאר אויך גייסטיקע, ווייל דורך ארבעט, הויפטזעכליך גייסטיקע קען מען אסך דערגרייכן. עס איז פאראן א זאך וואס איז נאך טייערער פאר בילדונג, טייערער פאר אלע וויסנשאפטן, ווייסטו וואס איך מיין? — כאראקטער מיין איך, ווייל א גוטער און איידעלער כאראקטער איז דער יסוד פון בילדונג, ציוויליזאציע און פראגרעס. איינער פון די גרעסטע שרייבער האט געזאגט: „דער ערשטער שטיין אין דער פרייהייטס געביידע זיינען גוטע מדות”. יא, מיין קינד, גוטע זיטן און פיינע באנעמונגען — דאס איז דער צעמענט וואס פאראייניקט און פארשטארקט די מענטשהייט. אונזערע חכמים האבן געזאגט „דרך ארץ קדמה לתורה”, ווייל אן דרך ארץ, אן זיטלעכקייט, איז דער העכסט־געבילדעטער מענטש ווי א גוטער וויין אין א שלעכטער פאס, א ראזע וואס איז באדעקט מיט דערנער, א דימענט, וואס איז איינגעפאסט אין שמוץ...

מיין קינד! א גוטען נאמען קען זיך א מענטש דערווערבן נאר דורך ערלעכקייט, דורך גוטע מעשים, דורך אנשטענדיקע אופירונג. דו ביסט איצט ארויס פון מיין רשות, דעריבער פארגעס ניט דיין אחריות און היט דיין נאמען, היט דיין כבוד, און מייד אוים שלעכטס. זיי א גוטער זון, א ליבער חבר און געטרייער איד! נעם אנטייל אין דער ארבעט לטובת דעם געפייניקטן, פארפאלגטן, אבער גרויסן און דערהאבענעם אידישן פאלק! זאל דיר דער אויבערשטער געבן כחות און מוט צו דערפילן דיינע פליכטן און זאל היינטיקער טאג זיין דער אנפאנג פון אסך גליקלעכע און רואיקע טעג פאר דיר.

די תפלין דערמאנען דיר, אז דו ביסט שוין א פולשטענדיקער איד און זאל זיין דיין דעוויז: אידעשלעך און מענטשלעך. זיי א שיינער איד און א גוטער מענטש! זאלסט אלעמאל געדיינקען, אז דו ביסט א מענטש, אבער צוליב דער מענטשהייט פארגעס ניט דיין אידישקייט. דער אויבערשטער זאל געבן, אז איך און דיין מוטער זאלן זוכה זיין דיר צו זען א פארהייראטן וואס פירט א גליקלעך צופרידענעם לעבן און מיר זאלן האבן נחת פון דיר. עס איז בא מיר קיין ספק ניט, אז דו וועסט זיין א איד ווי עס פאסט פאר מיר און פאר אלע אידן, וועלכע האבן געליטן פאר אונזער גאט, פאר אונזער אמונה און אונזער תורה.

*

לחיים, רבותי, און טייערע געסט! זאגט אליין — דארף מען ניט נעמען א ביסל משׂכּה, ארא‌פּוואַרפנדיק פון זיך אזא שווערן פעקל? גאט צו דאנקן, מיין בר־מצוה האט גאר נישקשה׳דיק געלייענט דעם מפטיר, געזאגט די דרשה, און שיינט צו ווערן א גאנצער מענטש!

און איצט דו, מיין זון, קום נאר אהער און גיב א קוש דיין טאטן! איך האב עס פארדינט בא דיר, ווי דו אליין האסט געזאגט אין דער דרשה. געדיינק זשע! דו זאלסט דערפילן וואס דו האסט היינט פארשפראכן, זאלסט זיין א איד מיט לייב און זעלע, זאלסט זיין א ברכה פאר דיין פאלק און די מענטשהייט. באדאנק, מיין קינד, די געסט פאר די מתנות!

לחיים, רבותי, גאט זאל געבן מיר זאלן אלע דערלעבן שמחות, ישועות, ונחמות אף אידן, לחיים!

---

# א גאסט צו א בר־מצוה.

חשובער בר־מצוה, עלטערן און פריינט!

ווען איינער ווערט בר־מצוה, באדייט עס בא אונז אידן, אז ער נעמט אף זיך א גרויסע לאסט. דער פאטער זאגט דער־בײַ: „ברוך שפטרני מענשו שלזה״. עס איז אלזא א שטראף צו זיין פאראנטווארטלעך פאר א קינדס זינד. אונזערע חכמים ז״ל דערקלערן וואס פאר א זינד זיי זיינען; זיי רופן עס אן „עבירות בין אדם למקום״, פארברעכנס צווישן מענטש און גאט. דאס הייסט, ווען דער אינגל האט ביז איצט ניט געדאווענט און גע־קענט דאווענען, דאן איז דער פאטער פאראנטווארטלעך; דאס זעלבע איז מיט ברכת המזון, נטילת ידים א. א. וו.

וואס לערנען מיר דערפון? אז בא אידן איז ניטא קיין געצוואונגענע רעליגיע, קיין אינקוויזיציע. דער פאטער איז מחויב מדריך צו זיין זיין זון בדרך הישר נאר ביז דרייצן יאר מיט א טאג און פון דעם מאמענט אן איז דער אינגל מחויב צו נעמען

אף זיך די אחריות, ווייל ער איז שוין ראוי צו זיין א איד. און ווען דער יונגער איד איז ניט מקיים די פארגעש־יבענע מצוות, ליידט ער אליין, דאס איז נוגע אים און גאט. די פרייע בחירה איז אים געגעבן געוואָרן און ער איז שוין גענוג גרויס צו באַגרייפן זיינע פליכטן. עס זיינען דא מענטשן וואס זאגן, אז צו דרייצן יאר איז נאך דער אינגל קיין מהות ניט, דעריבער דארף מען ווערן בר־מצוה צו אכצן יאר. אמאל, ווען די וועלט איז געווען אין איר יוגנד, זיינען מענטשן צייטיג געווארן זייער פרי און צו דרייצן יאר איז א קינד שוין געווען א פאלקאמענער מענטש, מיט א פאלקאמענע דעה. היינטיקע צייטן, צוליב דעם אומנאטירלעכן לעבן וואס מענטשן פירן, איז די וועלט געווארן אפגעלעבט און מענטשן וואקסן זייער לאנגזאם, דעריבער איז בא דעם רוב פעלקער א מענטש צו דרייצן יאר נאך אלץ א קינד, און געפינט זיך אונטער די השגחה פון די עלטערן. מיר אידן, איבערהויפט יענע וואס האלטן אידישקייט און פירן א געזונטן, נארמאלן לעבן, זיינען נאך אימשטאנד צו דרייצן יאר צו דער־קלערן אונזערע קינדער אלס דערוואקסענע און מאכן די ברכה „ברוך שפטרני".

אלזא, רבותי, פארן עובר זיין אף מצוות ויאס זיינען נוגע גאט וועט דער בחור ל קריגן זיין ערלעכן אויסקומעניש. וואס איז אבער מיט זאכן „בין אדם לחבירו"? איז א דרייצניאריקער אינגל שוין ראוי צו טראגן אויך די אחריות? מיר ווייסן בא אונז אידן, אז אידישקייט און מענטשהייט גייען האנט אין האנט, ווען איינער איז אן אופריכטיקער, ערלעכער איד איז ער אויך אן אופריכטי־קער און ערלעכער מענטש, דערפאר איז איבריק צו באהויפטן אז מען קען זיין שלעכט בין אדם לחברו און גוט בין אדם למקום. גאט האט דאך געזאגט: „אף מיין כבוד בין איך מוחל, אבער אף די אומרעכטן פון מענטשן צו מענטשן קען איך ניט מוחל זיין".

היינט איז דער בר - מצוה שוין אליין פאראנטווארטלעך וואס איז נוגע פליכטן צו גאט. דער פאטער מעג אים נאר פון צייט צו צייט אופמערקזאם מאכן דעריבער, אבער ער טאר ניט זיין קיין נוגש, קיין צווינגער, ווייל אמונה און מקיים זיין מצוות בין אדם למקום טאר מען ניט טאן געצוואונגענערהייט. אין דעם באשטייט דאך די גוואלטיקע גרויסקייט און אמת'דיקייט פון דער

אידישער אמונה, וואס אלע היטן איר מיטן פרייען ווילן. נאר פאר אן אמתע אמונה קען מען זיך פרייערהייט מוסר נפש זיין. אבער וואס אנבעלאנגט דעם בין אדם לחברו, פאנגט ערשט היינט ריכטיק זיך אן די צייט פון די עלטערנס פליכט צו זייער קינד. גאט וועט זיך שוין אליין אננעמען זיין קריוודע, אבער וועגן מענטשלעכע זאכן, דארפן די עלטערן נעמען זייער קינד אין האנט און אים מדריך זיין „עד כי יהיה לאיש", ביז ער וועט ווערן אן ערוואקסענער מענטש. דער פאטער און די מוטער זיינען שטארק פאראנטווארטלעך פאר זיין מענטשלעכקייט. אונזערע ח"זל זאגן, אז א מענטש מאכט דורך פון דרייצן ביז אכצן יאר פונקט יענע צייט, וואס א בוים מאכט דורך בעת ער גייט איבער פון א דינינקן ווארצעלע אין א שטארקן בוים, כדי ער זאל קענען שטיין געגן שטורם. זאלן די עלטערן דאס געדיינקן און זאלן זיי זיך דערמאנען אן שלמה המלך׳ס ווערטער: „חנוך לנער על פי דרכו", דאס הייסט פריער שטודירן זייער קינדס נייגונגען און דאן אים פירן אפן פאסנדסטן וועג, כדי ער זאל זיין אן ערע פאר זיי און פאר זיין פאלק. ס׳איז בא מיר קיין שום ספק ניט, אז דער בר - מצוה וועט זיין א איד וואס וועט גיין בדרך הישר. איך וויגש די עלטערן אז זיי זאלן זוכה זיין צו זען זייער קינד אויסגעוואקסן אלס איד, מענטש און גוטער בירגער!

---

## צו א זילבערנע חתונה.

מיינע דאמען און הערן!

אונזערע פריינט נ. נ. האבן אונז געלאדן מיר זאלן קומען באגריסן זייער זילבערנע האכצייט, מיר זאלן נעמען אנטייל אין זייער שמחה, ווען זיי שטייען צום צווייטן מאל אונטער די זעלבע חופה וואס האט צו זיי געשמייכלט מיט פינפאונצוואנציק יאר צוריק. דערלויבט מיר אייך צו זאגן, מיינע פריינט, אז דיזע זילבערנע חתונה האט פאר אונז אלעמען א גרויסע באדייטונג וואס פילט אן אונזערע הערצער מיט א שטארקן פרייד און אונזערע נשמות מיט דעם הייליקסטן ערנסט. פינפאונצוואנציק יאר זיינען פאריבער זייט צוויי הערצער האבן זיך צוזאמענגעשמאלצן

און היינט, נאכדעם ווי די דאזיקע יארן זיינען פארלארן אין שטראם פון אייביקייט, נאכדעם ווי א פערטל יארהונדערט האט געהייליקט יענעם „הרי את מקודשת" וואס א שעמעדיקער יונגער-מאן האט ארויסגעזאגט צו א פיינער יונגער אידישער טאכטער — נאך דיזן לאנגן פעריאד, אין וועלכן אסך זאכן האבן זיך פאר-ענדערט, זעען מיר איצט שטיין די זעלבע חתן - כלה און זיי דערציילן אונז מיט א שמייכל אף זייערע ליפּן אז זיי האבן בּיידע געטראפן מיט זייער ליבע, זיי האבן געטראפן מיט דער וועלט און די וועלט האט געטראפן מיט זיי.

קענט איר זיך פארשטעלן, מיינע פריינט, א שענערע לע-בּעדיקע לעקציע וועגן דעם גרויסן רעטעניש פון לעבן ווי די דאזיקע צערעמאניע וואס מיר זיינען געקומען פייערן מיט פרייד, מיט געטראנק, מיט געזאנג און מיט א זילבּערנעם מזל - טוב?!

און איר חתן - כלה וועלכע האבן געטרונקן צוזאמען פון לעבנס - בּעכער פינפאונצוואנציק יאר — איר שטייט איצט ארומגערינגלט מיט אייערע קינדער (אייניקלעך) און איר פילט, אז איר האט שוין דורכגעפירט דעם גרעסטן און שווערסטן טייל פון אייער שליחות אף דער וועלט, — כאטש איר זייט נאך פאר-העלטניסמעסיק יונג, דאס הייסט איר זייט נאך ווייט פון זונען - אונטערגאנג. איר קוקט צוריק אף דער פארגאנגענהייט און איר שטאלצירט וואס איר זייט אנגעקומען צו דיזער סטאנציע בּשלום, אבער איך קען אייך פארזיכערן אז איר וועט נאך מער שטאל-צירן און מיר וועלן נאך מער בּאגייסטערט זיין ווען איר וועט אם ירצה השם פייערן אייער גאלדענע חתונה. וואס שמייכלט איר?.. אז מיר האבן צוווארטן נאך פינפאונצוואנציק יאר? וואס פאר א ראל שפילן דיזע עטלעכע יאר אין מענטשנס לעבן, אויב זיי זיינען נאר א פינטעלע פון אייביקייט? נאר.., שא! איך פארקריך אין פילאזאפיע! לאמיך בעסער ענדיקן מיין רעדע מיט א זילבּערנעם לחיים און א זילבּערנעם כּוס לכבוד אייער זילבּערנער חתונה! מזל טוב! לחיים!

---

# צווייטער טייל.

## אונזער „אתה בחרתנו"

באַ אתה וכל ביתך אל התבה, כי אותך ראיתי
צדיק לפני (בראשית ז׳)

רבותי! ווען מען שטודירט די אידישע געשיכטע און דעם מהות פון אידישן פאלק אלס גאנצעס, מוז מען קומען צום באַשלוס, אז די באַהויפּטונג וועגן אונזער „אתה בחרתנו" איז ניט סתם פוסטע רייד, נאר א ז״ך, וואס קען גארניט אָפּגעלייקנט ווערן. עס איז א פאקט, וואס נאר בלינדע קענען אים ניט זען, אז מיר אידן שטייען אונטער א השגחה פּרטית, אז עפּעס א געהיימע קראפט היט אונז פון אונטערגאנג, ווייל מיר האָבן צו קעמפן ניט נאר מיט נאטירליכע אומשטענדן, נאר אויך מיט די טויזנטער שונאים, וואס זוכן אונז צו פארניכטן. אין יעדן דור האָבן מיר המנ׳ס און דער אויבערשטער ראטעוועט אונז. דער קאמף ציט זיך שוין טויזנטער יארן אין אלע לענדער פון דער וועלט און איז נאך איצט אין פולן גאנג. מיר זיינען די איינציקע אומה אין דער וועלט, וואס איז אזוי שוואך און הילפלאז און צו דער זעלבער צייט אזוי אומבאַזיגבאר — סיי פיזיש, סיי גייסטיק! אי די וועלט וויל פון אונז פּטור ווערן, אי מיר זיינען מיט זיך ניט צופרידן, נאר פונקט ווי די געהיימע קראפט היט אונז פון די שונאים, אזוי דערלאזט זי אונז ניט צו באַגיין זעלבסטמארד, דאס הייסט זיך אסימילירן. מיר זיינען די איינציקע אומה אף דער וועלט, וועלכע טוט קיינעם ניט קיין שלעכטס, און קיינער האט

אויך פאר אונזער כח קיין מורא ניט, און דאך ווערן מיר פאר־
האסט אף דער גאנצער וועלט, בוכשטעבלעך אין אלע לענדער,
אנהייבנדיק פון די הויך - ציוויליזירטע דייטשלאנד און אמעריקע
און ענדיקנדיק מיט די ווילדע און פינסטערע מאראקא און אבי־
סיניע. אפילו אין באלשעוויסטישן רוסלאנד זיינען מיר ווי א ביין
אין האלז. מען זוכט פון אונז פטור צו ווערן, מיר זוכן זיך צו
אסימילירן, אבער עפעס אזא קראפט דערלאזט צו דעם ניט.

אבער דאס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואס דאס איז
אונז פארויסגעזאגט געווארן גלייך נאכדעם, ווי מיר זיינען געווארן
א פאלק, צו אברהם׳ן, דעם ערשטן אידן, איז שוין געזאגט גע־
ווארן: „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם״, דיינע קינדער וועלן
אומעטום זיין גרים אין דער פרעמד, און די גמרא דערציילט אונז
נאך דערביי, אז אברהם אבינו האט אליין אויסגעקליבן פאר אונז
דעם גלות, ווייל מען האט אים געגעבן די ברירה צו נעמען
גלות אדער גיהנום — דאס הייסט אונטערגאנג. לאמיר די זאך
א ביסל בעסער דערקלערן. עס איז א היסטארישער פאקט, אז
אסך פעלקער זיינען אונטערגעגאנגען און עס איז פון זיי גארנישט
געבליבן. נו, איז דאס ניט ערגער ווי פלאגן זיך אין גלות און
פארבלייבן עקזיסטירן? ווער פון אונז וואלט ניט געהאנדלט פונקט
ווי אברהם, ווען מען זאל אים זאגן, אז פון אים וועט ארויסקומען
א פאלק, קינדער און קינדס - קינדער, און אז ער זאל אויס־
קלייבן פאר זיי איינס פון די ביידע, ענטוועדער עטלעכע הונדערט
יאר פרייע, רואיקע זעלבסטשטענדיקייט און נאכהער אונטערגאנג,
אדער א פאר טויזנט יאר גלות - ליידן און נאכהער אן אייביקע
רומפולע צוקונפט? וועלכער אברהם, זרח, ברוך אדער געצל וואלט
ניט אויסגעקליבן פאר זיינע קינדער בעסער דעם גלות, איידער
אונטערגאנג? און מיר זעען טאקע, אז כאטש מען האט פון אונז
געקוילעט אין פארשיידענע צייטן ביז עטלעכע מיליאנען מענטשן,
זיינען מיר נאך אלץ א פאלק מיט א צוקונפט, בשעת אזעלכע
ריזיקע פעלקער ווי אשור, בבל, אדום, עגיפטן, גריכנלאנד און
רוים זיינען אפגעווישט געווארן געגנצלעך פון דער וועלט.

באווייזט עס ניט אז מיר זיינען אן אויסנאמס־פאלק? וועל־
כער אנדער פאלק האט אזא פיר־טויזנט־יאריקע געשיכטע הינטער
זיך מיט אזא פאראויסגעזאגטן שיקזאל, מיט אזא פינקטלעכער

פארווירקלעכונג פון דער פאראויסזאגונג? דאס איז אויך דער תירוץ
פארוואס אלע האסן אונז און רודפן אונז! דער אויבערשטער האט
אונז אפגעגעבן אין געפאנגענשאפט צו די פארשיידענע פעלקער
מיט דעם תנאי, זיי זאלן אונז אנטאן צרות, נאר פארניכטן זאלן
זיי אונז ניט. קוים כאפט א פאלק אריבער די מאס און דריקט
אונז צו פיל, כאפט עס די מפלה, אדער ווערט פון גאט בא=
שטראפט מיט אונטערגאנג. מיר האבן אזעלכע ביישפילן אן א
צאל, לעצטנס אויך אין רוסלאנד. עס איז די פעלקער דערלויבט
צו געבן אונז פילן דעם גלות, די פרעמדקייט, צו באדינען זיך
מיט אונזער ארבעט און שכל, אבער צו דער זעלבער צייט מוזן
זיי אונז האלטן אלס פריווילעגירטע שקלאפן, זיי מוזן אונז דער=
לויבן צו האלטן אונזער תורה און צו פירן אונזער אייגענעם ארט
לעבן. אזוי לאנג ווי די פעלקער האלטן זיך בא דיזן קאנטראקט
איז זיי דערלויבט אונז צו דריקן, שטיקן, דערנידריקן און אמאל
אפילו צו בארויבן אדער דערמארדן קליינע טיילן פון אונז, אבער
אזוי שנעל ווי זיי פאנגען אן צו צושטערן דעם פונדאמענט פון
אונזער תורה און רעליגיאן, אדער ווילן אונז אינגאנצן אויסראטן,
ווערן זיי ביטער באשטראפט. אזוי איז אויך פארשפראכן געווארן
אברהם'ן: „וגם את הגוי אשר יעבודו דן אנכי", ווייל ניט צו
דינען זיי ווי אמת'ע שקלאפן זיינען מיר צו זיי אריינגעגעבן גע=
ווארן, נאר צו ארבעטן פאר זיי פריווויליק אף א פריווילעגירטן
אופן. עס זעט אויס, אז יעדער פאלק קריגט זיין רעכט אף עק=
זיסטענץ דורך זיין האלטונג צום אידישן פאלק. ווער עס האלט
זיך צו אונז אין די גרענעצן פון ערלעכקייט לויט דעם קאנטראקט
פארבלייבט עקזיסטירן און לעבט זיך גאנץ גוט, אבער ווער עס
פארמעסט זיך אונז צו פארניכטן, ווערט אליין אפגעמעקט אדער
ער פאלט ארונטער פון זיין גדולה.

די וועלט האסט אונז און לערנט פון אונז. א צווייטער
סימן, אז מיר זיינען אן אתה=בחרתנו-פאלק, איז דער פאקט, וואס
די וועלט לערנט פון אונז, ניט קוקנדיק, וואס זי האסט אונז.
עס קומט אויס אז דער בעל הבית מוז זיך גאר לאזן פירן און
לערנען פון זיין שקלאף! פארגלייכט דעם אידן אין רוסלאנד,
פוילן, רומעניען, אונגארן און אנדערע ענלעכע לענדער מיט זיינע
ניט=אידישע שכנים, וועט איר איינפאך דערשטוינט ווערן, מיט

וויפל דער איד שטייט דארטן העכער אין אלע הינזיכטן פון די הערשער זיינע. אפילו אין די מער ציוויליזירטע לענדער, ווי דייטשלאנד, ענגלאנד און אמעריקע, אי דער איד אין אסך פרטים העכער און פייאיקער פון די נישט־אידישע מאסן. ווען דער איד זאל האבן אמת׳ע רעכט און גלייכהייט, וואלטן אלע הויכע פאסטנס פארנומען זיין פון אידן. אפילו אונטער די איצטיקע אומשטענדן, וואו נאר איינצלנע אידן האבן א צוטריט צו די העכערע קלאסן, זיינען זיי פון די ערשטע און פייאיקסטע פירער, אזוי אז עס איז נישטא קיין לאנד, וואו איניקע אידן זאלן נישט באאיינפלוסן דורך זייער זשעני און קענטנישן די דאזיקע לענדער. אסך גרויסע נישט־אידישע פירער האבן צו פארדאנקען זייער דער־פאלג די אידישע ראטגעבער.

און וואס איז די גאנצע ציוויליזאציע פון דער וועלט, אויב נישט א רעזולטאט פון אידישער ארבעט און פון אידישן מארך? וויפל אמת׳ע ווערטזאכן פארמאגט די ציוויליזאציע אין וועלכע אידן זיינען נישט געווען קיין אנפאנגער, וועג־ווייזער און אפט אויך די יעניקע, וואס האבן דאס געמוזט ארופצווינגען אף דער וועלט? אלץ וואס האט געהאלפן צו מאכן די מענטשהייט איידלער, דער־האבענער, אידעאלער און מענטשלעכער — איז דורכאויס אידי־שעס. אלע גוטע נייע באוועגונגען, אלע נייע שטרעבונגען זיינען געבארן געווארן צוערשט אין די אידישע מחות, אדער געשעפט פון אידישן קוואל. עד היום איז דער פארהאסטער איד אויך דער לערער פון דער וועלט. מען שעפט גאנצע הויפנס פון זיינע אלפע און נייע גייסטיקע אוצרות און מען נעמט פון אים אוועק גרויסע כחות אין דער פארמע פון א צאל משומדים יעדן דור, וועלכע בארייכערן די נישט־אידישע וועלט מיט זייערע טאלענטן און שאפונגען. טויזנדע פון די וועלט־בארימטע פערזאנען, פירער, שריפטשטעלער, געלערטע, קינסטלער, מוזיקער און אזוי ווייטער זיינען ענטווערער אידן, אדער שטאמען פון אידן. אסך פון די גרויסע נישט־אידישע געלערטע און קינסטלער האבן זיך באנוצט מיט אידישע קוועלן. די רעליגיאן, די פילאזאפיע, די מעדיצין, די פינאנסן און אלץ וואס שאפט די ציוויליזאציע איז דורכאויס געבארן אין דערצויגן געווארן אף אונזער אידישן שוים און אפילו אונזערע ערגסטע שונאים מוזן צוגעבן, אז קיין שום אנדער פאלק

האט ניט בײגעשטײערט פאר דער װעלט־ציװיליזאַציע אַזוי פיל, װי דער איד, פאַרװאָס ער האָט אַלעמאָל געקראָגן באַצאָלט מיט קלעפּ און פּײַנלעכע יסורים. און אויב אַ פאָלק װאָס איז אַזוי פאַרהאַסט און דערנידריקט האָט געקענט אַרױסװײַזן אַזאַ שטאַרקן לעבנס־כח, אַזוי פיל גײַסט און טאַלענט, איז דאָס שוין אַלײן גענוג צו דערקלערן אים אַלס דאָס װוּנדער צװישן די נאַציאָנען. דערפון נעמט זיך טאַקע דער האַס צו אידן. צוליב אונזערע גע־װאַלטיקע פּײַאָניקײטן און אױסדערװײלטקײט האָט מען אונז איבעראַל פײַנט. מען איז אונז מקנא אונזער רײַכער גײַסטיקער ירושה, װעלכע איז אױסגעװאַקסן אויף דער תורה שבעל פה. מען פאַר־פאָלגט אונז, מען לאָזט אונז ניט קלעטערן העכער און מען זוכט אונז אַרונטערצושלעפּן װאָס נידריקער, אָבער פינדעסטװעגן שטײַגן מיר אַלץ העכער און שפּילן די גרעסטע ראָלע אויף אַלע געביטן, אַזוי אַז אונזער אײַנפלוס װאַקסט פון יאָר צו יאָר און מיט אים װאַקסט דער „שנאת חנם״, דער אומזיסטיקער האַס צו אונז.

די אַלע פעלקער קאָפּירן אונז און לערנען פון אונז, דער־פאַר שטײַגן זײ אין פּילעס העכער אַ דאַנק אונזער לערע און אונזער מאָראַלישער אױפפירונג, װעלכע דינט פאַר זײ אַלס גוטער בײַשפּיל. זאָל מען אַרױסנעמען פון דער ציװיליזאַציע דעם אידישן עלעמענט פון אַלע צײַטן און פון אַלע שאַפונגען, װעט פון איר גאָרנישט פאַרבלײַבן. עס זעט דעריבער אױס, אַז מיר זײַנען ניט געקומען אויף דער װעלט צו טאָן שװאַרצע פּראָסטע אַרבעט, נאָר צו קנעלן מיט דער מענטשהײט און אױפצוהױבן זי צו אַ העכערע מדרגה װײַל מיר זײַנען קלוגער, פּײַאָניקער, נאָבעלער און אײדע־לער פון אַלע פעלקער, — װײַל מיר זײַנען דאָס אױסדערװײלטע פאָלק, די אתה־בחרתנו׳קעס, װעמען די גאָטהײט האָט באַשטימט אַלס לערער און װעגװײַזער פאַר אַלע פעלקער.

מיר ברײַנגען אומעטום שפע מיט זיך. אַ דריטער סימן אַז מיר זײַנען אתה־בחרתנו׳קעס איז דאָס, װאָס מיר ברײַנגען מיט זיך איבעראַל װוּ מיר קומען שפע. יעקב אבינו האָט רײַך גע־מאַכט לבן׳ען, יוסף האָט רײַך געמאַכט צוערשט פּוטיפר׳ן און נאָכדעם גאַנץ מצרים; אידן זײַנען געקומען קײן כנען, אין אַ װילד ניט ציװיליזירטעס לאַנד און איר געבראַכט צו אַ הויך־

קולטיווירטן גייסטיקן און מאטעריעלן צושטאנד. איבעראל, וואו מיר זיינען דא, בליט עס און לעבט עס, ווייל די ברכה באגלייט אונז איבעראל. נעמט א משל פון אמעריקע, וועלכע האט צו פארדאנקען אין א שטארקער מאס אונז איר אופבליאונג. נעמט א משל פון שפאניען, וועלכע איז געווען די גרעסטע וועלט־מלוכה בעת זי האט געהאט אידן און וועלכע איז געווארן א בעטלערין נאכדעם ווי זי האט פארטריבן די אידן. מיר זעען עס פון מיטלאלטער, ווען די קורפירסטן און הערצאגן פלעגן ניט קוקנדיק אף דער שרעקלעכער שנאה צו אידן זיי באשיצן און אסך מאל איינלאדן, כדי זיי זאלן אנטוויקלען זייערע לענדער, וועלכע זיינען נאך געווען בארבאריש־ווילד. מיר אלע ווייסן דאך ווי ענגלאנד, האלאנד, אמעריקע, בעלגיען, פוילן האבן אופגע־בליט און געשטיגן צוליב אונזער מיטארבעט. און מיר זעען דאך אויך ווי מאנכע מדינות ליגן אין ווערים, צוליב זייער אונטער־דריקן דעם אידנס פייאיקייט און גייסט. נעמט א משל פון דער איצטיקער פוילן, רומעניען, אונגארן און דאס צארישע רוסלאנד. ענדלעך נעמט א משל פון ארגענטינע, בראזיליע, און לעצטנס פון ארץ ישראל, וואס אידן האָבן אופגעטאָן, ווי מיר האבן רייך געמאכט די שכנים, וועלכע האָבן זיך דערשראקן פאר אונזער שאפנדן כח. די קעפ זיינען בא די אראבישע פירער ניט אויס־געדארט, זיי ווייסן אז מיר טראגן מיט זיך שפע און ליכט, וועט דאס פאָלק באַלד עפענען די אויגן און זיי משלח זיין — די „עפענדעס" און אונטערדריקער. אט פארוואס די אראבישע פירער און עקספלאאטאטארם האבן זיך דערשראָקן פאר אונז. מיר פירן איין פראגרעס אומעטום, הן גייסטיק, הן עקאנאמיש, מיר דער־הויבן די אלגעמיינע מאראל און פארטרייבן דעם ווילדן בארבא־ריזם, מיר מאַכן ליכטיק און צוטרייבן די פינסטערניש. ווען מען גיט אונז 25 אדער 50 יאר פרייהייט אין א לאַנד, פארוואנדלען מיר איר פון א חורבה אין א פאלאץ, ווייל מיר טראגן מיט זיך אריין די געטלעכע ברכה אין אַלץ; מיר האָבן א זכות און צו־ליב אים געניסן אויך אנדערע, ווייל מיר זיינען גאם ם אויסדער־ווײלטער פאלק וועמען ער האט צוגעזאגט: „ואברכה מברכיך ומקללך אאור".

איינער פון די גרעסטע סמנים אף דער השגחה פרטית, אונטער וועלכער מיר אידן שטייען, און ווי די גאָטהייט גיט

אכטונג אַף אונזער עקזיסטענץ — איז די געלט־סיסטעם, וועלכע האָט זיך אנגעפאנגען צו אנטוויקלען אין דער זעלבער צייט, ווען דאָס אידישע פאָלק איז אַרויס אין גלות. ביז דאַמאָלסט איז געלט כמעט ניט געווען אין דער מאדע. עס האָט געהערשט די נאַטור־סיסטעם פון בייטן פּראָדוקטן, שאף, רינדער און סחורות. אבער אַזוי שנעל ווי דאָס אידישע פאָלק האט געמוזט צושפּרייט ווערן איבער דער וועלט. האט דער געטלעכער חסד געבראַכט אַף דער וועלט דאָס געלט־סיסטעם, חייל אָן געלט וואָלטן די אידן אין גלות ניט געקענט עקזיסטירן, קיין ערד און קיין גיטער האָבּן זיי ניט געהאָט, מען פלעגט זיי דאָס ניט דערלויבן האבן, דעריבער איז געלט געווארן דער איינציקער רעטונגס־מיטל פאר דעם אידן, פאר געלט האט ער זיך אויסגעקויפט פון אלע צרות, פאר געלט האָט ער גערייזט פון לאנד צו לאנד, פאר געלט האט ער געקויפט רעכטן, פאר געלט האט ער דערגרייכט הויכע אמטן און אלץ וואס ער האט געוועלט. אבער אך און וויי וואָלט געווען צום אידן, ווען ער זאָל לעבן אין א לאנד אן געלט, וואו אלע וואלטן דארפן ארבעטן גלייך און גענוסן גלייך פון דער ארבעט. אין די שרעקליכע צייטן פון גלות וואלט דער איד באַקומען די שווערסטע און שמוציקסטע ארבעט און גענוסן וואלט מען אים גארנישט געלאזן, קיין ספּעציעלע שולן פאַר זיינע קינדער וואלט מען אים געוויס ניט לאזן בויען, קיין ספרים פאר אים וואלט מען אויך ניט דרוקן, טא ווי וואלט געקענט בלייבן עקזיסטירן אידישקייט? ניט אומזיסט זאָגן די גוים, אז געלט איז דער אידישער פאס און דער איד איז בא זיי דער סימבאל פון געלט. מיר זעען איצט דעם ביישפּיל אין רוסלאנד, וואו עס איז איינגעפירט געווארן דער קאמוניזם. די ערשטע כפרה־הינדל זיינען געווארן די דארטיקע אידן, וועלכע הונגערן און מאטערן זיך, ווייל עס זיינען פארניכטעט געווארן די אידישע אנשטאלטן און יעדע מעגליכקייט צו פירן א באזונדערן אידישן לעבן. מיר האפן, אז דאס וועט לאנג ניט דויערן, ווייל ווען עס זאל אזוי אוועקגיין דארטן א פאר דורות, וואלט חלילה קיין שריד ופליט ניט פארבלייבן פון די דארטיקע אידן.

רבותי! דער גרעסטער חסד וואס די גאטהייט האט מיט אונז געטאן אין די גלות־לענדער, איז דאס, וואס געלט איז באַשאפן געווארן. אידן זיינען געווען די יעניקע וועלכע האָבן דאס

געצוויאונגענערהייט אנטוויקלט אליץ מער און געשאפן וועקסלען און באנק־געשעפטן, פאפיר־געלט און אקציען־געזעלשאפטן, הויפט־ זעבלעך דעם אינטערנאציאנאלן האנדל. די גאטהייט האט אויך אזוי געפירט, אז בא אנדערע פעלקער איז מסחר צווערשט פאר־ רעכנט געווארן אלס שאנדע און זיי האבן דאס איבערגעלאזן כמעט דורכאוים אין אידישע הענט. ווען די אייראפייאישע פעל־ קער האבן נאך קיין אנונג ניט געהאט וועגן געלט, באנקנאט, אקציע, האנדל, אינדוסטריע, האבן שוין אידן פון לאנג געפירט א גרויסן האנדל אין אפריקע, אזיען און דרום־אייראפע. די פעל־ קער האבן אונז גערודפט אבער זיי האבן אונז אליין איבערגע־ געבן אין די הענט דעם גרעסטן שווץ־מיטל, ביז מיר זיינען גע־ ווארן פאר זיי דער ווייכטיקסטער עלעמענט אין יעדן לאנד און אף דעם אופן האבן מיר געקענט עקזיסטירן און צוליב דעם פאקט האבן מיר געקענט ווערן אומעטום די שפע־ברייינגער אין יעדן לאנד. מיר מעגן הערויבער זיין זיכער, אז מיט דער אפ־ שאפונג פון געלט וועט זיך איינפעסטיקן די אידישע גאולה, ריכ־ טיקער געזאגט, דער קאמף קעגן געלט קען זיין א סימן, אז אונזער גאולה איז נאנט, ווייל געלט איז געקומען אף דער וועלט אום צו דערהאלטן דעם אידן אין גלות און אזוי שנעל ווי מיר ווילן צוריק באקומען ארץ ישראל, וועט געלט מער ניט נויטיק זיין, ווי די חכמי התלמוד האבן אונז געגעבן אף דעם א רמז: „אין בן דוד בא לעולם אלא משתכלה פרוטה מן הכיס”, משיח וועט ניט קומען ביז דער צייט, ווען דאס געלט וועט אופהערן צו עקזיסטירן, ווייל אויב הלילה דאס געלט זאל אפגעשאפט ווערן איידער משיח קומט, וועט עס באדייטן דעם אונטערגאנג פון אידישן פאלק. מיר זיינען אבער זיכער, אז דאס וועט קיינ־ מאל ניט פאסירן, ווייל די גאטהייט היט אונז. די גוים פילן עס אינסטינקטיוו און ווייסן עס. קומט דאך דער גרויסער דייטשער געלערנטער פראפעסאר זאמבארט און באשולדיקט אונז: „אידן האבן געשאפן דעם קאפיטאליזם!”, קומט אבער נאך אים דער ענגלישער אנטיסעמיט בעללאק און זאגט: „אידן האבן געשאפן דעם באלשעוויזם!” פארשטייט זיך, אז זיי זאגן פון אנטיסעמיטישן שטאנדפונקט, אויך אזוי ווי פריער פלעגט מען שרייען פון איין זייט: „אידן זיינען רעליגיעזע פאנאטיקער!” און פון דער אנדער זייט: „אידן זיינען געפערלעכע אטעאיסטן (אפיקורסים)!”, אבער

א קערן אמת איז אין דעם דא: געלט איז געשאפן צוליב דעם אידן און וועט אפגעשאפט ווערן צוליב דעם אידן.

און א פאָלק, פאַר וועמעס אופהאַלטונג דער רבונו של עולם האט באַוויזן אזאַ ספעציעלן חסד איינצופירן געלט אף דער וועלט — אלע איבריקע פעלקער האבן געקענט אויסקומען אינ־גאַנצן אָן דעם — אזאַ פאָלק איז פּאָזיטיוו אַן אויסדערוויילטער, א גאָט־געבענטשטער און איז שטענדיק אונטער א ספעציעלער געטלעכער השגחה, אזאַ פאָלק מעג מיט שטאָלץ און באַרעכ־טיקונג זיך קרוינען מיטן נאמען „אתה בחרתנו־פאָלק", ווייל ער איז עס אן ספק.

דער לעצטער און בעסטער סימן. אָבער מער פון אלעמען איז איבערצייגנד דער פאקט פון אונזער גלויבן אין אחדות הבורא (מאנאטעיזם). אָט דאָס איז דער בעסטער סימן פון אונזער „אתה בחרתנו". דער אמת, צו וועלכן עס גייט לאַנגזאם אָבער פאָר־ווערטס די וועלט, —איז דאָך, אז ס׳איז פאַראַן א גאָט אף דער וועלט! און אויב עס איז דאָ א גאָט אף דער וועלט, האָט דאָך דאָס אידישע פאָלק דעם ריכטיקסטן און אמת׳דיקסטן באַגריף וועגן גאָטהייט און דאָס מאכט דאָך אונז פאַר אן אויסדערוויילטן פאָלק, ווער לייקנט אין אונזער יחוס? גאָטלאָזע מאטעריאליסטן אָדער גאָר אומוויסנדע פעלקער און מענטשן, וועלכע באַגרייפן נאָך ניט וואָס אחדות הבורא מיינט און באַ וועמען עס איז רעכט, אז א מענטש, א חיה אָדער אן אנדער באַשעפעניש אין דער נאַטור — איז גאָט. דאָס זיינען דאָך כמעט געצנדינער. קוים ווערט אָבער קלאָר אז אחדות הבורא איז ניט קיין פאנטאַזיע, נאָר דער אמת אין וועלכע אלע דאַרפן גלויבן, דאַן איז דאָך א פאַקט, אַז די אידן זיינען אויסדערוויילטע, ווייל די אנדערע פעל־קער האָבן דאָס ניט געוואָלט אנערקענען אפילו אין צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט בשעת מיר אידן האָבן דאָס דערקענט גלייך באַ אונזער געבורט אלס פאָלק, ווען אלע פעלקער זיינען נאָך געווען געצנדינער, מיר האָבן דאָך ניט געהאט באַ וועמען זיך צו לער־נען, אלע האָבן זיך פון אונז געלערנט. אזוי לאנג ווי עס געפינען זיך מענטשן וועלכע גלויבן אין א דריי־פאכיקן גאָט אָדער אין פיל־געטעריי׳ איז אונזער אידישער יחוס א זאך וואָס קען אָפּ־געלייקנט ווערן. אָבער אין דעם מאָמענט, ווען די גאנצע מענטש־

היט ויעט מודה זיין אין אחדות הבורא, וועט זי אנערקענען, אז אידן זיינען א טויזנט = פאכער אתה = בחרתנו = פאָלק, ווייל ניט נאָר מיר האָבן אָנערקענט דעם אחדות הבורא מיט פיר טויזנט יאָר צוריק, נאָר מיר האָבן די גאנצע צייט פארן דאָזיקן אמת געבלוטעט און געליטן די שרעקלעכסטע יסורים. ווען אַפילו מיר וואָלטן קיין שום אַנדער מעלה ניט פאַרמאָגט, וואָלטן מיר צוליב דעם פאַקט, וואָס מיר האָבן געבראַכט דעם גלויבן אין אחדות הבורא, געשטאַנען העכער ווי אַלע פעלקער, על אחת כמה וכמה ווען מיר פאַרמאָגן נאָך אזעלכע גרויסע מעלות און האָבן געגעבן דער וועלט אזעלכע געוואלטיקע גייסטיקע אוצרות!

ס'איז אבער ניט נייטיק צו ווארטן ביז די גאטהייט וועט זיך אנטפלעקן פאר דער גאנצער וועלט און באשטעטיקן דעם אידישן יחוס. ס'איז גענוג דער פאקט, אז מיר האבן געגעבן דער וועלט דאס שענסטע און בעסטע וואס זי פארמאגט, די גרעסטע דיינקער און פילאָזאפן פון אלע צייטן, די העכסטע אידעאלן און די אלע קעמפער פארן אמת און גערעכטיקייט. מיר וועלן שוין ניט ריידן וועגן די רעליגיאנען, וועלכע זיינען געבארן געוואָרן אפן אידישן שוים. און צו אלעמען דארף מען דאך צוגעבן דעם פאקט, אז אונזער תורה האט אונז פארויסגעזאגט אונזער גאנצע צוקונפט און אלץ ווערט פינקטלעך מקוים. אט טאקע אין דערזעלבער תורה איז פארזיגלט אונזער יחוס = בריף און די זעלבע תורה ווערט פארהייליקט פון דער גאנצער וועלט, אויסער פון די שוטים, גאטלאזע, פרייַדיינקער, וועלכע ווילן דוקא זיין בלינד און מאכן זיך ניט = וויסנדיק פון די וואונדערבארע נביאות אין דער תורה אף אידן. די תורה איז דעריבער פשוט א דאקומענט וואס באווייזט אונזער יחוס, וואס קיינער קען דאס ניט אפּלייקענען, אויסער רשעים און אידיאטן. וויבאלד עס איז דא א גאט אף דער וועלט, וועלכער האט אונז אויסדערוויילט צו זיין דער וועגווייזער פאר אלע פעלקער, איז דאך צווישן אונז און דער וועלט דא א גרויסער חילוק און עס איז פארשטענדלעך אז דער תכלית פון דער מענטשהייט איז דער איד, און דער תכלית פון דעם אידן איז די הויכע ענטוויקלונג פון זיין נשמה ביז צו דערגרייכן די העכסטע קאנצעפציע וועגן גאט, ווי אונזערע בעלי קבלה באהויפטן עס. און דאס טאקע איז דער סוד פון דער איי=

ביקער אידישער עקזיסטענץ, פארוואס מיר לעבן אריבער אלע וועלט - חורבנות און אסך מעכטיקע פעלקער. מיר זיינען אלע-מאל די יעניקע, וועמען די גאטהייט באהאלט אין א „חבה". בשעת די ארומיקע פעלקער ברייגגען אף זיך א מבול, ווייל צו אונז קען די גאטהייט זאגן: „כי אותך ראיתי צדיק לפני".

און איצט, אין דער אימרואיקער צייט, ווען גרויסע פעלקער ציטערן פאר דעם מארגנדיקן טאג און זיינען פארפלאנטערט אין א הנויל פון אומלייזבארע שווערע פראבלעמען, איז דער אידישער פאלק, — ניט קוקנדיק אף זיין טראגישן מצב, וואס ער שווימט אין א ים פון טרערן און דחקות, — פול מיט האפנונג אליץ אריבערצולעבן, ווייל ער ווייס וואס די נביאים האבן אים פארויס-געזאגט. לעזט, אדרבא, דורך דעם קאפיטל כ"ד פון ישעיה און זאגט אליין אויב אזא נבואה האט געקענט אנגעשריבן ווערן מיט דריי טויזנט יאר צוריק פון א וועלכן ניט איז מענטשן, וואס זאל ניט זיין א ריכטיקער געטלעכער נביא, א זון פון דעם אויסדער-וויילטן פאלק, וואס זיין שרעקלעכע נבואה ווערט אין אסך הינ-זיכטן פארווירקליכט איצט אין רוסלאנד.

ווען דאס אידישע פאלק זאל נאר געווען האבן איין ישעיה און ווען דער דאזיקער נביא זאל נאר האבן אנגעשריבן דעם איינציקן קאפיטל, וואלטן מיר שוין אויך האבן דעם גרעסטן באַ-וויז אף דעם, אז מיר זיינען אז אתה - בחרתנו - פאלק און אונז דערוואַרט א אייביקע עקזיסטענץ אין א רומפולע צוקונפט!

---

# אונזער נאציאנאַלער אומגליק.

מן המצר קראתי.. (תהלים)

ד ע ר  ל א נ ג ע ר  ג ל ו ת. רבותי! אונזערע ברידער די ספרדים האבן א תפילה וואס איז אונז, אשכנזים, ניט באקאנט. זיי, אזוי ווי מיר, זאָגן דעם אבינו מלכנו", אבער זיי האָבן צוגע-געבן די פראזע: „אבינו מלכנו אל תאבדנו באורך גלותנו", אונזער פאָטער, אונזער קעניג, זאָלסט אונז ניט לאָזן אונטערגיין דורך די לאנגקייט פון גלות! הייסט דאס, אז די לאנגקייט פון גלות קען אונז לאנגזאם פארניכטן ־און מאכן פון אונז א סוף!... מיר אידן

זיינען דאָך אפּטימיסטן און מיר גלויבן ניט אז דער תהום פון לעבן וועט אונז פאַרשלינגען און אונזער נאַציאָן וועט אונטערגיין! ביז אהער האבן מיר דאָס געהאַט רעכט צו באַהויפּטן, אָבער איצט האָט זיך אונזער גלויבן א וואַקל געטאָן, און עס קען זיין אז די ספרדים האָבן רעכט מיט זייער תפילה, אז דער גלות זאָל אונז ניט פאַרשלינגען, ווייל ער ציט זיך אזוי לאַנג. א פּנים אז די סכנה ליגט אין דער לאַנגקייט. א פּנים אז די געפאַר ווערט גרעסער און די ספרדים פאַרשטייען איר בעסער, אָדער זיי זיינען מער אמתער ווי מיר זיינען, ווייל זיי זיינען פּשוטער פאַר אונז און זיי האָבן לכל הפחות געהאַט מוט צו אנערקענען, אז אונזער צוקונפט אין גלות איז אזוי אונזיכער, אז מען דאַרף אויף דעם שרייבן א „אבינו מלכנו".

אָ, ספרדים! קרוין פון דער אידישער נאַציאָן! אוראייניקלעך פון די גרויסע גייסטיקע ריזן! איר פאַרשטייט, איר פילט, ווי שוואַך עס זיינען אונזערע כחות געגן די כוואַליעס וואָס ווילן אונז פאַרשלינגען, איר פילט אז אין דעם וואָרט גלות ליגט איינגעוויקלט די טונקלע צוקונפט פון א נאַציאָנאַלן אונטערגאַנג און איר האָט עס כאַטש ערלעך פאַרצייכנט אין סדור און מחזור, אין דער צייט וואָס מיר גייען אַרום שטאָלץ און פּלוידערן פון אונזער גרויסקייט, פון דאָס שטאַרקע אידישע לעבן אין די גלות־לענדער, פון אונזער אייביקייט און מיר זעען ניט וואָס עס טוט זיך פאַר אונ־זערע אויגן, וועלכע זיינען פאַרבלענדעט.

אונזער אייביקייט!

איז דאָס ניט דאָס העכסטע פון אַלץ וואָס דער איד קען ווינשן זיין פאָלק? איז דאָס ניט דאָס זיסטע פון אַלע אידישע טרוימען? איז דאָס ניט די שענסטע נקמה אויף אונזערע שונאים? איז דען פאַראַן א בעסערע נקמה ווי צו שטעלן זיך געגען דער גאַנצער וועלט און זאָגן: „אומזיסט זיינען אַלע אייערע פּלענער געגן אונז, אומזיסט זיינען אַלע אייערע באַמיאונגען — דער טויט קען דאָס פאָלק ישראל ניט באַהערשן! מיר זיינען געשיצט פון אונטערגאַנג, מיר זעען פאַר אונזערע אויגן ווי פעלקער קומען און גייען, נאַציאָנען ווערן געבאָרן און פאַרשוואונדען, אָבער מיר זיינען אייביק ווי די זון, ימים, בערג. פאַר אונז איז אנטפּלעקט געוואָרן דער סוד פון אייביקן עקזיסטענץ, מיר האָבן דערגרייכט דאָס נאַציאָנאַלע אומשטערבלעכקייט!"

אט דאס איז די העכסטע מדרגה פון אידישן נאציאנאליזם, פון אידישן פאטריאטיזם. אט דערפאר זיינען געגאנגען אף קדוש השם די אידישע קדושים אנהייבנדיק פון חנה מיט אירע זיבן זין און ענדיקנדיק מיט די וואס זיינען געפאלן אלס קדושים אין אוקראינע און פאלעסטינע. און דיזע אידישע אייביקייט, דער צענטר פון אלע אידישע מחשבות, דער גרויסער אידעאל וואס האט געווארמט די הערצער פון אונזער פאלק פון אברהם אבינו ביז היינט, — קען ניט מער באטראכט ווערן אלס זיכער, ווען מיר זעען וואס די נייע אומשטענדן פון לעבן האבן פון אונז געמאכט.

א קלוגער איד וואס איז געקומען קיין אמעריקע מיט פערציק יאר צוריק און האט געזען ווי אזוי אידישקייט האט אויסגעזען אין דער אלטער היים פאר דער וועלט=מלחמה, האָט ניט לאנג געזאָגט זיינעם א פריינט: „איך ווייס אז איך וועל נאך פילייכט לאָזן א שטיקל אידישע ירושה צו מיין זון. מיר איז שווער זיך פאָרצושטעלן וואָס עס וועט זיין די אידישע ירושה וואָס מיין זון וועט לאָזן צו זיין זון. איך קען אָבער ניט גלויבן אז מיין אייניקל וועט האבן וואס צו לאָזן אלס אידישע ירושה צו זיינע קינדער. ביז עס וועט קומען צום דריטן און פירטן דור וועט עס ווערן גארנישט!"

דאס האט געזאגט א קלוגער איד וואס האט אפענע אויגן, אבער דא קומען די געשווארענע טרייסטער אדער די פאלשע נביאים און מענה'ן: „אידן האבן געלעבט אזוי לאנג, וועלן זיי לעבן וויטער!" דאס איז א פארזיכערונג וואס האט ניט קיין גרונד. דאס וואס עמיצער איז נאך ביז איצט ניט געשטארבן איז נאך קיין באווייז ניט אז ער וועט ניט שטארבן. אויך די נאציאנען וואס זיינען אונטערגעגאנגען האבן פריער געלעבט. אט זיינען די שומרונים א פאלק, - א שטאם, וואס האט מיט אונז א שטיקל שייכות, — זיי האבן עקזיסטירט א פאר טויזנט יאר און איצט זיינען זיי שוין אזוי גוט ווי אונטערגעגאנגען. און די קאראאימער? זיי זיינען דאך לויט זייער בלוט אמתע אידן, האלטן זיי שוין אויך ביים אונטערגיין און דער טויט קלאפט אין זייער טיר. זיי אליין ווייסן עס גאנץ גוט! די קאראאימער (קראים) האבן געלעבט כל זמן זיי האבן געהאט די גייסטיקע קראפט צום לעבן, און מיר

וועלן אזוי לאנג לעבן ווי לאנג מיר וועלן האבן די גייסטיקע קראפט דערצו, כל זמן אונזער אידישע נשמה וועט זיין גאנץ. וועלן מיר אבער קענען אופהאלטן אונזער אידישע נשמה גאנץ, אין דער צייט וואס מיר ווערן אלץ מער און מער פארגוי'אישט?

— „אבער מיר זיינען דאך שוין אזוי פיל קריזיסן דורכגעגאנגען זייט מיר זיינען אין גלות!" טענה'ן ווייטער די טרייסטער, „א קריזיס בא אונז איז ניט קיין נייס! און מיט וואס איז איצטיקער קריזיס געפערלעכער ווי אלע אנדערע וואס זיינען געווען זייט די אידן האבן פארלאזן זייער היים און אנגעהויבן וואנדערן אין דער פרעמד?"

אבער דא ליגט דער געוואלטיקער טעות!

די פריערדיקע קריזיסן וועלכע די אידן האבן דורכגעלעבט אין גלות זיינען גארנישט קעגן דעם איצטיקן. אין דער אמת'ן האבן די אידן ביז איצט קיינע קריזיסן אין זייער געשיכטע ניט געהאט. יענע קריזיסן זיינען געווען בלויז אויסערלעכע: גזירות, פארפאלגונגען, פאגראמען א. א. וו. קיין אינערלעכע קריזיסן זיינען עס ניט געווען, די אידישע נשמה האט עס ניט באריט, דעם לעבנסקראפט פון דער אידישער אומה האט עס ניט אונטערגע־גראבן. דער איצטיקער קריזיס איז אבער אן אינערלעכער, עס איז א קריזיס ווען די כחות גייען אויס פון אינוייניק. דעריבער איז איצט דער ערשטער קריזיס אין דער אידישער געשיכטע. ביז איצט האבן די אידן ניט געקענט אונטערגיין. זיי האבן זיך ניט געקענט אסימילירן מיט זייערע שכנים, עס איז ביז אהער געווען פאר אידן אזוי שווער צו אסימילירן זיך, פונקט ווי עס וועט זיין שווער פון איצט אן און ווייטער זיך ניט צו אסימילירן. די גע־פאר וואס עס שטייט פאר דעם אידישן פאלק אין גלות קען נאר ווערן קלאר ווען מען שטעלט זיך אפ אף דער פראגע: פארוואס זיי־נען אלע נאציאנען אונטערגעגאנגען ווען זיי זיינען געקומען אין דער פרעמד און אידן זיינען געבליבן לעבן אלס א מינאריטעט און האבן זיך מיט זייערע שכנים ניט צומישט?

**פארוואס דער איד איז ניט געשטארבן,** רבותי! ווען טיטוס האט געפירט געפאנגען די גבורים פון ירושלים דורך די גאסן פון רוים, די הענט געבונדן, און פאר זיי האט

מען געטראגן די גרעסטע כלים פון בית המקדש, האט מען פון די דעקער געווארפן פאַ׳ן רוימישן המון מטבעות אף וועלכע עס איז געווען אויסגעשריבן מיט לאטיינישע ווערטער: „יודעא קאפטא“, יהודה איז פארלארן! טיטוס און זיינע רוימער האבן גערעכנט, אז די הייפל אידן וועלכע ער צושפרייט איבער דער גרויסער וועלט וועלן, ווי אנדערע פעלקער וועלכע פאלן אריין אין דער פרעמד, ווערן פארשלונגן און אפגעמעקט פון דער וועלט. און גערעכט איז ער געווען — לויט אלע געזעצן פון דער געשיכטע! ווייל די אייזערנע געזעצן פון דער נאטור, וועמען קיינער קען ניט מנצח זיין, פאדערן אז אויב א קליינע גרופע מענטשן ווערט מגולגל צווישן א פרעמדע גרויסע מאסע — זאל זי, די קליינע גרופע, זיך אויסמישן מיט דער גרויסער מאסע, דאס הייסט אונטערגיין, פארניכטעט ווערן. אַט פונקט אזוי ווי דער קליינער וואלד-טייכל מישט זיך אויס אין דעם גרויסן טייך אין וועלכן ער פאלט אריין, און אויך אזוי ווי אפילו דער גרויסער טייך ווערט פארשוואונדן אין ים. די נאטור צווינגט צו אסימילאציע. ווען איר גיסט אריין א קליינע מאס מילך אין א גרויסע מאס וואסער, וועט איר אין א ווײַלע ארום זוכן דאס מילך און עס ניט געפינען; דאס ביסל מילך איז אסימילירט געווארן אין די סך וואסער, אַט פונקט אזוי אסימילירט זיך די מינאריטעט אין דער מאיארי-טעט, אט דער זעלבער געזעץ צווינגט די מינדערהייט צושמאלצן צו ווערן אין דער מערהייט. דאס לעבן קאכט און מישט כסדר אן אן אופהער און יעדע מינדערהייט וואס פאלט אריין אין גרויסנדן מערהייט, ווערט פארשוואונדן. און דערפאר זיינען די פעלקער, וואס זיינען אויסגעריסן געווארן פון זייער ווארצל און אוועק אין "גלות", צומישט געווארן מיט אנדערע, שטארקערע און אונטערגעגאנגען.

נאר עס איז פאראן איין בן-יחיד בא דער מענטשהייט, איין יחסן, וואס האט געהאט די העזה צו צושמעטערן די געזעצן פון דער נאטור, האט געוואגט חוזק צו מאכן פון דער גאנצער וועלט-געשיכטע מיט אירע אייזערנע כללים. עס איז פאראן בלויז איין פריווילעגירטעס פאלק וואס שטייט העכער פון אלעמען און פון אלעם — דאס זיינען די אידן. דאס איז די איינציקע מינדערהייט צווישן מענטשן וואס האט זיך ענטזאגט צו ווערן

פאַרשלונגגן פון דער מערהייט! און די וועלט שטייט דערשטוינט, פאַרוואונדערט אַף דער געוואַלטיקער דערשיינונג, וועלכע איז אומ־פאַרשטענדלעך פאַרן מענטשלעכן שכל. אייניקע וואונדערן זיך און ציען מיט די אַקסלען, אַנדערע וואונדערן זיך און קריצן מיט די ציינער פון פאַרדרוס, זיי פאַרגינען ניט דעם בן־יחיד וואָס ער איז אַן אויסנאַם, פּונקט ווי קיין מענטש אַף דער וועלט וואַלט ניט פאַרגונען ווען עס זאָל זיך געפינען איינער וואָס זאָל דורך אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן באַזיגן דעם נאַטירלעכן געזעץ פון טויט. די וועלט שטייט און שטוינט פאַר דעם רעטעניש: פאַרוואָס איז דער איד ניט געשטאָרבן?

איך וועל דעם רעטעניש דאָ דערקלערן גאַנץ פּשוט, אַזוי אַז אויב איר ווילט איז דער וואונדער גאָר אַ נאַטירלעכע זאַך. די אידן האָבן זיך ניט אויסגעמישט מיט זייערע גוישע שכנים דערפאַר, ווייל זיי, די אידן, זיינען געשטאַנען אַן אַ שיעור העכער ווי די גוים צווישן וועמען זיי האָבן זיך באַזעצט. און דאָ איז דער סוד פון דער אידישער עקזיסטענץ אין גלות! די אידן האָבן ניט געקענט אריינגיין אין דער גוישער געזעלשאַפט, אננע־מען דעם גוישן אַרט לעבן, חתונה האָבן מיט גוישע פאַמיליעס און אַסימילירט ווערן אין דער גוישער סביבה דערפאַר, וואָס די אידן האָבן געקוקט אַף די גוים פון אויבן אַראונטער. די אידן האָבן ניט געקענט און ניט געוואָלט זיך אַראונטערלאָזן פון אַ העכערע מדרגה צו אַ נידריקערע. עס איז די נאַטור פון יעדן איינצעלן מענטשן, און נאָך אין אַ גרעסערער מאָס פון יעדן פאָלק, צו שטרעבן אַרויף, צו וועלן גיין העכער און ניט זינקן ניד־ריקער, דערפאַר איז די סכנה פון אַסימילאַציע נאָר שטאַרק דאַן ווען מען קוקט פון אונטן אַרויף. מען וויל זיך אויסמישן, פאַראייניקן מיט די וואָס מען האַלט העכער פון זיך. צום בײַ־שפּיל, דער בעדער איז שטענדיק גרייט זיך משיך צו זיין מיט דעם רב און אַריין אין דעם רב'ס משפּחה, אין דער צייט וואָס דער רב וועט זיך ניט איילן אַריינצוגיין אין ב'דערס משפּחה. אַלס משל וואַלט זיך געפּאַסט דאָ צו זאָגן: דער רב קען זיך פיל ווייניקער אַסימילירן מיטן בעדער, ווי דער בעדער מיטן רב.

ווען די אידן זיינען מיט געוואַלד אַרויסגעריסן געוואָרן פון זייער לאַנד, זיינען זיי געווען, אַזוי צו זאָגן, די רבנים צווישן די

בערערס. זיי האבן זיך געהאלטן פאר די אריסטאקראטן פון די פעלקער, פאר די אויסערוויילטע פון דער מענטשהייט, און זיי זיינען ווירקליך געשטאנען אף אזא הויכע מדרגה אין פארגלייך מיט זייערע שכנים, אז זיי האבן גערעכנט אסימיליאציע מיט די פעלקער פאר א דערנידערונג, פאר א פחיתת הכבוד. ווען די אידן זיינען געקומען נאכן חורבן בית המקדש קיין רוים, איז די שיינע עפאכע פון דער רוימישער געשיכטע געווען פארשוואונדן. באלד איז אריינגעטראטן א געוואלטיקע פאַרפוילטקייט אין דעם גרויסן קערפער פון דער רוימישער אימפעריע. די רוימישע געצן האבן זיך געוואלגערט אין שאנדע, פארלאזן אפילו פון זייערע אייגענע אָנהייגער. רוים איז געווען פארפלייצט פון אן עקלהאפ־טער אונמאראלישקייט און קאָרופציע, איבערגעזעטיקט פון מיאוסע תאוות, אזוי אז די פוילקייט און פארברעכערישע פירונג האבן שנעל צופרעסן דעם ארגאניזם פון דעם רוימישן ריז. די רוימישע רעליגיע, וועלכע איז פריער אויך ניט געווען געהויבן, איז איצט געווען דערטרונקען אין דעם נידריקסטן סארט פון אבערגלויבן. דער בלאסער שיין פון דער גריכישער קולטור, וואס האט זיך אָפגעשפיגלט אף רוים, איז פארלאשן געווארן. קיינע אידעאלן מיט וואס אָפצופרישן די מענטשלעכע נשמה זיינען ניט געווען. עס האט געהאלטן אזוי ווייט, אז אָנגעזעהענע רוימער פלעגן אנט־לויפן פון זייער קולטור און זוכן טרייסט פאר זייער נשמה אונ־טער די פליגלען פון אירנטום. ניט קיין סך שפעטער זיינען גע־קומען די בארבארן פון צפון־אייראָפּע און געמאכט א סוף פון רוים.

און אהין, אין יענעם געזינדל פון רוימישער צופוילטקייט און בארבאריש - ווילדע זיגער, זיינען געקומען די אידן מיטן תנ"ך אין האנט און הארצן, מיט דעם ליכטיקן ווארט פון גאט, מיט דער איבערצייגונג פון דער איינהייט פון אלע וועלטן, מיט די לערע פון העכסטן מאראל, מיט דער גיוואלטיקער קולטור פון די נביאים, מיט דעם „כה אמר ה'" פון עמוס. אהין, אין דער וועלט פון תוהו ובהו זיינען געקומען די אידן אלס טרעגער פון א הויכע ציוויליזאציע, וואס האבן געקוקט פון אויבן ארונטער אף דאס נארישע לעבן פון פעלקער און מדינות. פרעגט זיך: האבן די אידן געקענט ארונטערגיין אזוי נידריק און זיך אויסמישן מיט די דאזיקע מענטשן, וועלכע זיי האבן באַטראכט פאר אזוי שפלדיק אין קולטורעלן זין? געוויס ניט!

און נאכהער זײנען די אידן געקומען אין אנדערע לענדער פון אײראָפּע און אומעטום האבן זײ געפונען באַרבאַרן אדער ראסן, וואס האבן ערשט קוים אנגעפאנגן ארופצוגײן אפן ערשטן טרעפל פון דער ציוויליזאציע. צום בײשפיל, דער גרויסער היס־טאריקער טעין דערצײלט ווי אזוי די אײנוואוינער פון ענגלאנד האבן געלעבט אין ערך מיט טויזנט יאר צוריק, דאס הײסט אין צענטן יארהונדערט. מען פלעגט זיך זעצן בײ א טיש און אזוי פיל פרעסן און זויפן ביז וואנען אלע פלעגן זיך ארונטערקײקלען אונטערן טיש און ליגן אײנע אף די אנדערע. די משרתים פלעגן נאכדעם קומען מיט לאנגע הארקן (גראבליעם), ארויסשלעפן די „נאבעלע דזשענטלעמענס און לעדיס" פון אונטערן טיש און זײ אוועקשלעפן אף זײערע געלעגערס.

און די אידן וואס זײנען אנגעקומען צו די דאזיקע דזשענ־טלעמענישע בריטאנער האבן שוין געהאט מיט זיך חוץ דעם תנ"ך אויך די לערע פון רבי עקיבא, ר' חנניא בן תרדיון און ר' יהודה הנשיא, וואס האט קײנמאל ניט געהאלטן זײן האנט נידרי־קער ווי דער גארטל!

ניט העכער ווי די בריטן זײנען געווען די אור־אורעל־טערן פון די פראנצויזן, דײטשן און סקאנדינאוון. פון די סלאַ־ווישע פעלקער איז דאך שוין אפגערעט, זײ זײנען געווען גאנץ ווילד. איז דען א וואונדער אז די אידן האבן געקוקט אף דיזע אלע מענטשן פון אויבן ארונטער? האבן זײ זיך געקענט אסימי־לירן מיט זײ? איז א וואונדער אז די אידן האבן ניט געקענט בטל ווערן בא זיך אליין אין די אויגן נעגן זײערע שכנים? און ווען מען ווערט בא זיך ניט בטל איז ניטא קײן גרונט פאר אסימיליאציע.

דער געוויינלעכער פראצעס פון אסימיליאציע איז: געמישטע חתונות, דורך דעם מיטל ווערן משפחות, שבטים און פעלקער אסימילירט. אבער פאר א אידן חתונה צו האבן מיט א גוי איז געווען פארעכנט פאר א גרויסע ירידה פון דעם שטאפל פון קול־טור, און ווען דער איד האט געזאגט דעם „אתה בחרתנו" האט ער עס ערלעך און ערנסט געמײנט, און ווען ער האט געדאנקט גאט וואס ער האט ניט פון אידן געמאכט אזוי ווי די גוים פון

די לענדער, האט ער עס הארצליך געפילט, ווייל ער האט זיך געהאלטן אלס איד אן א מאס העכער ווי דער גוי. ער האט זיך געהאלטן פאר א געפאנגענעם פרינץ צווישן קנעכט, עס הייסט, צווישן מענטשן וועמענס קולטור, בילדונג און מאראלישע השגה איז א קנעכטישע, א גראבע. דאס האט געהיט זיין זון פון א גוישע כלה און זיין טאכטער פון א גוישן חתן. דאס האט געהיט דאס אידישע פאלק פון פארלירן זיין כבוד, זיין גאוה, פון אונטערגיין.

קען א איד היינט אויך אין א ציוויליזירטע מדינה האלטן זיך העכער און קוקן אף די הערשנדע מערהייט פון לאנד פון אויבן ארונטער? קען למשל אן אמעריקאנער איד מבטל מאכן די גוישע וועלט, די ברייטע וועלט וואס רינגלט אים ארום און האלטן זיך פאר א העכערן סארט מענטשן ווי די צווישן וועלכע ער לעבט? האלט זיך דער דייטשער איד העכער ווי דער דייטש, דער פראנצויזישער -- העכער ווי דער פ־אנצויז, דער ענגלישער — העכער ווי דער ענגלענדער?

געוויס ניט! און ניט נאר האלט זיך ניט דער איד העכער פון זיינע שכנים, נאר ער האלט זיך אפילו ניט גליך מיטן גוי! ער האלט זיך אינווייניק, אין זיין הארצן, נידריקער, ער האלט דעם גוי העכער פון זיך! יענעמס חכמה איז א גרעסערע, יענעמס ליטעראטור איז א מעכטיקערע, יענעמס פירונג איז א שענערע, יענעמס מאניערן זיינען איידעלערע... און מען דארף זיי נאכמאכן. אנשטאט וואס דער איד איז אמאל געשטאנען אפן בארג און האט אראפגעקוקט אף זיינע שכנים וואס זיינען אין טאל, פילט זיך ה־נט דער איד אין טאל און קוקט ארוף צו זיינע שכנים, וועלכע דוכטן זיך אים אפ אז זיי שטייען אפן בארג. די אמאלי־קע אידן האט ניט געצויגן צום טאל ארונטער, די היינטיקע אידן ציט עס מיט טויזנט מאגנעטן צום בארג ארוף. כל זמן די גוים, צווישן וועלכע די אידן האבן געלעבט, זיינען געשטאנען אף א נידריקע שטופע פון ציוויליזאציע און קולטור, האבן די אידן ניט געהאט אפילו די תאוה צו אסימילירן זיך, זיי האבן וועגן דעם ניט געטראכט, און דער נאציאנאלער עקזיסטענץ פון אונזער פאלק איז דאריבער ניט געווען אין סכנה. ווען די גוים אבער זיינען ארוף אף א זייער הויכע מדרגה פון קולטור, האט אנגעפאנ־

גען צו ארבעטן דער אייביקער נאטור - געזעץ, אז די מינדער-הייט ציט צו דער מערהייט, אז דער קלענערער מאגנעט ציט זיך צו פאראייניקן צום גרעסערן.

דער גוי איז הויך געווארן! און דאס איז אונזער נאציאנאלער אומגליק. מיר זיינען איצט אין דעם ערשטן קריזיס פון אונזער געשיכטע, צום ערשטן מאל טרעפן מיר זיך פנים אל פנים מיטן אמת׳ן געפאר פון אונ-טערגאנג.

סאָרבאָנע אדער וואלאזשין? רבותי! נאך גאר ניט לאנג האבן זיך די אידן געפילט ווי געפאנגענע בני מלכים און מיט באדויערן געקוקט אף אלץ וואס איז דרויסן אין דער גוישער וועלט. געוואוסט האבן די אידן אז בא גוים זיינען פאראן געלערנטע מענטשן, אז בא די גוים זיינען פאראן ביכער און א גאנצע וועלט מיט בילדונג, אבער וואס פאר א באדייטונג האבן זייערע אלע גרויסע מענטשן צוזאמענגענומען געגן איינעם פון די גרו׳יסע אידישע צדיקים און גאונים? און וואס פאר א באדייטונג האבן אלע זייערע ביכער צוזאמענגענומען געגן איין אידישן ספר? איין מאמר פון חז״ל וועגט איבער אלע זיבן חכמות פון די אומות העולם און איין ווארט פון דער תורה הקדושה שיינט אריבער אלץ וואס די גוישע חכמים האבן געזאגט און געשריבען זייט די וועלט שטייט. אין א פרק משניות וואס א פראסטער איד לערנט איז פאראן מער דערהאבנקייט ווי אין אלע גוישע חכמות, ווייל אלץ וואס עס איז געשריבן אין די אידישע ספרים שטאמט פון די פריערדיקע דורות וואס האבן עס מקבל געווען פון בארג סיני און עס איז דאריבער הייליק און געטלעך, אבער דאס וואס די גוים שרייבן איז נאר א פראדוקט פון שכל. פאר די גוים זיינען ניט אנטפלעקט די קוואלן פון מאראל און קדושה און זיי טאפן דעריבער אין דער פינסטער.

אָט אזוי האבן אידן געדיינקט, אט אזוי האבן אידן געפילט, אזוי קליין האט בא זיי אויסגעזען די גאנצע וועלט קעגן די אי-דישע גייסטיקע אוצרות, אזוי ארעם האט בא זיי אויסגעזען אלץ וואס עס איז אף יענער זייט פון אידנטום און אזוי רייך האט בא זיי אויסגעזען אלץ וואס איז אינווייניק, אין אידנטום. ביכער

וואלגערן זיך אף דער ערד — ארט עס קיינעם ניט, אבער זאל נאר איין קליינער אידישער ספר׳ל אראפפאלן — איז די אידישע נשמה עמפערט! דאס הייליקטום איז פארשוועכט געווארן, די האנט לויפט אליין מיט ציטערניש, כאפט דעם טייערן אוצר פון דער ערד און מיט ליבשאפט קושט דער איד דעם ספר. ווייל אין דעם אידישן ספר, — אזוי האט דער איד געגלויבט, — איז פארק;רפערט אלץ וואס איז אמת, אלץ וואס איז מאראליש, אלץ וואס איז ש״ן, ווייל נאר פון אידישן ספר קען מען לערנען ווי צו לעבן, ווי צו קענען ליידן און קעמפן פארן אמת, ווייל דער אידישער ספר לערנט די וועגן פון גערעכטיקייט אף דער וועלט און דעם אייביקן גליק אף יענער וועלט, וועלכע איז דאך דער עיקר! האבן אידן, וועלכע האבן אזוי געגלויבט און אזוי געפילט, — געקענט זיך אסימילירן? האבן זיי געקענט אויסבייטן דימענטן זייערע אף די געשליפטע גלעזלעך פון זייערע שכנים? קיין מענטש וואס האט מארך אין קאפ בייט ניט אויס א בעסערע זאך אף א ערגערע און די אידן האבן אזא בייט ניט געקענט מאכן.

איך האב געזאגט: קיין מענטש בייט ניט אויס א בעסערע זאך אף א ערגערע, אבער עס איז דא א כלל אין דער וועלט, אז קיין מענטש האלט זיך ניט מיט אן ערגערע זאך ווען ער קען עס אויסבייטן אף א בעסערע. א מענטש האלט זיך מיט זיין סחורה און וועט עס ניט פארבייטן אף אן אנדערע אזוי לאנג ווי ער איז זיכער אז זיין סחורה איז בעסער ווי די פון זיין שכן; ווען ער קומט אבער צום באשלוס אז זיין סחורה איז די ערגערע און אז דעם שכן׳ס איז די בעסערע, איז ניטא קיין כח וואס זאל אים אפהאלטן אז ער זאל דעם אויסבייט ניט מאכן! ער וועט מיט אלע קונצן זען אוועקצווארפן זיין סחורה און נעמען דעם שכן׳ס.

די גרויסע אידישע נאציאנאלע טראגעדיע איז וואס דער איד האט אופגעהערט צו גלויבן אז זיין סחורה איז בעסער ווי די סחורה פון גוי. און נאך א גרעסערע טראגעדיע איז וואס דער איד איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז דעם גוים סחורה איז פיל בעסער ווי זיין אייגענע. ער דיינקט אז ער טראגט זיך ארום מיט א זאך וואס איז פון קליינעם ווערט און פארגלייך מיט

דעם וואס ער זעט בא אנדערע. ווי לאנג, פרעגט זיך, קען מען זיך ארומטראגן מיט א ירושה וואס האט פארלארן איר ווערט אין די אויגן פון דעם וואס טראגט איר?! און זאל קיינער ניט קומען און לייקענען דעם פאקט אז די אידישע ירושה איז געפאלן אין די אויגן פון אידן און אז אלץ וואס עס איז פרעמד איז בא אונז אין די אויגן זייער הויך געשטיגן! זאלן מיר באטש האבן מוט זיך אין דעם מודה צו זיין! דער גוישער בוך איז בא אונז אסך פיל חשיבער ווי דער אידישער ספר. דער וואס האט א גוישע בילדונג איז בא אונז פיל חשובער ווי דער וואס האט א אידישע בילדונג. דער וואס טראגט א טיטול וואס ער האט געקראגן אין דער גוישער וועלט איז אן א ערך בא אונז מער יחסן ווי דער וואס טראגט אפילו דעם גרעסטן טיטול וואס מען קען קריגן לערנענדיק תורה. א איד, וואס האט דעם טיטול דאקטאר, אדוואקאט, אינזשענער און קען אפילו א צורה פון אן אלף ניט, קריגט בא אונז א גרעסערן כבוד ווי די וואס האבן אוועקגעגעבן זייער לעבן אף דער אידישער לערע. דאס איז דערפאר וואס די אידישע תורה, פאר וועלכע אידן זיינען מיט שמחה געשטארבן, איז איצט בא אונז בזוי ושפל קעגן אן אנדער תורה, אן אנדער בילדונג, אן אנדער קולטור — די קולטור פון אונזערע שכנים. דאס איז דערפאר וואס אידן האבן אנגעפאנגען צו גלויבן אז די קוועלע פון ליכט, פון דערהאבענע געדאנקען, פון באגייסטערטע אידעאלן, פון אלעם וואס איז שיין — איז בא די גוים. אידן זעען מער ניט די זון פון הויכע אידעען און אידעאלן שיינענדיק אין זייער אייגענעם געצעלט, זיי האלטן אז זי שיינט דארטן אין דעם פרעמדן לאגער און אז מיר דארפן זיין צופרידן וואס מען לאזט אונז ווארעמען זיך אין יענעמס ליכט. דער צענטער פון אונזערע געדאנקען, דער וואונש פון אונזער נשמה איז דארטן — אין דער גוישער וועלט. מיר האבן דעם גרעסטן רעספעקט פאר יעדער זאך וואס קומט פון דארטן. מיר מעגן זיך גיין אין שול און מאכן די ברכה: „אשר בחר בנו מכל העמים... אשר נתן לנו תורת אמת“, און פונדעסטוועגן גלויבן מיר אז די תורה פון פאריזער סארבאנע איז העכער ווי די תורה פון וואלאזשין. מיר זיינען גליקלעך וואס אונזערע קינדער לערנען אין ווארשעווער אדער זשענעווער אוניווערסיטעט און ניט אין מירער ישיבה. אונזער בילדונג איז בא אונז נעפאלן אליין, אונזער גוף שטייט

נאך אין אידנטום, אבער אונזער נשמה איז שוין דארטן, אין דער פרעמד. ווי לאנג קען ציען א גוף אן א נשמה? ווייל אויב די גוישע וועלט איז אזוי שיין, אויב מיר האבן זיך ניט מיט וואס איבערצונעמען אלס אידן קענן איר, און פארקערט, מיר קניען נאך פאר איר גרויסקייט, דאן איז ניטא מער קיין שטערונג אז מיר זאלן סוף כל סוף ניט אופהערן צו שטיין באזונדער און אינגאנצן צומישט ווערן מיט דער גרויסער וועלט. וועלכע האט בא אונז אזא גר׳יסן חן, פונקט ווי גרויס עס איז געווען דער אומחן וואס זי האט געהאט בא אמאליקע אידן.

פאר וואס קעמפן אידן. דער נאטירלעכער וועג פאר דער מינדערהייט איז צו ווערן אסימילירט אין דער מערהייט. די געפאר פון אונטערגאנג שוועבט איבערן קאפ פון דער מינדערהייט און זי קען זיך נאר ראטעווען דורך א שטענדיקן קאמף, דורך א שטענדיקע אומאויפהערלעכע אנשטריינגונג פון אלע כחות. דאס לעבן פון א מינדערהייט איז א שטענדיקע מלחמה מיט די אומשטענדן, מיט דער סביבה. אן קאמף איז דאס לעבן פון דער מינדערהייט אן אומעגלעכקייט. אבער א קאמף דארף האבן א שטארקע אורזאכע פארוואס ער ווערט געפירט. מענטשן קענען ניט שטיין נאכאנאנד אין מלחמה אן א צוועק, אן א אידעאל פאר וועלכן עס זאל זיך לוינען צו שלאגן. ווען עמיצער באשליסט צו קעמפן און צו ליידן, דארף ער האבן עפעס גרויסעס, וואס זאל אים באצאלן פארן ברייננגן קרבנות. עס איז דעריבער קלאר, אז אויב דאס אידישע פאלק זאל ווייטער לעבן אלס מינדערהייט אין די גלות־לענדער און זאל ווייטער אנ־ האלטן דעם קאמף מיט דער אסימילירנדער סביבה, מוז זיין א גרויסער צוועק און א מעכטיקער אידעאל פאר וועלכן די מלחמה זאל אנהאלטן. אלע ווייסן אז ביז איצט איז דער גרויסער אידעאל, פאר וועלכן די אידישע אומה האט געקעמפט, געווען די אמונה. צוליב איר האבן זיי מוטיק געקוקט דעם טויט אין פנים און ניט אנטלאפן פון שלאכטפעלד. די אמונה האט ניט דערלאזן, אז דער איד זאל זיך אונטערגעבן צו דעם איינפלוס פון דער מערהייט. און דער כח פון אמונה איז ווירקליך די גרעסטע קראפט וואס די וועלט פארמאגט, ווייל קיין גבורה קען ניט מנצח זיין דעם גלויבן. ווייל אלע פיזישע און מאטעמאטישע חשבונות פון מער

און ווייניקער, פון שוואכער און שטארקער, הערן אויף צו עקזיס־טירן ווען עס קומט צום פונקט פון גלויבן, וועלכער איז אינגאנצן א גייסטיקער באגריף. איין גלויביקער קען זיך האלטן קעגן א מיליאן אומגלויביקע. דא ווערט אינגאנצן פארשוואונדן דער גע־זעץ פון מינאריטעט און מאיאריטעט!

אמונה באצאלט אויך זייער גוט פאר אלע ליידן, פאר אלע קרבנות, וועלכע מען ברענגט פאר איר. זי גיט רייכע וועלטן פון באגייסטערונג זי שאפט אוצרות פון גליק. זי פארוואנדלט צער אין תענוג און מויט אין אייביקן לעבן, זי גיסט אריין גבורה אין דער הארץ פון שוואכן און זי גיט שטאלץ און מוט דעם פארפאלגטן. דער בעל־אמונה איז דער איבער־מענטש, וואס שוועבט ווייט העכער איבער די קעפ פון זיינע שונאים, ער טרינקט פון דעם אייביקן קוואל פון גייסטיקער שמחה. עס גייט דער איד מיט דער שווערער משא פון יסורים און רדיפות אפן פלייצע און פון זיין טיפן הארצן רייסט זיך ארויס א דאנק צו גאט; ער זאגט: „און אייביקע ליבע האסטו ליב דיין פאלק ישראל, תורה און מצוות, געזעצן און משפטים האסטו אונז געלערנט און דער־פאר פרייען מיר זיך מיט די ווערטער פון דיין תורה און מיט דיינע מצוות אף אייביק". אט דאס איז געווען די סיבה, דער צוועק און אידעאל פאר וועלכן דער איד איז גרייט געווען שטענ־דיק צו מלחמה עס איז געווען פאר וואס צו קעמפן, צו קעמפן פארן ריינסטן אמת, וועלכן גאט אליין האט אנטפלעקט, צו ווערן אויסגעקליבן פון דעם וועלט־באשעפער, איין פאלק פון אלע אומות, צו ווערן געהייליקט דורך זיין געבאט, צו לעבן און זיך פירן לויט די דערהאבנסטע פאראדנונגען פון גאט אליין — דאס איז אזא געוואלטיקע אנשויאונג, פאר וועלכע אלע ליידן און אלע מלחמות זיינען לייכט און קליין!

וועלכע אנדערע אורזאכן זיינען דא, פאר וועלכע די אידישע מינאריטעט זאל קעמפן אין דער צוקונפט, אויב ניט די אמונה? קיינער קען ניט זאגן, אז די אידישע נאציאן וועט קעמפן נאר דערפאר כדי צו בלייבן א נאציאן. דאס וואלט געווען אלץ איינס, ווי איינער וואלט זאגן: „די מינאריטעט וועט קעמפן פאר דעם גרויסן אידעאל צו בלייבן א מינאריטעט!"... אדער ווי אימיצער וואלט זאגן: „אט דער דאזיקער מענטש פארט אהין, כדי צו

פאָרן אהין!"... אדער נאך ריכטיקער: „אט דיזער מענטש ל״דט, כדי צו ליידן!"... דאס הייסט אז אידן קעמפן און אפפערן זיך אן א סיבה. אבער דאס איז דאך א זאך פון אומעגלעכקייט!

אפשר וועט די אידישע נאציאן אנפירן ווייטער דעם קאמף קעגן דער אסימילירנדער מערהייט צוליב העברעאיש? וועט א פאָלק אנשטריינגען זיינע כחות מלחמה צו האלטן מיט דער סביבה צוליב א שפראך? דאָס קען מען ניט דערווארטן, באזונ־דערס פון אידן. קיינמאָל איז א שפראך ניט פארוואנדלט געווארן אין אזא הייליקטום אז א פאָלק זאָל אין דעם קאנצענטרירן דעם גאנצן לעבן און זאָל זיין גרייט פאר אים פירן אייביקע מלחמות און זיין אָפגעזונדערט פון דער ארומיקער סביבה, איבערהויפט ווען דאָס פאָלק רעט אף אן אנדער שפראך, אף דער שפראך פון לאנד וואו ער לעבט, און זיין נאציאנאלער לשון איז ניט מער ווי שפראך פון בוך. עס איז אמת, אז בא אידן איז די נאציאנאלע שפראך הייליק (לשון קודש), אבער די קדושה ליגט ניט אין דעם לשון, ניט אין די ווערטער, נאר אין דער תורה, אין דער אמונה, וועלכע איז אין דער שפראך איינגעוויקלט. נעמט ארויס פון דער שפראך דעם אינהאלט און זי ווערט אויס הייליק. עס איז איבריק צו זאָגן, אז א שפראך אליין קען ניט צופלאקערן די פאנטאזיע, קען ניט ווארעמען די הארץ צו באוועגן צו גרויסע מעשים, קען ניט ווערן קיין איבערצייגונג פאר וועלכן מען זאל ארויסטרעטן אין קאמף. א שפראך איז וויכטיק אין נאציאנאלן לעבן ווען זי טרעט ארויס אלס די טרעגערין פון דער מלוכה־אידעע, אדער ווי אין דעם פאל בא אידן, ווען עס איז אין איר איינגעוויקלט אמונה און תורה, דאס הייסט, אז די וויכטיקייט פון דער שפראך איז קיינמאל ניט אין זיך אליין, נאָר אין דעם וואָס זי איז פארבונדן מיט אנדערע וויכטיקע קרעפטן אין נאצי־אנאלן לעבן. אין ארץ ישראל איז העברעאיש א ריזיקע קראפט, ווייל זי איז די פארם אין וועלכער דער אידישער נאציאנאלער לעבן ווערט אויסגעדריקט. דארטן איז עס אייגג פארבונדן מיט דעם באגריף פון מדינה, לאנד, פאליטיק, נאציאנאלער לעבן. אבער מיר ריידן דאך פון גלות, וואו עס וועט וואוינען דער גרעסטער טייל פון אידישן פאלק, אפילו נאכדעם ווי אונזער נא־ציאנאלע היים וועט ווערן פאלשטענדיק פארטיק.

רבותי! מיר האבן איצט אין גלות אסך העברייער, וואס העברייאיש איז בא זיי א גרויסע קדושה און וועלכער זיי זוכן צו געפינען א גאנצן און פולן לעבן. אבער זייער צוגעבונדנקייט צו העבראיש קומט מערסטנס פון דעם, וואס זיי האבן זיך אליין געהאדעוועט אין פרומע אידישע הייזער, וואו לשון קודש איז הייליק מיט א רעליגיעזער קדושה. פאר אזעלכע העברייער האט-די שפראך נאך די ווארעמקייט וואס די אמונה האט אין איר ארייגעלייגט, און דאס לערנען העבראיש קומט נאך אלץ דערפון וואס עס זיינען פאראן עלטערן וועלכע שיקן זייערע קינ-דער לערנען ניט צוליב דער שפראך, נאר צוליב אידישקייט. לשון קודש ווערט אופגעהאלטן צוליב דעם אידנטום, אבער קיינ-מאל קען קיין אידנטום ניט געשאפן ווערן אפן יסוד פון העברע-איש. העבראיש האט א צוקונפט נאר אף אזוי ווייט ווי עס וועלן זיין אידן וואס וועלן דאווענען, גיין אין שול הערן קריאת התורה, לערנען אין לשון-קודש'דיקע ספרים. אן דעם וועט קיין העב-ראיש ניט זיין. דעריבער איז ניט מעגלעך אז די אידישע מינ-דערהייט וועט האלטן פאר וויכטיק צו לעבן א נאציאנאלן לעבן צוליב דער העבראישער שפראך.

אפשר וועט די נאציאנאלע היים פון ארץ ישראל ווירקן אזוי פיל, אז די אידישע מינאריטעטן אין אלע לענדער זאלן גע-פינען אין דעם אן אורזאכע פאר זייער אנהאלטן א נאציאנאלן אידישן לעבן אין די גלות-לענדער? די אידישע היים אין ארץ ישראל וועט קיינמאל ניט קענען האבן אזא מאכט אף די אידן אין גלות, אז זיי זאלן דא אין די פרעמדע לענדער לעבן א נאציאנאלן לעבן נאר דערפאר, וואס אין ארץ ישראל האבן אידן א באזונדערע מדינה, אדער אן אווטאנאמיע. עס איז פאראן א גרויסע סברה, אז ווען די אידישע נאציאנאלע היים וועט זיין פארטיק, וועלן די אסימיליאטארן נאך גיכער זוכן צו אפלייקענען זייער שייכות מיט דעם אידישן נאציאנאליזם, כדי פון זיך אראפ-צוווארפן דעם חשד, אז זיי זיינען ניט קיין פולע בירגער דער-פאר וואס זיי האבן א פארבינדונג מיט א פרעמדער מלוכה... זיי, די אסימיליאטארן, וועלן דאן שרייען, אז א אידישער נאצי-אנאליסט קען זיין נאר א בירגער פון ארץ ישראל, די לאנד פון דער אידישער נאציאן, אבער ניט א איד פון אמעריקע אדער

אייראָפּע. און אזוי ווייטער. וואָס אָנבאַלאַנגט צו די בריטע פאָלקס-מאַסן, איז ניט קוקנדיק אף דעם וואס די אידישע היים אין ארץ ישראל וועט זיין א גרויסע הילף צום אידישן נאציאָ-נאַלן געפיל אין גלות, וועט אבער דאָס אַליין ניט זיין קיין גע-ניגנדע סיבה פארוואָס די אידישע מינאריטעטן זאָלן זיך האַלטן באזונדער און זאלן לעבן אן אייגענעם לעבן. דאס איז צו ווייניק. אויב עס וועט ניט זיין די הויפט-טרייב-קראפט — די אמונה, וועלכע איז אַלעמאָל געווען די סיבה פון דער אידישער עקזיס-טענץ צווישן די פעלקער.

עס איז דעריבער קלאר, אז ניט העברייאיש, באטש זי שפילט א גרויסע ראלע פארן נאציאנאלן לעבן, און ניט די בא-וועגונג צו בויען ציון, באטש זי האט א געוואלטיקע באדייטונג פארן לעבן פון פאלק, און אפילו ניט די אופגעבויטע ציון קענען זיין גענוג כדי צו געבן די אידן אין גלות קראפט אום אויסצו-האלטן דעם קאמף פאר דאס לעבן פון דער אידישער מינאריטעט. די קראפט קען נאר קומען ווען אלע די זאכן זיינען צוזאמענגע-בונדן מיט א גאנצן אידנטום. נאציאנאליזם אן אמונה איז א שוואכער כלי - זין אין קאמף פאר אונזער עקזיסטענץ. אומזיסט מיינען די נאציאנאליסטן אז אן שבת און כשרות וועלן זיי אופ-האלטן דאס אידישע פאָלק אין גלות. האָט דער איד פארווארפן שבת און כשרות האט ער זיך אנטוואפנט און ער איז הילפלאז. די אידישע מצוות זיינען די פעסטונג פון אידישן פאלק. ווען דער איד רוט זונטיק צוזאמען מיט דעם גוי און שבת ארבעט ער, איז די פעסטונג פון אידן געבראכן און די אסימיליאציע - כוואליע רייסט זיך אריין אין דער אידישער גאס. די זעלבע קיך פאר איד און גוי מיינט די זעלבע משפחה, געמישטע עסן איז ניט ווייט פון געמישטע הייראטן און פאלשטענדיקע אסימיליאציע. אזוי איז אויך מיט אנדערע מצוות. א נאציאנאלער איד הייסט א איד וואָס קעמפט פאר דאָס לעבן פון דער נאציאָן מיט נאציאָנאלע געווער. די נאציאָנאליסטן האָבן אוועקגעוואָרפן אונזער געווער און לאזן דעם שונא אריינדרינגן אין אונזער לאגער. און דאָ איז דער **אנדערע נאציאָנאלער אומגליק**. דער גוי איז הויך געווארן און מיר האבן אוועקגעווארפן אונזער כלי - זין. מיר זיי-נען ענלעך צו דעם יעניקן, וואָס ציטט אונטער זיין הויז אין

וועלכער ער שלאָפּט. קעמפן פארן אידנטום קען מען נאר מיט תורה און מצוות, אן דעם זיינען אלע באמיאונגען צוועקלאז. אן אמת׳ער נאציאנאליסט איז געווען דער פארפאסער פון פאָלגנדן וואונדערלעכן מדרש: „עס איז גליך צו איינעם וואָס איז ארײנ־געפאלן אין וואסער, האט דער קאפיטאן אים דערלאנגט א שטריק און האָט צו אים געזאגט: „נעם אן פעסט דיזן שטריק אין דיין האנט און לאז אים ניט אָפּ, וויל אויב דו וועסט אים אָפּלאָזן, ביסטו דערטרונקן״. אזוי האָט גאט געזאָגט צו די אידן: „כל זמן איר זייט אָנגעבונדן צו די מצוות, זייט איר זיכער מיטן לעבן״.

# אנטיסעמיטיזם אין אייביקע זאך.

דער אנטיסעמיטיזם איז געבויט אף זיבן זיילן. פיר פון די זיבן זיינען אלגעמיינע פסיכאלאגישע סיבות און דריי זיינען סיבות וואָס זיינען ספעציעל נוגע די אידן. איך וועל זיי אויסרעכענען אין פאָלגנדן סדר:

1. גרופן־האס. עס ליגט טיף איינגעווארצלט אין כאראקטער פון מענטשן דער געפיל פון פריינדשאפט צו דער אייגענער גרופע צו וועלכער דער מענטש באלאנגט און אומ־פריינדשאפט אדער געגנערשאפט צו דער גרופע צו וועלכער מען באלאנגט ניט. דער געפיל שטאמט פון דעם עגאאיזם פון מענטשן. די גרופע צו וועלכער איר געהערט איז פארבונדן מיט אייך, עס איז אלזא א טייל פון אייער „איך״, פון אייער „עגא״. ליב האבנדיק אייער גרופע, ליבט איר דורכדעם זיך אליין, גרויסנדיק זיך מיט איר, גרויסט איר זיך אליין, איר זייט א שותף אין אירע שבחים, וויל איר זייט אליין אין איר פאראן. איר זייט שטענדיק פאראינטערעסירט אז אייער גרופע זאל זיין שטארק און געווינען. דער מענטש פילט א פריינדשאפט צו זיין פאָלק, קוקט ער מיט אומפריינדשאפט אף דעם פרעמדן פאלק. א פארטיי־מאן גרויסט זיך מיט זיין פארטיי און איז א קעגנער פון אן אנדער פארטיי. אדער לאמיר נעמען א נעענטערן און מער וויטאקדיקן משל: צווישן ליטווישע און פוילישע אידן איז פאראן א געוויסער סארט אנטאגאניזם. דער ליטווישער איד האלט פון ליטוויאקעס און

דער פּוילישער פון זיין גרופּע. אפט ווארפט מען זיך דורך צווישן זיך מיט באליידיקונגס - ווערטער. מיר זעען עס אויך אין אמע- ריקע און ארץ ישראל, וואו עס הערשט א געוויסע פּרעמדקייט צווישן פּוילישע, ליטווישע און גאליציאנער אידן. דאס איז די גרופּן - אָפּנייגונג וואס איז פאראן אין מענטשלעכן כאראקטער. די אידן אין אלגעמיין זיינען א גרופּע צווישן אנדערע גרופּן און ווערן אומפריינדלעך באטראכט פון די איבריקע גרופּן.

2. דאס אנדערש - זיין. דער מענטשלעכער עגא- איזם טרייבט אים ער זאל פאדערן, אז דער צווייטער זאל האבן די זעלבע מיינונגען, די זעלבע אידייען, די זעלבע נייגונגען אזוי ווי ער. עס טוט א מענטשן הנאה ווען דער אנדערער האט דעם זעלבן כאראקטער, דעם זעלבן געשמאק, די זעלבע אנשויאונגען. פונקט אזוי רופט בא אים ארויס אומצופרידנהייט ווען דער צווייי- טער איז אנדערש, האט אן אנדער געשמאק, אנדערע אנשויאונגען, דער מענטש נעמט עס אן פאר אן אויסרוף פון צוויייטן, אלס דערקלערונג אז זיין געשמאק איז ניט קיין ריכטיקער, זיינע אידייען זיינען קרומע. ווען עמיצער זעט מענטשן וואס האבן אנדערע אידייען, אנדערע מיינונגען, אנדערע כאראקטער - שטריכן און אנדערע געזיכטס - ציגע, פּירט עס צו אן אומפריינדלעכער שטעלונג צו זיי. דאס איז געוויס נידריק, אונמאראליש, אפער אזוי איז עס. אין דער מענטשלעכער נשמה איז פאראן א סך נידריקעס, עגאאיסטישעס, און די געגנערשאפט צו דעם וואס איז אנדערש, איז א טייל פון מענטשענס עגאאיזם.

די אידן זיינען געווען און מוזן זיין אנדערש דורך זייער גלויבן, דורך די מידות, דורך כאראקטער - שטריכן. נאך המן האט דאס אנדערש - זיין באצייכנט אלס א סיבה פארוואס מען זאל זיי פיינט האבן: „ודתיהם שונות". אין די שריפטן פון דעם ביטערן גריכ ש - עגיפּטישן אנטיסעמיט זעט מען דעם פאַרדרוס וואס די אידן האבן א באזונדערע תורה און א באזונדערע רעלי- גיע, אויך אין רוים, טראצדעם וואס דארטן איז פארן חורבן ניט געווען קיין רעליגיעזע שנאה ווי מיר פארשטייען עס היינט, איז דער פארדרוס צוליב דעם, וואס די אידן זיינען אנדערש ווי אלע, געווען גענוג בולט.

3. קאנקורענץ. מענטשן האבן ניט ליב זייערע קאנקורענטן. קאנקורענץ דערוועקט אומצופרידנהייט אבער ווען דער קאנקורענט איז נאך דערצו דערפאלגרייך, ווערט די אומצופרירנהייט פארוואנדלט אין קנאה און שנאה. ווען מען האט עמיצן פיינט צוליב קאנקורענץ, ווייזט מען עס ניט ארויס אפן, נאר מען זוכט חסרונות און חטאים אף אים אלס אן אויסרייד פון פיינדשאפט. ווען דער קאנקורענט באלאנגט אבער צו א געוויסער גרופע אדער נאציאן, ווערט די שנאה אריבערגעטראגן אפן כלל, און מען באנוצט יעדע מעגלעכקייט כדי ארופצופאלן אף אלץ וואס דער קאנקורענט האט א שייכות דערצו, אף זיין גלויבן, זיין ראסע א. א. וו. אונטערן ווארט קאנקורענץ דארף פארשטאנען ווערן ניט בלויז עקאנאמישע קאנקורענץ, נאר אויך גייסטיקע. די קנאה און שנאה וואס עס רופט ארויס א אידישע אונטערנעמונג, געשעפט, ווערט אויך ארויסגערופן דורך אידישע געניאלימעט, שארפקייט, טאלאנט, פייאיקייט און הצלחה אין האנדל. דעם אידן אלס שטאטישן עלעמענט קומט אויס צו קאנקורירן אפן גייסטיקן געביט מיט די שכנים און דאס רופט ארויס א שנאה און קנאה. אויב מרדכי היהודי איז געווען א קאנקורענט צו המנ׳ען, האט המן געמוזט באהויפטן א ליגן, אז אלע אידן זיינען ניט טריי אחשורושן, און דער קאמף איז אריבערגעטראגן געווארן פון א קאמף געגן מרדכי צו א קאמף געגן מרדכי׳ס פאלק. דער הויפטגרונט איז אבער געווען קאנקורענץ. דאס זעלבע איז אויך געווען אין עגיפטן, וואו אידן האבן געמוזט קאנקורירן מיט דעם גריכישן עלעמענט אף אלע גייסטיקע און עקאנאמישע געביטן. דעם זעלבן בילד זעען מיר איבעראל אויך איצט, באזונדער אין מזרח אייראפע און אמעריקע.

4. כעס־אבפירער. עס איז פאראן א נידריקע תאוה אין מענטשן צו זוכן א קרבן אף וועמען אויסצולאזן דעם כעס, באטש מען איז אליין שולדיק. געוויינלעך זוכט מען ארופצוווארפן דעם כעס אף דעם שוואכן. אפט גיסט א שלעכטער מענטש אויס זיין כעס אף זיין ווייב, פונקט ווי זי וואלט זיין שולדיק אין זיין שלעכטע שטימונג. וויל מען אף אימיצן אויסלאזן דעם כעס, גרייפט מען אים אן, מען טראכט אויב בלבולים, און וועלכע דער באשולדיקער אליין גלויבט ניט. מען לאזט אויס די רציחה אף אן

אומשולדיקן: סטייטש, דו אזוינער און אזוינער!... פארוואס האסטו אזוי און אזוי!... דאס איז נאר א מיטל אויסצולאזן אף וועמען די שלעכטע שטימונג. די אידן אלס שוואכע גרופע ווערן אפט אויס־געקליבן אלס כעס־אפפירער. תירוצים פעלן ניט: עלילת דם, פא־סמען ברונימער, באלשעוויקעס און אזוי ווייטער. געכאפט א מפלה אין דער מלחמה, געפאלן די וואליוטע, יקרות — אין אלץ שולדיק דער איד! געוויס גלויבט קיינער ניט אין דעם, אבער עס ווערט גרינגער אפן הארצן, ווען מען לאזט אויס דעם כעס אף יענעם.

אט די אויבדערמאנטע פיר סבות האבן צו טאן מיט דער שנאה צו אידן אלס א מינדערהייט. אַט די פיר פונקטן פון אנטיסעמיטיזם האבן עקזיסטירט נאך איידער די אידישע מדינה איז הרוב געווארן, איידער דאס קריסטנטום איז געבארן געווארן. אבער שפעטער זיינען צוגעקומען נאך דריי סיבות וואס זיינען ארויסגערופן געווארן אין צוזאמענהאנג מיט די צוויי דערשיי־נונגען:

1, א ן ע ר ש י י נ ו נ ג ו ו א ס ה א ט ק י י ן ג ל י י כ ן נ י ט. עס ליגט אין דער נאטור פון מענטשן צו קוקן מיט פארוואונדערונג און אומפריינדליכקייט אף א דערשיינונג, וואס איז אין איין איינציקע, וואס האט קיין ביישפיל ניט. אַט דיזע אויס־נאמע מאכט חרוב אונזער וועלט־אנשויאונג און צושטערט אונזער באגריף פון נאטירלעכקייט. א יוצא מן הכלל זעט אויס ניט־נאטירליך און פאר אלץ וואס איז ניט־נאטירליך שרעקט מען זיך. די אידישע נאציאן איז זייט דעם חורבן פון דער אידי־שער מדינה א דערשיינונג וואס איז איינציק אין דער וועלט. עס זיינען דא אזוי פיל נאציאָנען, קליינע און גרויסע, אבער יעדע זיצט אף איר ערד. ווען מען רעדט וועגן א נאציאן דערמאנט מען זיך גלייך וועגן א טעריטאריע און מלוכה, אף וועלכער עס באזירט זיך די נאציאן. א נאציאָן וואס האט ניט דיזע צוויי זאכן איז ניטא אונטער דער זון, אויסער דער אידישער. ווען אימיצער דערמאנט זיך וועגן אידן, וואקסט ניט אויס פאר זיינע אויגן ערד, לאנד, גרענעצן, הויפטשטעט, מלוכה, נאר עס וואקסט אויס אן אנ־ער סאָרט באגריף: א גרופע מענטשן, וואס וואוינען אין אלע לענדער, אונטער אלע קלימאטן, אונטער אלע רעגירונגען, אין

אלע הויפּט - שטעט, וואָס ריידן אלע שפּראַכן... און דאָך זיינען זיי איין נאַציאָן וואָס איז פאַרבונדן פון איין עק וועלט ביז דער אַנדערער מיט איין באַנד. עס איז אמת אַז מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנען וואוינען אויך אין פאַרשיידענע לענדער, אָבער דאָס זיינען נאָר יחידים, דאָס פאָלק אלס גאַנצע האָט איר באַשטימטן געאָגראַפישן זיץ און די יענע וואָס גייען אַוועק אין פרעמדע מקומות גייען טאַקע אונטער און פאַרמישן זיך אין די פרעמדע סביבות וואו זיי ווערן מגולגל. די אידן אַליין זיינען אַן אויסנאַם:

אָט איז א פאָלק, וואָס האָט בטל געמאַכט דעם כלל, אַז א נאַציאָן דאַרף האָבן א געאָגראַפישן זיץ און א מלוכה! אָט איז א זאַך וואָס האָט ניט קיין גלייכן, א פאָלק וואָס קען ניט אריינגעשטעלט ווערן אין דער קאַטעגאָריע פון פעלקער און איז דאָך א פאָלק מיט לייב און לעבן! א יוצא מן הכלל! אַן אומנאַטירלעכע ערשיינונג, א וואונדער! און פון דערפון קומען עס ארויס א זעלכע פאַרשטעלונגען און לעגענדעס ווי די פון „וואַנדערנדן אייביקן אידן" און ענלעכע זאַכן וואָס די גוישע פאַנטאַזיע האָט געשאַפן אלץ אף דעם גרונט, וואָס די עקזיסטענץ פון דער אידישער נאַציאָן איז אַזוי אונגלייך צו אַנדערע נאַציאָנען און איז דעריבער אומפאַרשטענדלעך.

2. די רעליגיעזע תביעות. די צווייי רעליגיאָנען וואָס זיינען ארויסגעקומען פון אידנטום האָבן ספּעציעלע טענות צו אידן, אויסער וואָס זיי האָבן א געוואַלטיקן חשק אלעמען צו באַקערן צו זייערע גלויבנס. זיי האַלטן זיך, אַז זיי זיינען די ווייטערדיקע ענטוויקלונג פון אידנטום און דאָס וואָס די אידן האָבן דיזע אמונות פאַרוואָרפן ווערט ביי די קריסטן און מוסולמענער אָנגענומען אלס אן אָפענע דערקלערונג פון אידישן פאָלק, אַז דער יסוד אף וועלכן די ביידע אמונות באַרופן זיך איז א פאַלשער, אַז זיי זיינען א פאַלשע אויסטייטשונג פון אידנטום און אַז זייערע טענות האָבן ניט קיין גרונט. אין דער האַלטונג פון מחמד'ן צו אידן זעט מען קלאָר אָט דעם פּונקט. נעמענדיק פון אידנטום דעם פּרינציפּ פון אחדות הבורא און הייסנדיק זיינע נאָכפאָלגער מתפלל צו זיין מיטן פנים צו ירושלים, האָט מחמד געהאָפט, אַז די אידן וועלן אננעמען זיין גלויבן אלס א פאָרזעצונג און אויסטייטשונג פון אידנטום. ווען ער האָט געזען אַז די אידן

זיינען אים און זיין לערע מבטל, איז ער געוואָרן א שונא ישראל. דער צוזאַמענשטויס מיטן קריסטנטום איז געווען נאָך א פיל שאַרפערער. דער גרינדער פון קריסטנטום האָט אַליין געשטאַמט פון אידן ער און זיינע תלמידים האָבן געזאָגט, אַז זיי זיינען נאָכ־פאָלגער פון אידנטום. די אידן האָבן זיי אין זייער לערע אַרויס־געשטויסן פון אַלע גרעניצן פון אידנטום, אָפּשניידנדיק יעטווידער שייכות פאַרבינדונג און באַציאונג צווישן אידנטום און די נייע סעקטע. דער טויט פון גרינדער פון קריסטנטום, וועלכער איז פאַרוויקלט געוואָרן אין א וואָלקן פון מיסטיק און לעגענדעס, האָט פאַרשאַרפט די שנאה פון זיינע אנהייענגער צו די אידן וואָס האָבן אנגענומען א געגנערישע שטעלונג צום נייען גלויבן. שפּעטער, ווען די קריסטלעכע אמונה איז געוואָרן די הערשערין אין רוים, האָט זי זיך מיט רציחה געוואָרפן אויף די אידן, וועלכע האָבן ווי זייערע אור־עלטערן ניט געוואָלט זי אנערקענען. אזוי ווי די קרייי־ציגונג איז געוואָרן דער עיקר פון דער קריסטלעכער אמונה און די אידן זיינען געווען פאַרמישט אין דעם, איז געווען א ברייטע פעלד פאַר די פאַרשפּרייטונג פון האָס צווישן די באַרבאַרן פון איראָפּע, וואָס האָבן אנגענומען דעם נייען גלויבן.

די דאָזיקע שנאה האָט נאָך היינט איר קראַפט. ערשטנס, איז נאָך היינט אויך פאַראַן רעליגיעזער האָס. עס זיינען נאָך ניט לאַנג צוריק געפירט געוואָרן בלוטיקע מלחמות צווישן די קריסט־לעכע סעקטעס גופא. צווייטנס, איז שנאה א זאַך וואָס ווערט א געוואוינהייט, זינקט אריין אין די בלוט און אין די מאַרך פון די ביינער און גייט איבער בירושה פון דור צו דור. די דורות ווערן געבאָרן מיט שנאה און אויב דער רעליגיעזער האָס איז בא זיי שוין מער ניט שטאַרק, ווייל די אמונה איז שוואַכער געוואָרן, וועלן זיי אויסזוכן אן אנדער תירוץ פאַר דער שנאה, זיי וועלן דעם אלטן געפיל געבן א נייע פאָרם, אָט פּונקט אזוי ווי אלטע מנהגים בלייבן פאַרהייליקט טראָצדעם וואָס די סיבות וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן זיינען שוין לאַנג פאַרשוואונדן.

3. דער חוב וואָס די וועלט איז אונז שולדיק. איינע פון די הויפּט־סיבות, און אפשר די גרעס־טע פון אלע, איז דאָס, וואָס די וועלט האָט בא אונז פיל גענו־מען. מיר זיינען די קרעדיטאָרן פון דער ציוויליזירטער וועלט.

וואו מען גיט זיך א קער זעט מען אונזער פארמעגן, אונזערע אוצרות, וועלכע די פעלקער האבן גענומען בא אונז. דער בארימ־טער איינגלישער שריפטשטעלער מעטיו ארנאלד זאגט, אז יעדער ציוויליזירטער מענטש האט אין זיין גייסטיקן פארמעגן דריי פירטל פון דאס אידישע פאָלק און איין פירטל פון דעם גריכישן (ניט פון די היינטיקע גריכן). ווייל, זאגט ארנאלד, פון אידן האט די וועלט גענומען די כללים ווי אזוי צו פירן זיך אין לעבן, און דאס באדייט ניט ווייניקער ווי דריי פירטל פון לעבן. ארנאלד רעט פון דעם חאס פון אידן האבן די קריסטן זייער גלויבן גענומען, אבער אין אמת׳ האבן די אידן באאיינפלוסט די היינ־טיקע ציוויליזירטע וועלט אויך דורך אנדערע וועגן, אויסער דער רעליגיאן.

אזוי איז, למשל, אָנגענומען בא דער וועלט, אז אידן האבן געגעבן אייראָפע א רעליגיאן און די רוימער האבן געגעבן איי־ראָפע אלץ וואס האט צו טאָן מיט געזעצגעבונג. אייראָפע איז געבויט אף דעם „לעקס ראמאנא״, דעם רוימישן געזעץ. דאָס וואלט געהייסן, אז אידן האבן מיט דעם צווייג פון דער ציוויל־זאציע גאר ניט צו טאָן, איז אָבער געקומען דער בארימטער אמעריקאנישער פרעזידענט וואודרא ווילסאן, וועלכער איז געווען א היסטאריקער און א יוריסט, און ער באהויפטעט, אז דער אי־דישער איינפלוס האט זיך פארצויגן אויך אף דעם געזעץ פון אייראפע. ווילסאן שרייבט: „די געזעצן פון משה, אזוי גוט ווי די געזעצן פון רוים, האבן געגעבן איד יען און באגייסטערונג די מענטשן, וואָס האבן איינגעאָרדנעט די מאָדערנע וועלט. און ווען מיר וואָלטן געהאט אָפן די אויגן צו זען די אידעלע עלעמענטן, וועלכע שטעלן צוזאמען דעם עיקר פון אונזערע היינטיקע מנהגים, סיי אין פריוואטן לעבן און סיי אין מלוכה ־ לעבן, וואָלטן מיר לייכט געקענט בארעכענען ווי גרויס עס איז אונזער חוב צום אידן פאר אנדערע זאכ , אויסער רעליגיאן״.

רבותי! מען איז אונז שולדיק א גרויסן חוב. מיר האבן דער וועלט צופיל טובות געטאָן! אבער צו דעם, פון וועמען מען קריגט א סך טובות, קען מען זיך האלטן אף צוויי אופנים: אדער מען צאָלט אים מיט פיל פריינדשאפט אוים דאנקבארקייט, אדער מען האסט אים טאקע דערפאר. וואס מען איז אים שולדיק א

דאנק, די מענטשן בכלל זיינען מער גענייגט צו דעם צווייטן אופן ווי צו דעם ערשטן.

כדי פיינט צו האבן פאר א טובה, דארף מען ניט זיין דווקא קיין שלעכטער מענטש. דאס איז א נאטירלעכע דערשיינונג ביים געוויינלעכן מענטשן אויך. עס איז ניט אנגענעם צו דארפן אימיצן דאנקבאר זיין, עס איז ניט אנגענעם צו זיין פארפליכטעט צו אימיצן. ווען איר דארפט אימיצן דאנקבאר זיין, שטעלט עס יענעם איבער אייך, עס מאכט אייך קלענער פון אים. ווייל איר זייט דער מקבל טובה׳ די מייסטע מענטשן האבן ניט אזא מא־ראלישן כח, און ווען זיי זיינען אימיצן פיל שולדיק, ווען זיי האבן אים א סך צו פארדאנקען, קריגן זיי אים פיינט.

גוים קענען צו אידן גלייכגילטיק ניט זיין, זיי זיינען צופיל מיט אידן פארבונדן. די ביבל איז א אידישע, די הייליקע פלעצער ביים קריסט זיינען אין ארץ ישראל, ווען ער קומט אין קירך הערט ער דעם געזאנג פון אידישן תהלים. פיר הונדערט מיליא־נען קריסטן זיינען פאראן און זייער אמונה עקזיסטירט שוין באלד טויזנט ניינהונדערט יאר. אבער זיי קענען קיין נייעם תהלים ניט מאכן און מוזן באנוצן די תפלות פון דוד בן ישי. אפילו ווען דער קריסט איז א פרייד־יינקער קען ער משה׳ן, ישעיה׳ן, און עמוס׳ן ניט מבטל מאכן. דער קריסט מוז דעריבער אדער ליבן אידן פאר דאס גרויסעס וואס זיי האבן געשאפן און געטאן, אדער ניט פארגינען זיי דעם כבוד און פיינט האבן. געבן פולע אנער־קענונג א שוואכן פאלק, וואס איז אומעטום א מינאריטעט, ווילט זיך ניט, קלייבט מען אויס דעם אנדער וועג. האט טאקע געזאגט דער גרויס־ר אייננלישער מלוכה מאן ללאיד דזשארזש: „ס׳זעט אויס זייער ניט לאגיש צו זינגען זונטיק אין קלויסטער אידישע געזאנגען און גיין מאנטיק מאכן א פאגראם אויף אידן״. עס איז א סברה, אז דער פאגראם פון מאנטיק קומט דווקא צוליב די אידישע געזאנגען אום זונטיק. וואס גרעסער דער חוב, אלץ גרע־סער די שנאה!

י ע ק ב א י ז י ע ק ב א ו ן ע ש ו א י ז ע ש ו. רבותי! וויסנדיק דעם יסוד פון אנטיסעמיטיזם, איז דאך קלאר, אז די טענות פון די אנטיסעמיטן פון אלע דורות זיינען נאר א תירוץ

צו פארדעקן די אמתע סיבה פון דער שנאה צו אידן. ווייל אויב זיי זאָלן זאָגן דעם אמת וועט זיך דאן ארויסווייזן, אז די שולד ליגט אין די גוים, אין זייער אומטאלעראנץ, אין זייער אומדאנק-בארקייט א. א. וו. די אנטיסעמיטן ווילן אבער ארופווארפן די שולד פון זייער האס צו אידן אף די אידן און זיי זיינען גע-צוואונגען צו גיין פון איין שקר צום צווייטן.

זאמבארט זאגט: אידן האבן געשאפן דעם קאפיטאליזם, בעללאק זאָגט: אידן האָבן געשאפן דעם באָלשעוויזם. דארף מען נאך גרעסערע סתירות ווי די? איין אנטיסעמיט שרייבט: אידן זיינען רעליגיעזע פאנאטיקער, א צווייטער זאָגט: אידן זיינען גע-פערלעכע אטעאיסטן. איינער זאגט: אידן זיינען בעלי-גאוה וואס פאראכטן זייערע שכנים, אן אנדערער זאגט: אידן זיינען שקלאפן פון דער נאטור און זיינען צופרידן מיט אלע חרפות און בושות, אבי מען לאזט אונז מאכן א דאלאר. איינער זאגט: אידן זיינען פחדנים און אנטלויפן אין שרעק ווען אפילו א הונט בילט, דער אנדערער זאגט: אידן קוילענען קינדער כדי צו עסן זייער בלוט. איינער האָט פיינט די אידישע „געטאס" צוליב זייער דלות, א צווייטער האָט פיינט די אידן צוליב זייער רייכקייט. איינער האט פיינט די אידן וואס זיי ריידן ניט גוט די לאנד שפראך, א צחייטער — ווייל זיי קענען צופיל די שפראך און צייכענען זיך אוים אין די שולעס. איינער זאגט, אז אידן זיינען חנפים און קריכער, א צווייטער, אז זיי זיינען חצופים און שטאָלצע. איינער זאגט אז אידן האָבן קיינמאל קיין זאך ניט אויסגעקלערט, זיי זיינען נאָר נאָכמאכער, א צווייטער זאגט, אז אידן האָבן אויסגע-קלערט אלע שיטות פון איבערקערעניש און פארניכטונג. איין געלערטער אנטיסעמיט זאגט, אז די אידן זיינען ניט קיין ראסע, נאָר א צונויפמישונג פון אלע פעלקער, א אינטערנאציאָנאלער ליים געקנאָטן פון די אָפפאל פון אלע פעלקער, א צווייטער זאגט, אז די אידן זיינען אן אָפגעזונדערטע ראסע פון אור-אלטע צייטן וואס האָט דעם צוועק נאר צו פארדארבן אלץ וואס אנדערע ראסן טוען אוף. איינער שרייט: די אידן לעבן צוזאמען ווי א סטאדע, דער אנדערער באהויפטעט, אז אידן קריכן אריין אומעטום אין פרעמדע פעלקער.

אָבער די אלע קוואליפיצירונגען האבן אין אמת'ן גאָר קיין שייכות ניט מיט אנטיסעמיטיזם. די שנאה צו אידן איז ניט אָפ-

הײנגיק פון דעם, ווי אזוי די אידן פירן זיך, עס איז ניט אָפּהײנגיק פון אונזערע מעשים, ניט פון אונזער כאראקטער, און אזוי ווײטער. דער אנטיסעמיטיזם האט צו טאן מיט דער גוישער נאטור, מיט דער גוישער כאראקטעריסטיק, און אלע סיבות פון דער שנאה צו אונז קומען פון זײ און ניט פון אונז. מיר זײנען אין דעם ניט שולדיק. און עס איז ניטא קײן מער לעכערלעכע זאך ווי די אומזיסטע ארבעט וואס די אסימילירטע אידן לײגן אוועק, כדי צו געפעלן ווערן די גוים, כדי קלענער צו מאכן, ווי זײ מײנען, די סיבות פארוואס די גוים האבן אונז פײנט. א טײל אסימילירטע אידן האבן געפונען די ישועה אין דעם, וואס אידן זאלן אָנפאנגן צו רײדן דײטש, א רײנעם גראמאטיקאלישן דײטש, אנשטאָט אידיש. אנדערע האָבן געפונען די ישועה אין דעם, וואס מען זאל מאכן די שולן ענלעך צו די קירכן, מען זאל דאווענען אין דער לאנדשפראך. מאנכע האָבן געגלויבט, אַז די אידן דאַרפן אופהערן מאַכן מיט די הענט, ווי זײ זײנען געוואוינט צו זשעסטיקוליאַציע. אין בערלין און אין ניו־יאָרק האָבן מאנכע געגלויבט אַז אידן דאַרפן זיך שפרײטן איבערן לאנד ניט לויט די נאַטירלעכע אומשטענדן, נאָר מיט א כונה זיך צו ברעקלען, ניט צו בילדן קײנע קאמפאקטנע מאסן, עס זאָלן ניט אויסוואקסן קײן אידישע קווארטאלן. דער גאַנצער גײעג פון די האלב־אסימילירטע אידן איז געווען איבערמאַכן דעם אידן אזוי, אַז מען זאל אים אופהערן פײנט צו האָבן. אין זײער קורצזיכטיקײט האָבן זײ ניט פארשטאנען, אַז כדי צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם דאַרף מען גאָר דעם גוי איבערמאכן. און דאס איז געווים ניט אין אונזערע קרעפטן. ערשט נאָכדעם ווי מען האָט אַרויסגעוויזן די זעלבע שנאה צו די אידן וואָס האָבן גערעט גוט דײטש, וואָס האָבן אין יעדן לאנד גערעט אף דער באַטרעפנדער שפראך, גערדאַוונט אַף גויש, אָדער גאָר ניט גערדאַוונט, האָבן די קורצזיכטיקע אסימיליאטאַרן פארשטאַנען, אַז די אידן קענען גאָרניט העלפן אין דעם ענין פון אַנטיסעמיטיזם. אָט דער געדאנק איז נאָך אַפילו איצט ניט קלאָר באַ אַלע אידן. די זאַך איז אָבער קלאָר, אַז די גוים זײנען אין כעס ניט ווײל דער איד איז אַזוי אָדער אַזוי, נאָר ווײל ער איז, און אזוי לאנג ווי די אידן האַלטן אן זײער עקסיסטענץ וועלן די גוים ניט צופרידן זײן און דער אנטיסעמיטיזם וועט ניט אופהערן.

איצט זיינען מיר געקומען צו א שאלה: איז דער אנטיסעמיטיזם א פאראיבערגייענדע דערשיינונג אדער אן אייביקע קראנקהייט? אזוי ווי איך האב שוין אויבן געזאגט, איז דער אנטיסעמיטיזם ניט קיין רעזולטאט פון אויסערלעכע זאכן, נאר ער שטאמט פון דער נאטור פון מענטשן, דעריבער קען ער פארשווינדן נאר דאן ווען די מענטשלעכע נאטור וועט געביטן ווערן פון ווארצל ארויס, אבער אזוי ווי קיינער קען ניט דערווארטן אז אזא זאך זאל פאסירן, קען מען ניט דערווארטן אז דער אנטיסעמיטיזם זאל זיך ווען עס איז ענדיקן אזוי לאנג ווי אידן וועלן לעבן אלס מינאריטעט אין אלע לענדער. נעמענדיק אין אכט אז אידן וועלן שטענדיק לעבן צווישן די פעלקער אפילו אויב די אידישע נאציאנאלע היים זאל געבויט ווערן און זאל קענען אריינעמען עטלעכע מיליאן אידן — אין קיין פאל וועט דאס אידישע לאנד ניט קענען אריינעמען מער ווי איין פינפטל פון אונזער פאלק — מוז מען קומען צום באשלוס, אז פון אנטיסעמיטיזם וועט מען קיינמאל ניט פטור ווערן. דער אנטיסעמיטיזם האט זיינע פארשיידענע צייטן. א צייט ווען ער שטארקט זיך און א צייט ווען ער ווערט שוואכער. ווען עס שטארקט זיך דער נאציאנאליזם, ווערט שטארקער דער אנטיסעמיטיזם, ווען עס שטארקט זיך דער קאסמאפאליטיזם, ווערט שוואכער דער אנטיסעמיטיזם. מיר האבן עס בולט געזען אין די לעצטע עטלעכע יאר־הונדערט. איצט נאך דער וועלט־מלחמה איז שטארקער דער אנטיסעמיטיזם. למשל, אין אמעריקע איז ביז ניט לאנג ניט געווען קיין אנטיסעמיטיזם, ווייל זי איז ניט געווען נאציאנאל אין דעם זין פון ראסע. דארטן האט געהערשט די איבערצייגונג, אז אלע ראסן וואס קומען אהין זיינען גלייכע שותפים אין דער שאפונג פון דער אמעריקאנער נאציאן. קיין נאציאנאליזם איז נאך דארטן ניט געווען. איצט איז עס אנדערש. די אמעריקאנער האבן אנגעפאנגען צו פילן, אז זיי זיינען שוין אן אויסגעגאסענע ראסע, א ראסע אין וועלכע די אנגלא־סאקסישע בלוט איז שטארקער ווי אנדערע און עס האט זיך אנגעהויבן א שנאה צו די ניט אנגלא־סאקסישע ראסן און במילא איז די שנאה גרעסער צו די אידן ווי צו אנדערע, צוליב די פריער אויסגערעכנטע סיבות און אין א געוויסן טייל צוליב דעם וואס די אידן ווילן ניט ווערן אופגעגעסן אדער אסימילירט פון די אמעריקאנער. די קאסמאפאליטישע עפאכע אין אמעריקע

האָט זיך געענדיקט און עס האָט זיך אנגעפאנגען דער נאציאָנא־ליסטישער דראנג, אן עפּאָכע וואס איז פאר אידן ניט גינסטיק.

דער אנטיסעמיטיזם איז אלזא א שטענדיקער תושב, אָבער די פארמען אונטער וועלכער ער ציינט זיך ארויס זיינען ניט שטענדיק. וואס נידריקער א פאָלק שטייט אפן שטאפל פון ציוויליזאציע, אלץ גרעבער זיינען די פאָרמען אונטער וועלכער זיין אנטיסעמיטיזם ציינט זיך ארויס. אין מזרח־אייראָפּע, וואו די פעלקער זיינען נאָך ניט ציוויליזירט, צייגט זיך ארויס דער אנטיסעמיטיזם אין אָנפאלן אף אידן. אין מערב־אייראפע, וואו מען איז מער ציוויליזירט, צייגט ער זיך ארויס אין געגנערשאפט אין דער געזעלשאפט, אָנגריפן אין דער פרעסע א. א. וו. אין ענגלאנד זיינען דא פארביסענע אנטיסעמיטן, אָבער זיי וועלן קיין פּאגראָמען ניט פארשלאגן. אפילו בעללאק אנערקענט, אז גזירות האָבן ניט דערגרייכט זייער ציל. היות ווי די וועלט גייט פאר־ווערטס און די פעלקער ווערן מער ציוויליזירט, וועט דער אנטי־סעמיטיזם ווערן קולטורעלער. אפילו אין מזרח־אייראפע וועלן קומען צייטן, וואו דער איצטיקער אנטיסעמיטיזם וועט ווייכער ווערן. מען קען וויסן דעם קולטור־צושטאנד פון א פאָלק לויט די פאָרם פון זיין אנטיסעמיטיזם. אזוי ווי די פעלקער גייען מער צו קולטור, וועט די שנאה צו אידן ווערן „איידעלער". דער אנטיסעמיטיזם וועט בלייבן אין דער פאָרם פון געזעלשאפטלעכער געגנערשאפט. די גוים וועלן ווייזן די אידן, אז ער איז ניט ווינשנסווערט. ער וועט ניט זיין קיין אָנגעלייגטער חבר צווישן סטודענטן, וועט ניט זיין באליבט אלס שכן אין א גוישע הויז, וועט טרעפן קאלטע בליקן אין וואגאָן אָדער טראמוואי, אין די האָטעלן, אין די טעאטערן, מען וועט אים מאכן פילן, אז מען באַטראכט אים פאר א פרעמדן, פאר אן אַנדערן, און פון צייט צו צייט וועלן זיין אָנגריפן אין דער פרעסע אין דער ליטערא־טור. קורץ די אַלע פאָרמען פון אנטיסעמיטיזם אויסער די גראבע פארמע פון אכזריות און אויסנאמס־געזעצן, וועלן עקזיסטירן אייביק.

און עס וועט שטענדיק דעם אידן ווי טאן, און עס וועט שטענדיק האלטן אין אים וואַך דעם געפיל און די איבערצייגונג, אז יעקב איז און עשו איז עשו, אז צווישן זיי איז דא א

תהום איבער וועלכן קיינער קען קיין בריק נים אויפבויען. דער אנטיסעמיטיזם וועט בלייבן אייביק און אידן וועלן אייביק פילן, אז זיי זיינען א באזונדער פאָלק.

דער שליסל פון אונזער צוקונפט איז אין אונזערע הענט. דאס לעבן פון דער אידישער נאציאן איז אפהייננגיק פון צוויי זאכן: פון דער אינערלעכער קראפט פון אידנטום און פון דער אויסערלעכער באהאנדלונג וואס מיר קריגן פון די גוים. די אויסערלעכע קראפט וואס העלפט אונז זיין אידן וועט קיינמאל נים פארשווינדן. עס וואלט אבער אויסקומען פאלש אויב עמיצער זאל באהויפטן, אז אידן קענען זיך האלטן אייביק אלס א פאלק נאר דורכדעם וואס די גוים האבן אונז נים ליב. כדי א פאלק זאל לעבן לאנגע דורות איז נים גענוג דאס וואס די שכנים האבן אים פיינט, עס מוז זיין אן אינערלעכע קראפט, וואס זאל האלטן פריש און שטארק די לעבנס־כחות פון דעם נאציאנאלן ארגאניזם.

---

# לערנען.

רבותי! דער קודש הקדשים פון דער אידישער נאציאן, דער ווארצל פון אידנס נשמה איז — ל ע ר נ ע ן.

מערקווירדיק! דאָס אידנטום הייסט נים בא אונז אפיציעל אן אמונה וועלכע איז דאס העברייאישע ווארט פאר רעליגיאן, עס הייסט בא אונז ת ו ר ה — דאס לערנען. אפן בארג סיני האט מען נים געגעבן משה׳ן קיין אמונה, נאר א תורה, מען רופט נים דאס אידנטום „אמונת משה״, נאר „תורת משה״ און דער גרעסטער מאמענט אין לעבן פון דער אידישער נאציאן ווערט נים אנגערופן „דאס געבן פון אן אמונה״ נאר עס ווערט אנגערופן „מתן תורה״, דאָס געבן פון א תורה, פון לערנען. נאכמער: דער תלמוד דערציילט אונז אז גאט אליין זיצט און לערנט! און אז דאס לערנען איז באשאפן געוואָרן נאך איידער די וועלט איז באשאפן געווארן. און עס איז פאראן א געוואלטיקער ווארט אין תלמוד וועלכער מאכט קלאר אז בא אידן איז געווען פארעכנט דאָס לערנען פאר דער גרעסטער מדרגה צו וועלכע אידן קענען דערגרייכן. לויט דעם תלמוד, זאגט גאט: „מיר וואלט נים געארט

אז די אידן זאלן מיר פארלאזן אבי מיין תורה זאלן זיי האלטן".
אין דיזן ווארט איז תורה אופגעהייבן געווארן צו א העכערע שטופע ווי פרומקייט.

פרומקייט, ווי וויכטיק זי זאל ניט זיין, איז קיינמאל ניט פארעכנט אלס דאס העכסטע בא אידן. תורה איז העכער. און ווידער אמאל זאגט די גמרא, אז א ממזר, אויב ער איז א תלמיד חכם, איז ער וויכטיקער אפילו פון א כהן גדול, אויב דער לעצטער איז אן עם-הארץ. דאס גיט אונז דעם שליסל צו דעם כאראקטער פון אונזער נאציאן און דאס גיט אונז די מעג-ליכקייט טיף אריינצוקוקן אין די הארץ און נשמה פון אידישקייט.

לערנען! עס איז פאראן א מוראדיקע קראפט אין די אותיות. אותיות זיינען צייכנס דורך וועלכע גרויסע געדאנקען ווערן איבערגעגעבן פון מענטש צו מענטש, פון דור צו דור. אותיות זיינען ניט טרוקן, אין זיי ליגן די נשמות פון זייערע פארפאסער אייביק פריש און שטענדיק יונג. די פארמעט אדער פאפיר אף וועלכע די אותיות זיינען געשריבן קענען פארברענט ווערן, — האבן געזאגט די תלמודיסטן, — אבער די אותיות בלייבן שוועבן אין דער לופט, קיין פייער איז אין זיי ניט שולט. דורך דעם לערנען ווערט דער געדאנק ברייט, דער מח שארף, די השגה הויך, דורך דעם לערנען וואקסן די גייסטיקע כחות פון מענטשן, עס וואקסט זיין נשמה, און וואס מער דער מענטש לערנט אלץ מער פארשטייט ער וואס עס באדייט מענטש, וואס עס באדייט פאלק, וואס עס באדייט וועלט, וואס עס באדייט פליכטן, וואס עס באדייט קעמפן פאר אידייען און וואס עס בא-דייט די באציאונג פון מענטש צו מענטש. אין דער צייט וואס בא אנדערע פעלקער אין די אלטע צייטן האבן געלערנט בלויז פריווילעגירטע קלאסן, איז בא אידן דער אוצר פון לערנען גע-ווען אנטפלעקט פאר אלעמען. אלע זאלן לערנען, אלע מוזן לער-נען, לערנען דערהאבענע געזעצן פון צדק און יושר אין דער תורה, לערנען די ווונדער פון דער געטלעכער באשאפונג, לער-נען די געזעצן פון מאראל — אבי לערנען! און ווען אידן זאלן לערנען מיינט עס ניט דאס לערנען דורך וועלכן מען זאל נאכ-דעם פארדינען געלט, ווי דאס ווארט „לערנען" באדייט אין א גרויסער מאס בא די היינטיקע ציוויליזירטע פעלקער, בא אונז

מיינט עס ניט לערנען צוליב א הכלית, מיטל צו א צוועק, אדער אין דעם גלענצנדן אויסדרוק פון פרק: „א רידל צו גראבן דער־מיט", ניין! וויט איז אזא וואכעדיקער באגריף פון דעם ווארט לערנ־ן בא אידן. לערנען מיינט בא אידן אן א שום מאטעריעלן צוועק, אן א שום גשמיות׳דיקע נוצן דערפון צו ציען, עס מיינט לערנען צוליב לערנען, לערנען אום ניט צו שפייזן דערמיט דעם גוף, נאר צו שפייזן די נשמה, צו מאכן דעם מענטשן בעסער, אידעלער, מענטשלעכער. עס מיינט די העכסטע מדרגה פון דאס, וואס מען רופט אין די מאדערנע שפראכן: קולטור. די אידן זיינען די קולטיווירטעסטע מענטשן וואס זיינען ארומגעגאנגען אף גאטס וועלט. דער סוד דערפון איז לערנען. ווען אלע אידן וואלטן זיין נאר פרום, אבער עם־הארצים, וואלט דאס פאר אונז געווען אן אומגליק. האט מען שוין בא אידן מיט צוויי טויזנט יאר צוריק געזאגט אז אן עם־הארץ קען פרום ניט זיין, דאס הייסט, אז זיין פרומקייט האט ניט קיין באדייטונג. און ווי ריכ־טיק דאס איז געזאגט געווארן! מיר זיינען אן אויסדערוויילטער פאלק ניט דערפאר וואס מיר זיינען פרימער פון אלע נאציאנען, נאר דערפאר וואס מיר האבן א תורה, דערפאר וואס מיר לער־נען, און מיר האבן אויסגעהאלטן דעם קאמף מיט דער גאנצער וועלט צוויי טויזנט יאר ניט בלויז צוליב אונזער פרומקייט. נאר אויך, און אפשר נאך מער, צוליב דעם ווייל מיר האבן געלערנט.

און דאס איז געווען די אידיי פון ווילנער גאון׳ס תלמיד ר׳ חיים וואלאזשינער! אין דער צייט וואס דעם בעל שם׳ס תלמידים האבן געזוכט צו פארפעסטיקן דעם אידנטום און דאס לעבן פון אידישן פאלק, וועלכע איז געווען אנגעגריפן פון די משכילים, דורך פרומקייט, פאעטישע התלהבות און פילאזאפישע שטימונגען, איז ר׳ חיים געקומען פארפעסטיקן דאס אידנטום און דאס לעבן פון דער אידישער נאציאן דורך דעם אלטן אויספרו־בירטן מיטל פון לערנען תורה. ר׳ חיים זאגט: „זיי (די חסידים), וועלנדיק זיך דערנענטערן צו גאט, האבן אויסגעקליבן פאר זיך א וועג צו מאכן דעם עיקר זייער לערנען אין ספרים פון פרום־קייט און מוסר נאכאנאנד און זיי מאכן ניט פארן עיקר דעם לערנען פון דער תורה הקדושה, נ״ך און הלכות. עס שיינט ניט

אף זיי די ליכט פון דער תורה. זאל זיי גאט מוחל זיין, זייער כונה איז א גוטע, אבער דאס איז נים דער וועג ווי מען קען קומען צו דער ליכט פון דער תורה".

ר' חיים גלויבט אז פרומקייט און מאראל דארף מען נים זוכן דורך קיין אנדער וועג ווי דורך לערנען תורה. דאס איז א קוואל פון וואנען עס ווערט געשעפט אלץ, די מאראלישע פרינציפן, די גרויסע התלהבות, די פאטעטישע שיינקייט. ר' חיים זאגט: „די תורה איז דאס לעבן פון אונזער נשמה, און אונזער וועלט שטייט אף דאס וואס מיר ריידן אין דער תורה און מיר שטודירן אין איר; און איבערהויפט זייט מיר זיינען פארטריבן געווארן פון אונזער לאנד און מיר האבן אלץ פארלארן, איז דאך אונז קיין אנדער זאך נים געבליבן ווי דאס לערנען תורה". אין די דאזיקע ווערטער האט ר' חיים זיך דערגרונטעוועט ביזן מיפסטן יסוד פון אונזער נאציאנאלער עקזיסטענץ. אויב דאס לערנען איז וויכטיק פאר אלע מענטשן, איז עס פאר אונז אידן נאך וויכטיקער, ווייל אין אונזערע ספרים האבן מיר אונזער איינציקע פעסטונג. בא אנדערע פעלקער איז דאס נאציאנאלע לעבן פארקערפערט אין פיל זאכן, אבער בא אונז נאר אין אונזערע ספרים, אף וועלכע דאס גאנצע אידישע לעבן איז געבויט. דורך דאס לערנען אין די ספרים פארבינדן מיר זיך מיט די פריערדיקע דורות.

די איינהייט פון דער אידישער נאציאן איז געשאפן דורך די איינהייט פון די ספרים. ווען איר האלט אין האנט א גמרא און איר לערנט וואס עס האט געזאגט ר' עקיבא און ר' מאיר ווערט איר מיט זיי צוזאמענגעגאסן אין איין גאנצע זאך און איר פילט אז איר לעבט איבער מיט זיי די אמאליקע צייטן און זיי לעבן איבער מיט אייך די היינטיקע צייטן. ווען איר הערט קריאת התורה שבת אין שול און איר שטעלט זיך פאר אז טויזנטער יארן זיינען די זעלבע ווערטער געזאגט געווארן פאר אידן, קריגט איר נים ווילנדיק דעם באגריף און די איבערצייגונג וועגן די אייביקייט פון דער אידישער נאציאן. און איינע פון די הויפט - גבורות פון די אידישע ספרים ליגט דוקא אין דער ווידערהאלונג. ווען איר לייענט איבער, למשל, א שיינעם געדאנק, גייט ער מארגן אדער שפעטער ארויס פון אייער מחשבה און

איר האט ניט דערפון די נוצן וואס איר וואלט דערפון געהאט ווען דער געדאנק וועלכן איר האט געלייענט וואלט געבליבן אייער אייגנטום. נעמט אבער דעם זעלבן געדאנק וואס איר האט איינמאל געלייענט און לערנט אים איבער פינף, צען, צוואנציק אדער פופציק מאל און איר וועט פילן ווי ער זינקט אריין אין אייערע ביינער, ער ווערט אריינגעגעסן אין אייער נשמה, ער ווערט א טייל פון אייער „איך". דאס ווארט לעבט אין איך. די מאס פון קולטור פון א מענטשן איז ניט אפהייניגיק פון א סך לייענען, נאר אין דעם ווי ווייט ער האט פארדייט דאס דורכגעלייענטע. און דאס איז דער סוד וואס אין „געטא" זיינען געשטאנען די אידן אזוי הויך קולטורעל בלויז מיט די ספרים וועלכע זיי האבן געהאט. זיי האבן די ספרים דורכגעלעבט און דורכגעפילט און האבן פון זיי ארויסגענומען גאנצע וועלטן פון קולטור.

א סך ספרים זיינען געשריבן געווארן בא אידן אין די פיר טויזנט יאר פון דער אידישער געשיכטע אבער דער חוש פון פאלק האט געוואוסט אויסצוקלייבן וועלכע ספרים מען דארף לערנען, וועלכע מען דארף ווידערהוילן, וועלכע עס זיינען וויכטיק מען זאל זיי מאכן אלס א טייל פון דער אידישער נשמה. און ווען עס איז פאראן א אידישער לעבן קומט עס דערפון, וואס אלע אידן האבן געטרונקן פון די זעלבע קוואלן, וואס אידישע קינדער פון איין עק וועלט ביז דער אנדערער האבן ווידערהוילט די זעלבע ווערטער אין די זעלבע ספרים. עס קומט דערפון וואס די גרעסטע מענטשן האבן געלערנט די זעלבע ווערטער וואס קינדער האבן געלערנט, וואס דער ווילנער גאון, למשל, האט נאכאנאנד ווידער אנגעהייבן די מסכת ברכות וועלכע קליינע קינדער לערנער. ער האט עס אבער געלערנט העכער, טיפער, ער האט פון דארטן מער געשעפט ווי דער געוויינלעכער לערנער, ווייל נעמען נעמט יעדער פון דאס געשריבענע ווארט לויט זיינע אייגענע כחות, און עס זיינען נאך ניט געווען קיינמאל צוויי מענטשן וואס זאלן ביידע ארויסנעמען פון א ווארט פונקט די זעלבע מאס באגייסטערונג, שטימונג. אבער דורכדעם וואס אלע האבן געלערנט די זעלבע ווערטער אין די ספרים, זיינען צוגעבונדן געווארן אלע מיטגלידער פון דער אידישער נאציאן אין איין קערפער.

אין נאכמער: וואס מער מען לערנט, אלץ טיפער ווערן די ווערטער, די גרויסע מענטשן לייגן אריין נייע כונות אין אלטע ווע־טער און זיי ציען זיי אַרויס ווייט און ברייט איבער די גרע־נעצן וועלכע זיי האבן אין אנפאנג געהאט. די זעלבע ספרים ווערן אלע מאל רייכער אין באדייטונג וואס מער דורות עס לערנען אין זיי און ווידערהוילן זיי און לייגן אין זיי אריין זייערע נשמות. לערנען איז א קאמפס־רוף פון ר' חיים וואלאזשינער. ניט צו קעמפן געגן חסידים, ווי אנדערע מיינען, נאר א קאמפס־רוף צו ראטעווען דאס אידנטום — און ער האט געגרינדעט די וואלאזשינער ישיבה.

---

# יעדער איד איז א פילאזאף.

רבותי! אין דאס אידישקייט ליגט די גרעסטע פילאזאפיע וואס די מענטשהייט פארמאגט! שוין באלד דריי טויזנט יאר זייט די גרויסע גריכישע פילאזאפן זיינען ארום אף דער וועלט־סצענע און וויפל פילאזאפישע שיטות זיינען עס שוין באשאפן געווארן פון טהאלעס ביז אנרי בערגסאן! נעמט אבער אוף אלץ צוזאמען וואס די פילאזאפן האבן געשאפן, אלע זייערע שווערע זוכענישן אין פארלויף פון טויזנטער יארן און לייגט עס ארוף אף איין וואגשאל און די פילאזאפיע פון אידנטום אף דעם צווייטן וואגשאל, וועט די לעצטע וויעט, ווייט אריבערוועגן, פארוואס? ווייל אין דריי טויזנט יאר פון שווערע אנשטריינגונג האט קיינעם ניט געלונגן אופצוהייבן דעם פארהאנג פון דער־וועלט באשאפונג, אריינקוקן אין דער ווערקשטוב פון דער יצירה און באטראכטן ווי אזוי דאס איז אלץ געווארן ארום אונז, ווי אזוי איז דאס אלץ געקומען, ווי אזוי קומ־ן מיר, און וואס זיינ־ן מיר. ווי יענע מענטשן פון דעם דור הפלגה, וואס האבן גערעכנט, אז זיי קענען דערגרייכן צום סוד פון אלע סודות, גאר אין דער הויך, ווען זיי וועלן ארופלייגן אסך ציגל איינע אף די אנדערע ביזן הימל, — אָט אזוי רעכנט דעם מענטשנס פילאזאפישער גייסט אז ער קען דערגרייכן די ערשטע סיבה, יענע גרויסע קראפט פון וועלכער אלץ האט זיך אנגעהויבן מיט דעם, וואס ער וועט ארופלייגן סברות איינע אף

די אנדערע, און פונקט ווי די בני הפלגה זיינען אראפגעפאלן
צוריק אין טאל, ניט פארשטייענדיק איינע די אנדערע, אזוי פאלן
שטענדיק אראפ אלע פילאזאפישע סיסטעמען ניט פארשטייענדיק
איינער די אנדערע, ניט בריינגענדיק מיט זיך קיין דערקלערונג.

צו דער אנמעכטיקער פילאזאפיע, וואס האט זיך טויזנטער יארן געדרייט אין א צירקל פון השערות און סברות וועגן דעם ווי אזוי די וועלט איז באשאפן געווארן, ווער און וואס איז די קראפט וואס האט עס געמאכט, צו דער אנמעכטיקער פילאזאפיע וואס האט אזוי פיל געזוכט און אזוי ווייניק געפונען איז צוגעקו-מען אלס שטיצע די וויסנשאפט פון וועלכער מען האט ווידער דערווארט אז זי וועט וויסן צו ענטפערן אף די גרויסע פראגן וואס מאטערן דעם מענטשלעכן גייסט: אויב די וועלט איז אליין געווארן, טאָ ווי קען א זאך אליין ווערן? וואס איז געווען „פריער" אויב עס איז גאר געווען א „פריער"? אבער די וויסנשאפט ניט קוקנדיק אף אירע געוואלטיקע דערפאלגן, ווייס ניט מער ווי די פילאזאפיע, זי האט ניט קיין מעגלעכקייט צו באלייכטן אפילו איין און איינציקן פונקט פון די שווערע און אייביקע שאלות. די וויסנ-שאפט ווייס ווי אזוי זיך צו באנוצן מיט די פארשיידענע קרעפטן פון דער נאטור פאר געוויסע צוועקן, אבער וואס איז די נאטור אליין, ווי אזוי איז זי געווארן, וואס איז געווען „פריער" און ווער האט עס געמאכט די אייזערנע נאטור - געזעצן, ווי אזוי לעבן מיר, וואס הייסט לעבן, וואס הייסט טויט, פון וואנען קומען מיר און וואוהין גייען מיר, וואס איז אונזער שכל און וואס איז אונזער נשמה — אָט אף די פראגן קען אונז די וויסנשאפט קיין תשובה ניט געבן. דאס וואס זי זאגט אונז איז נאר דער רעזולטאט פון דערפארונגען וואס מענטשן האבן אנגעקליבן וועגן דעם ווי אזוי אויסצונוצן די נאטור - כחות, ניט וויסנדיק קיין דערקלערונגען וואס די כחות גופא זיינען. פון אלע השערות וואס די וויסנשאפט האט געשאפן פארנעמט דעם אויבן - אָן דאס ווארט: עוואָלוציע. אבער דאס בריינגט אונז ניט איין שריט ווייטער און עס דער-קלערט גארניט. „אלס איז ענטוויקלט געווארן דורך דעם נאטור - געזעץ פון ענטוויקלונג", זאגט די וויסנשאפט. עס איז אלץ איינס ווי איר וואלט זאגן: „אלץ איז באשאפן געווארן דורך א באשא-פונג". ענטוויקלט געווארן — פון וואס? „פון אן ערשטן דינעם

שטאף" — איז די תשובה, אבער פון וואנען איז געקומען דער דינער שטאף? ער איז דאך שוין ניט ענטוויקלט געווארן פון קיין זאך, טאָ ווי אזוי איז ער געווארן, ווער האט אים באשאפן און וואס איז געווען פריער? אָט איבער די זעלבע שאלות איז די פילאזאפיע מיד געווארן. ווי עס איז מידגעווארן די וויסנשאפט. און נאך א פראגע: ווער האט געמאכט דעם געזעץ פון ענטוויקלונג, וואס האט עס געהאט אזא כח צו מאכן פון א דינעם ערשטן סובסטאנץ ערד און ימים, בערג, וועלדער, חיות און מענטשן? ניט די פילאזאפיע און ניט די וויסנשאפט קענען ענטפערן אף די פראגן אף וועלכע דער מענטש גאַרט אזוי שטארק צו האבן א תשובה.

אבער, רבותי, אין דעם זעלבן כאאס פון השערות, וואס שלאגן זיך שטענדיק אפ אן א שווארצע וואנט פון אומוויסנהייט ווי די כוואליעס פון ים שלאגן שטענדיק אן דעם ברעג פון דער יבשה, איז פאראן איין ליכטיקער פונקט, איין ליכטיקע אידייע, — בלויז איין שטראל שנייט דורך די אייביקע פינסטערניש וואס שטייט פאר אונזערע אויגן. די אידייע באשטייט אין דעם, אז די אלע מעכטיקע נאטור־כחות, מיט זייער גרויסקייט וואס מאני־פעסטירן שטענדיג מיט זייערע וואונדער, זיינען דערשיינונגען וואס קומען פון איין מורא'דיקע קראפט וואס האט אלץ באשאפן. פון דיזער קראפט קומט אלץ ארויס און אהין גייט אלץ: די איינהייט פון גאט, אחדות הבורא. דאס איז די איינציקע זאך וואס מיר קענען וויסן און ווייטערע זוכענישן וועלן אונז צו קיין רעזולטאט ניט ברענגען. און דיזן איינציקן ליכטיקן פונקט אין דעם תהום פון אומזיסטע השערות, דיזן איינציקן אוצר, וואס די פילאזאפיע פאַרמאָגט, האָט געפונען ניט דאָס גריכישע פילאזאפן־פאלק, נאָר די אידישע אמונה. אין דער אידישער רעליגיאָן איז דערי־בער פאראן די פילאָזאָפיע פון אלע פילאָזאָפן, די קרוין פון מענטשנס מחשבה, וועלכע איז ניט געפונען געווארן אף קיין אנ־דער אָרט ווי אַף דעם באַרג סיני. ניט אומזיסט זאָגט סער אליווער לאָדזש, איינער פון די גאָר גרעסטע וויסנשאַפטס־מענער פון דער היינטיקער צייט, אַז ווען מען זאָל אופזאמלען די גאנצע חכמה וואס די מענטשהייט באַזיצט, וועט זי ניט קענען געבן קיין בעסערע דערקלערונג אף די גרויסע פראגן ווי: „בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ."

דער איד האט געפונען דעם איינציקן געזונטן פילאזאפישן רעיון, אין דער צייט וואס די גריכן האבן עס ניט געפונען. פאר־וואס? ווייל דער איד האט אן אנדער סארט בליק אף דער וועלט ווי דער גריך. דער גריך האט ליב ארייננצולאזן זיך אין איינצל־הייטן, צו אנאליזירן, צו צושניידן יעדער זאך אף שטיקער און עס אויספארשן. דאס איז א מעלה ווען מען דארף שטודירן די איינצלהייטן פון א זאך, עס איז אבער א גרויסער חסרון ווען מען דארף ארומנעמען א גאנצע זאך, ווען מען דארף באטראכטן א געוואלטיקע דערשיינונג און איר דורכנעמען אין איר גאנצע גרויס. דאן ווערט דער אנאליטיקער, דער איינצלהייט ־ זוכער פארלארן אין דעם אנאליז פון די טיילן און קען קיינמאל צו דאס גאנצע ניט קומען. „פון די סך בוימער זעט ער ניט דעם וואלד", אבער דער וואס שטעלט זיך ניט אפ אף פרטים פאר־כאפט מיט זיין בליק דאס גאנצע און נעמט עס דורך מיט זיין באגריף. די גריכן האבן געזוכט די נאטור ארום אונז צו אנאלי־זירן, זיי האבן געהאט אין זינען באזונדערע דערשיינונגען, דער דונער און דער שטורם, די זון און די לבנה, דאס וואסער און די יבשה א. א. וו. צוליב דעם האבן זיי מיט זייער גאנצע פילא־זאפיע די וועלט ניט געזען, זיי האבן געזען שטיקלעך, שטיקלעך פון דער וועלט און האבן געגלויבט אין געטער פאר יעדער שטיק פון נאטור. צו דעם גרויסן און געוואלטיקן אלעס, צו דער מוראדיקער דערשיינונג פון אלעם וואס די וועלט פארמאגט אלם איין איינציקע זאך, האבן זיי ניט געקענט דערגרייכן. זייער טיפער אנאליטישער כאראקטער האט זיי אין דעם געשטערט. נאר דער איד, וועלכער האט ניט קיין גרויסן אינטערעס פאר איינצל־הייטן האט געקענט ארומכאפן די וועלט מיט א מאל, הימל און ערד, נאטור און מענטש, די גרויסקייט פון אוניווערזום און די קליינקייט פון שטערבליכע מענטשן. נאר דער איד האט געקענט געבן אזא פילאזאפיע צו וועלכער די ספעציעלע פילאזאפן ־ פאלק, די גריכן, האבן זיך ניט געקענט אופהייבן.

און דיזע הויכע פילאזאפיע, דער אוצר פון דער מענטשלע־כער מחשבה, דער העכסטער פונקט צו וועלכע מענטשן האבן געקענט דערגרייכן, איז איינגעוואקסן אין דעם מח, אין דעם געוויסן פון יעדן אידן וואס היט די מצוות אין דער אידישער

גאָט. זי איז אַריינגעדרונגען אין די מאַרך פון זיינע ביינער און זיין גאַנצער געדאַנקען־גאַנג דרייט זיך אַרום דיזן גרויסן פילאָזאָפישן פונקט. נעמט דעם איינפאַכסטן אידן פון דער אידישער גאַס און רעט זיך מיט אים פאַנאַנדער און איר וועט געפינען ווי טיף ער ווייס און פילט, אַז גאָט איז דער באַשעפער פון אַלע וועלטן, אַז זיין אָוויג איז אומעטום, אַז עס איז פאַר אים קיין באַהעלטעניש ניטאָ, אַז ער איז געווען פון אייביק און וועט זיין אייביק, אַז ער איז דער קוואַל פון אַלץ וואָס איז גוט, און אַז מיר אָטעמען מיט זיין אָטעם און מיר לעבן מיט זיין נשמה, וועלכע איז אַ טייל פון אים. ניין, רבותי! איר קענט אונזערן אַ בעל־עגלה פון וועג ניט אַ־אָפּפירן און דאָס וואָס אַנבעלאַנגט צו גרויס־פילאָזאָפיע, — אַפילו ווען איר האָט געענדיקט צוואַנציק אוניווערסיטעטן! ער ווייס ניט, אונזער איד, פון איינצלהייטן, אָבער ער ווייס דעם גרויסן סך־הכל. דאָס אידנטום האָט ניט נאָר דערפונדן די גרעסטע אמתן פון דער קולטור, נאָר אויך געפונען אַ וועג ווי אַזוי צו פאַרוואַנדלען דיזע אמת'ן אין דעם אייגנטום פון יעדן אידן, זי האָט געפונען דעם וועג ווי אַזוי עס איינצופאַסן אין אַ פאָרם אין וועלכער עס זאָל זיין צוטריטלעך פאַר אַלעמען, ווי אַזוי עס צו פאַרוואַנדלען אין אַ טייל פון לעבן, זי האָט אַראָפּגענומען די הויכע הימלישע מחשבות און געבראַכט עס אין דער אָרעמסטער הייזל דורך די מעשים וואָס דער איד טוט.

נאָך איידער דאָס אידישע קינד קען גוט ריידן, ווערט זיין פאַרשטאַנד צוגעגרייט צו דורכנעמען דעם גרויסן רעיון פון אחדות הבורא. דער גרויסער פילאָזאָף הערמאַן קאָהען מאַכט אויפמערקזאַם אויף די קראַפט מיט וועלכע אַ איד רעט אַרויס דעם „שמע ישראל ה' אחד", אַריינלייגנדיק זיין גאַנצע נשמה אין דער דאָזיקער דער־קלערונג. און די ערשטע זאַך וואָס מען לערנט אַ אידישן קינד אין חדר איז די געוואַלטיקע פרשה פון וועלט־באַשאַפונג און פון שבת, וואָס דינט אַ־לס סימן פון דאָס וואָס גאָט האָט אויפ־געטאָן. די האַרץ פון קינד ווערט ברייט, די פאַנטאַזיע לעבט אויף און אַרבעט אין הויכע אַבסטראַקטע געדאַנקען. און ווען עס קומט דער שבת פאַרשטייט שוין דאָס קינד וואָס דאָס מיינט, דער שבת איז בא אים די פאָרם אין וועלכע ער זעט אַלעמאָל פון דאָסניי די וועלט באַשאַפונג. און דיזער גרויסער פּרינציפּ פון

אחדות הבורא ווערט אים ווידערהוילט אין דאווגען, וואס איז נאר דערצו געמאכט געווארן. און ווען דער אידישער אינגל לייגט שפעטער תפילין ווייס ער גאנץ גוט און פילט, אז דאס איז צו אנערקענען די וואונדער־קראפט וואס האט אלץ געמאכט. ער מעג ניט זאגן די ווערטער על פי דקדוק, ער טעג דאווגען אף גיך און זיך ניט אפשטעלן אף יעדעס ווארט, אבער דער עיקר, דער רעיון איז בא אים דא. בא קריאת התורה און מאכנדיק א ברכה — אלץ ווערט פון אידן באטראכט און דורכגעפירט אלס א דערקלערונג וועגן דעם פילאזאפישן פרינציפ אף וועלכן עס רוט די אידישע רעליגיע.

יעדע אידישע הויז איז א פילאזאפישע שול און יעדער איד, וואס היט אידישקייט, איז א פילאזאף פון העכסטן ראנג.

---

# באלפור־דעקלאראציע.

רבותי! ניט קוקנדיק אף אלע שוועריקייטן וואס דער בנין הארץ האט אנגעטראפן לעצטנס, איז דאך די באלפור־דעקלאראציע געווען און געבליבן די איינציקע טרייסט פון אידישן פאלק נאך די אלע אומגליקן אין דער בלוטיקער, מלחמה און נאך איר. איך בעט אייך, מיינע פריינט, טראכט זיך אריין אין יענע פינסטערע טעג! וואס איז מיט אונז געשען? די בלוטיקע וועלט־מלחמה, ווע־מעס שרעק איז אזוי גרוס ווי איר שאנד, האט אריינגעשלעפט דאס אידישע פאלק אין דער שלאכט אף אלע פראנטן פון אלע קריג־פירנדע לענדער. צוויי מיליאן אידישע סאלדאטן, די בעסטע און שטארקסטע קינדער פון אונזער פאלק, האבן געקעמפט ארום די פאנען פון אלע פעלקער, האבן פארגאסן זייער בלוט אף אלע שלאכט־פעלדער. אידן האבן איינער דעם אנדערן געשטאכן מיט באיאנעטן און באם „שמע ישראל" אף די או סגעקרימטע ליפן דערקענט איינער דעם צווייטן, און אין ברענענדע יסורים אויסגע־הויכט זייער לעצטן אטעם. בלוטדורשטיקע הינט און ווילדע פויג־לען האבן זייערע קערפערס אף שטיקער צוריסן. אסך פון די געפאלענע זיינען אפילו צו קבר ישראל ניט געקומען, און קיינער ווייס ניט וואו זייער געביין איז אהינגעקומען.

און די פאלגן פון דעם גרויסן אומגליק? עס זיינען געבליבן בא אונז אין לעצטן סך-הכל: א פאר הונדערט טויזנט עגונות, פארוואגלטע, עלנטע נפשות וואס לעבן אין צער, ניט דערווארעמט פון איין פונק האפנונג, ביז אכט הונדערט טויזנט יתומים, אומגליקלעכע, פארלאזענע, דערשלאגענע קינדער פון וועלכע דער גרעססטער טייל איז ארויס לתרבות רעה, געווארן פיזישע און גייסטיקע קריפלס. א טייל פון זיי אין רוסלאנד און אוקראינע זיינען געווארן פשוטע פארברעכער און האבן אנגעפילט די תפיסות; ביז זיבן הונדערט טויזנט אלמנות. פארשלי־ערט אין איביקן טרויער, צודריקט דורך דעם פינסטערן שיקזאל וואס לויערט נאך זיי אף טריט און שריט; ביז צוויי הונדערט טויזנט אינוואלידן, שברי-כלים, מענטשן אן פיס, אן הענט, ברוכווארג פאר דעם מיסט-הויפן פון גרויזאמען לעבן; ביז פופציק טויזנט האלבע און גאנצע משוגעים, מענטשן מיט צודרייטע נערוון, מענטשן — שאטנס, וואס ציטערן פאר יעדן גערויש; זעקס הונדערט קהילות זיינען חרוב און אפגעמעקט געווארן און עס איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבן.

איז נאך ניט געווען גענוג דער אקעאן פון בלוט, וואס די מלחמה האט געשאפן, און א פאגראם-כוואליע האט זיך צוגאסן איבער אוקראינע, גאליציע, פוילן, רומעניע. דער מלאך המות האט געשניטן גרייז-גרויע זקנים און קליינע עופ׳לעך, כלות, חתנים, יונג און אלט, ארעם און רייך, ווי וועלף זיינען ארומגעלאפן רויבער-באנדעס און כוליגאנישע מיליטער-אפטיילונגען איבער די אידישע געגנדן און אנגעפילט בערג מיט קדושים און הרוגים אין אלע גאסן.

און מיט וואס האבן מיר זיך געטרייסט? אף וואס האבן מיר געווארט?

מיר האבן זיך געזאגט: ווען דער מלאך המות וועט זיין שווערד אין זיין שייד אריינשטעקן, און דער גרינער טיש וועט פארנעמען דעם פלאץ פון דעם בלוטיקן שלאכט-פעלד, דאמאלסט וועט די וועלט אויך אונזער פארגאסענע בלוט ניט פארגעסן, דאן וועלן מיר באקומען אלס די ערשטע זאך אין אלע לענדער פאליטישע, בירגערלעכע, עקאנאמישע און געזעלשאפטלעכע רעכט.

ווי דען אנדערש? מיר האבן אונזער האב און גוטס, אונזערע קרבנות בײגעשטײערט דאך פאר אלעמענס פרייהײט, מיר האבן געקעמפט פאר די דעמאקראטישע פרינציפן פון פרייהייט, גלײכ־הײט און ברידערלעכקײט, מיר האבן געהאלפן ענגלאנד, פראנק־רײך און איטאליען, מיר האבן געקעמפט פאר א זעלבסטשטענ־דיקע פוילן, פאר א זעלבסטשטענדיקע יוגאסלאוויע־סערביען, פאר א פרײע טשעכאסלאוואקיע, פאר א גרויסער רומעניע, אפילו פאר די ארמענער אין ווייטן קאווקאז האבן מיר געאפפערט אונזער חלק! איז דען מעגלעך אז מען זאל אונז לאזן בלײבן אין אונזער אלטן טרויער און עלנד, אין שמוץ און אין רעכט?

מיר האבן געגלויבט, אז די טויערן פון אלע לענדער פון דער וועלט וועלן ווײט און ברייט אופגעעפנט ווערן פאר אונז, פרײהײט פון אימיגראציע וועט פראקלאמירט ווערן פאר אונז אין ענגלאנד, אפריקע, קאנאדא און אמעריקע!.. האט דאך זיך דאס בלוט פון אונזערע קינדער געמישט מיט די בלוט פון זײערע קינדער, האבן מיר דאך מער ווי זיי געליטן פאר זייער נצחון — וועט מען אונז ניט לאזן געפינען א שטיקל ברויט פאר אונזערע קינדער, שאפן א דאך איבער זײער קאפ?!

מיר, וועמעס שטעט און שטעטלעך זײנען חרוב געווארן; מיר, וואס זײנען ארויסגעשטויסן געווארן פון אלע צווײגן און גע־ביטן פון עקאנאמישן לעבן, וואס זײנען ארײנגעשלײדערט גע־ווארן אין תהום פון ארמוט און עלנד אין דער גאנצער וועלט — איז עס דען מעגלעך, אז פאר אונז וועט מען שליסן די טויערן פון די אימיגראציע־לענדער?

מיר האבן געגלויבט אז דער פעלקער־בונד וועט זיך פאר־אינטערעסירן מיט אונזער גורל, זוכן מיטלען צו פארלײכטערן אונזערע לײדן, מיר האבן געגלויבט אז מיט די ברייטע רעכט אין גלות וועט גלײכצײטיק פראקלאמירט ווערן אונזער רעכט צו בויען אונזער הײליק לאנד און מיר וועלן איר בויען רואיק מיט א נחת רוח! לכל הפחות וועלן מיר באקומען דאס פאר אונזער פארגאסענער בלוט, פאר אונזערע העלדן וואס זײנען געפאלן אף אלע פראנטן פאר דעם גליק פון אלע פעלקער, פאר די פרײהײט.

אבער צום סוף? וואס פאר א וויסטע אנטוישונג! וואס פאר א שווארצע אומראנקבארקייט!

פאליטישע רעכט? אפן פאפיר! עקאנאמישע פרייהייט? אין חלום! אלץ האט זיך געביטן, נאר נית די אידישע לאגע. עס איז די זעלבע מיט בלוט־דורכגעווייקטע רשימה!

די רומענער, וואס אין אלע שלאכטן קעגן דייטשלאנד און עסטרייך האבן זיי זיך באנוצט מיט אידן פאר די פאדערשטע פאזיציעס, פון וועלכע קיין איין אידישער זון איז צוריק לעבעדיק נית געקומען, וואו צענדליקער טויזנטער אידישע קינדער זיינען דארט באגראבן געווארן, — אט די רומענער, נאך זייער נצחון שלאגן זיי און הארגענען אידישע קינדער, ראבירן זייער גוטס און שענדן אידישע טעכטער. ארויסווארפן א אידן פון א וואגאן און „נומערוס קלאוזוס" אין אוניווערסיטעט זיינען שוין געווײנלעכע זאכן. און דאס אלעס ווערט געטאן אפן פאר דער גאנצער וועלט, פאר די אויגן פון פעלקער־בונד, אט דאס איז דער לוין פאר אונזער בלוט, אט דאס איז פאליטישע רעכט!

אין פוילן האבן מיר אלע רעכט אפן פאפיר, אבער זייער ווייניק אין לעבן. אפילו די אלטע צארישע באגרענצונגען זיינען נית אפגעשאפט געווארן. מיר ווערן דארטן דערשטיקט פון עקאנאמישן דחקות און פאליטישע רעכטלאזיקייט. אין אונגארן, פאר וועלכער צען טויזנט אידישע קינדער האבן פארלארן זייער לעבן, הערשט א ווילדער אידן־האס. אין דייטשלאנד און עסטרייך, וואו אידן האבן ארויסגעוויזן א געוואלטיקן פאטריאטיזם, באשולדיקט מען דעם אידן אין דער מפלה וואס דיביידע מלוכות האבן געליטן אין דער מלחמה. און אין רוסלאנד? דארטן איז דערשטיקט די אידישע שטים, אפילו קיין פראטעסט קענט איר פון דארטן נית הערן. פאראמט איז דארטן געווארן אונזער גאנצער פאלק. אמת, אין נאמען פון א אידעע, אבער פון דעם איז אונז נית לייכטער. אין פלוג האט מען בא די רייכע צוגענומען און אוועקגעגעבן די ארעמע... אבער נאר זיי, די ארעמע גוים! בא די רייכע אידן האט מען אלץ צוגענומען און די ארעמע אידן גארנישט געגעבן... מען האט דעם ארעמען אידן מיאום אפגענארט. מען האט אידיש האב און גוטס צווישן נית־אידן פארטיילט און

אין ארמוט און עלנד די פּרייטע אידישע מאסן איבערגעלאזן. אבער נאך ערגער און שרעקלעכער איז די גייסטיקע גסיסה פון די אידן אין סאוועט־רוסלאנד. עס שטארבט דארטן פאר אונזערע אויגן אויס דאס אידישע פאלק, די אידישע נשמה און דאָס ליכט פון אידנטום ווערן אויסגעלאשן, אלץ אידישעס ווערט דארט מיט דעם שורש אויסגעריסן. עס ווערן פארטיליקט, אפגעווישט אונזערע זכרונות, אונזערע מנהגים, אונזערע שבתים, אונזערע ימים־טובים, אונזער תורה, אונזער הייליקע שפראך און מיט זיי צוזאמען אונ־זער האפנונג. אונזערע ציון־קעמפער ווערן דארט פארשיקט ווי פארברעכער אין ווייטן סיביר און נארים, אונזערע שולן — גע־שלאסן, אונזערע לערער פארטריבן. אט דאס איז אונזער שכר, וואס מיר האבן באקומען פאר אונזערע אלע קרבנות פאר דער פרייהייטס־באוועגונג אין רוסלאנד.

אט דאס איז דער שכר פאר אונזערע אלע קרבנות נאך דעם בלוטיקן, גרויזאמען קריג!

צענדליקער טויזנטער אידישע אומגליקליכע עמיגראנטן, אלטע נע ונד ניקעס מיט שטעקנס און טארבעס בלאנדזשענען איבער דער וועלט. אלע פארטן און גרענעצן ווימלען פון אידישע עמיגראנטן, וועלכע ווערן געטריבן הין אין צוריק. פון איין לאנד אין די צווייטע. אומגליקלעכע פרויען און קינדער וואלגערן זיך אומעטום, זוכנדיק וואו דעם קאפ אנצושפארן. אט אזעלכע „ווילדע עמיגראנטן" זיינען דא געגוג. אונזערע ברידער און שוועסטער, קינדער פון און אלטער, איידעלער ראסע זיינען ווילדע מענטשן, מחמת זיי האבן ניט קיין פאטערלאנד, זיי האבן ניט קיין פעסער. דאס שטיקל פאפיר איז דער עיקר, ניט דאס מענטשלעכע לעבן! מיליאנען פון אונזערע ברידער אין מזרח־אייראפע זיינען פאטענ־ציעלע עמיגראנטן, גרייט צו נעמען דעם וואנדער־שטעקן און צו לויפן וואוהין די אויגן טראגן. צענדליקער טויזנטער אידן הונגערן אין גאליציע, אף די קארפאטן, און אין רוסלאנד.

אמעריקע, קאנאדע, אפריקע? — אלע פארמאכט די טויערן! די פאראייניקטע שטאטן פון אמעריקע, וועלכע פארמאגן פרייע שטרעקן אין מזרח און אין מערב, וואו מיליאנען אונזערע ברידער וואלטן זיך געקענט דערשלאגן צו א שטיקל ברויט, וואו מיר

האבן שוין מיט אונזער פּיאיקייט און ענערגיע געבויט שטעט און שטעטלעך, געשאפן האנדל און אינדוסטריע, — אט די מלוכה האט פארמאכט פאר אונז אירע טירן. אידן האבן געבויט גאנצע געגנדן ארום ניו־יארק, איבערגעבויט די בראנקס, געשאפן נייע קווארטאלן אין ברוקלין, אופגעבויט פלעצער, פאלאצן, הָאטעלן, בּאַנק און ריזיקע געשעפטן אין ניו־יארק, טשיקאגא, פילאדעלפיע, באסטאן, באלטימאר און אנדערע שטעט, אומעטום האט געווירקט זייער געבענטשטע האנט, — און צום סוף מוזן זיי שטיין און צוקוקן ווי עס היינגט א שלאָס אף די טויערן פון אמעריקע, כדי זייערע געפייניקטע און עלנדע ברידער, וואס שמאכטן אין מזרח־אייראפע אן ליכט און אן האפנונג, אין טאג פינסטערער פארן אנדערן, זאלן ניט קענען אריינקומען אין לאנד, וואס האט אין א סך צו פארדאנקען איר אופבלי דעם אידן. דאס זעלבע איז מיט קאנאדע און מיט דרום־אפריקע.

עס איז פאר אונזער צער ניטא קיין טרייסט, ניטא קיין היילונג פאר אונזערע וואונדן!

נאר איין שטראל האט באלויכטן אונזער פינסטערן הימל, אבער ער שטארקט אונז און גיט אונז צו מוט און כח אריבער־צוטראגן אלע צרות. דאס איז די באלפור־דעקלאראציע. עס איז אונזער „מאגנא כארטא”, עס איז דער זעלבער רוף ווי אין די צייטן פון כרש מלך פרס: „מי בכם מכל עמו יהי אלקיו עמו ויעל”, בא וועמען עס לעבט גאט אין זיין הארצן, זאל ער גיין בויען זיין לאנד! דאס איז דער רוף וועלכער קען געבן א תשובה אף אונזער פארשאלטענע פראגע. ער קען אונז צוריקגעבן אונזער פארלארענעם כבוד. עס איז די אתחלתא דגאולה!

אמת! פינסטערע כחות זוכן מאכן צו נישט דעם רוף פון דער געשיכטע. דאס בלוטיקע געזוינדל פון אראבישע רוצחים, ענגלישע באאמטע און וואטיקאנישע יעזואיטן האט מאביליזירט אירע כחות, כדי צו בארויבן אונז די לעצטע שטיקל האפנונג, דאס קליינטשינקע ארץ ישראל אוועקצונעמען פון אונז! אבער דאס וועט זיי ניט געלינגען, מיר וועלן קעמפן ביז דאס לעצטע. אין אונזערע הענט איז אונזער גאולה. מיר דארפן טאן אונזערם

און גאט וועט טאן זיינס, דאן וועלן אונזערע אלע שונאים האבן דעם סוף פון המן, פון דעם צאר, פון פעטליורא.

מיר דארפן ניט נאר פראטעסטירן, כדי אויסצודריקן דעם ווילן פון גאנצן פאלק, נאר אויך טאן, דאן וועט גאט טאן זיינס, ווי ער האט פארשפראכן:

ושב ה׳ אלקיך את שבותך ורחמך ושב וקבצך מכל העמים אשר הפיצך ה׳ אלקיך שמה, אם יהיה נדחך בקצה השמים משם יקבצך ה׳ אלקיך ומשם יקחך. והביאך ה׳ אלקיך אל הא״ץ אשר ירשו אבותיך וירשתה והטיבך והרבך מאבותיך (דברים ל״ג).

# אינהאלט:

## ערשטער טייל.


| | זייט: |
|---|---|
| ווי אזוי דארף מען דרשענען | 3 |
| שבת 1 | 5 |
| שבת 2 | 9 |
| שבת שובה | 14 |
| שבת הגדול | 16 |
| שבת חזון | 18 |
| לפרשת שקלים | 21 |
| לפרשת זכור | 23 |
| לפרשת פרה | 26 |
| לפרשת החדש | 29 |
| שבת נחמו | 32 |
| ראש השנה | 34 |
| לראש השנה, פאר תקיעות | 38 |
| ראש השנה געדאנקען: | |
| דער וועלט־יובילעאום | 40 |
| חשבון הנפש | 42 |
| זכרנו לחיים | 43 |
| פארוואס בלאזט מען שופר? | 45 |
| ליום הכפורים 1 | 47 |
| ליום הכפורים 2 | 48 |
| יום כפור געדאנקען | 52 |
| צו נעילה | 54 |
| לסכות 1 | 58 |
| לסכות 2 | 61 |
| לסכות 3 | 63 |
| די סכה און דער גלות | 68 |
| סכות־געדאנקען | 72 |
| לשמחת בית השואבה | 73 |
| לשמיני עצרת | 75 |
| לחנכה 1 | 80 |
| לחנכה 2 | 82 |
| לחנכה 3 | 86 |

ווײַט:

| | |
|---|---|
| לפורים 1 | 91 |
| לפורים 2 | 93 |
| לפורים 3 | 96 |
| ליציאת מצרים | 98 |
| לפסח 1 | 100 |
| לפסח 2 | 101 |
| לפסח 3 | 104 |
| לשבועות 1 | 112 |
| לשבועות 2 | 113 |
| שבועות־געדאנקען: | |
| די תורה איז פאר מענטשן | 117 |
| נעשה ונשמע | 117 |
| צוויי תורות | 118 |
| אנכי ה׳ אלקיך | 120 |
| לתשעה באב 1 | 120 |
| לתשעה באב 2 | 121 |
| משיח און תשעה באב | 122 |
| פארוואס מיר זיינען אין גלות | 125 |
| צו א חתונה 1 | 128 |
| צו א חתונה 2 | 130 |
| צו א חתונה 3 | 131 |
| צו א חתונה 4 | 132 |
| צו א חתונה 5 | 134 |
| צו א תנאים 1 | 136 |
| צו א תנאים 2 | 137 |
| צו א ברית מילה | 139 |
| צו א פדיון הבן 1 | 140 |
| צו א פדיון הבן 2 | 142 |
| רעדע פארן פאטער פון בר־מצוה | 143 |
| א גאסט צו א בר־מצוה | 145 |
| צו א זילבערנע חתונה | 147 |

## צווייטער טייל.

זייט:


אונזער „אתּה בחרתּנו":

| | |
|---|---|
| גלות אדער אונטערגאַנג . . . . . . . . | 149 |
| די וועלט לערנט פון אונז . . . . . . . | 151 |
| מיר ברייגנגע שפּע מיט זיך . . . . . . | 153 |
| געלט געשאפן צוליב דעם אידן . . . . . . | 154 |
| אחדות הבורא . . . . . . . . . | 157 |
| דער אידישער יחוס . . . . . . . . | 158 |

אונזער נאציאנאלער אומגליק:

| | |
|---|---|
| דער לאנגער גלות . . . . . . . . | 159 |
| פארוואס דער איד איז ניט געשטארבן . . . . | 162 |
| סארבאנע אדער וואלאושין? . . . . . . . | 168 |
| פאר וואס קעמפן אידן . . . . . . . . | 171 |

אנטיסעמיטיזם אן אייביקע זאך:

| | |
|---|---|
| גרופן-האס . . . . . . . . . . | 176 |
| דאס אנדערש-זיין . . . . . . . . | 177 |
| קאנקורענץ . . . . . . . . . . | 178 |
| בעס-אבפירער . . . . . . . . . | 178 |
| אומנאטירלעכע דערשיינונג . . . . . . . | 179 |
| רעליגיעזע תּביעות . . . . . . . . | 180 |
| מען איז אונז שולדיק א חוב . . . . . . | 181 |
| יעקב און עשו . . . . . . . . . | 183 |
| א שטענדיקער תּושב . . . . . . . . | 187 |

| | |
|---|---|
| לערנען און פרומקייט . . . . . . . . | 188 |
| יעדער איד איז א פילאזאף . . . . . . . | 193 |
| באלפור-דעקלאראציע . . . . . . . . | 198 |

## די נייסטע ספרי דרוש

וועלכע זיינען דערשינען אין אמעריקע קענט איר באקומען צו זייער ערמעסיקטע פרייזן נאר אין בית מסחר ספרים וטליתים של

## ב. שערעשעווסקי, ריגע,

מאריען גאס 6 טעלעפאָן 5=4=2=6=2.

פּאָסטפאַך 515: פאסט=טשעק קאָנטאָ 132.

---

**משל ומליצה** על ספר בראשית ונלוה בסופו מאמר ישראל ואוריתא מאת הרב הדרשן המפורסם אברהם נפתלי גאלאנטי
במקום 12 לאט — רק 7.50

**דברי ירמיהו** דרשות לכל עתות השנה פון דעם וועלט בא= רימטן גאון און דרשן ח. י. פלענסבערג דער זעלבער מחבר פון די ספרים דברי ירמיהו על בראשית ושמות. דער ספר וועלכער האָט אופגעשטורעמט די גאנצע ארטאדאקסישע וועלט מיט זיין שארפקייט און למדנות און מ׳האָט פאר אים געצאָלט פון 10 ביז
15 דאלאר: דער יעצטיקער פרייז נאר 7.50 לאט.

**דעת דברי חכמים** מאת ד״ר מישעל. דרשות לכל עתות השנה בהסבר נפלא ונעים מאוד ובאופן מודרני, מסוגל לכל רב ודרשן בישראל. במקום 12 לאט — רק 9 לאט.

**דברי חכמים** מאת ד״ר מישעל ספר דרוש העולה פי הרבה על ספרו המפורסם הראשון של המחבר הנ״ל. הספר מכיל דרשות נעימות לכל עניני החיים והצבור המענינות לכל איש מישראל. המטיפים הנודעים בעם חפשוהו ודרשהו ומרוצים היו לשלם את אשר יושת עליהם איזה מחיר שהוא. ולא לחנם רבו הקופצים על ספר זה. המחיר במקום 15 לאט — רק 10 לאט.

**ספר רגש לב** מהרב גדלי׳ סילווערסטאָן דרושים יקרים לימים נוראים ולכל השנה כו״ה.

**ספר שובה ישראל** מהמחבר הנ״ל כולל דרושים נפלאים על ימים הנוראים.

**ספר אמרי יושר** מהמחבר הנ״ל דרושים יקרים מפז ומפנינים לימים נוראים ולכל השנה.

**ספר שלהבת אש** מהמחבר הנ״ל דרושים יקרים לכל השנה
מחיר כל ספר במקום 2 לאט — רק 1 לאט.

**Modernais žīdu runātājs.**

פרייז 2.50 לאט
אין פוילן 6 גילדן
אין אנדערע לענדער
90 אמעריק. סענט.

---


פארלאגס־בוכהאנדלונג און טליתים־פאבריקס־לאגער

## ב. שערעשעווסקי, ריגע, מאריען־גאס 6.

לייגט פאר פאלגענדע ספרים:

**אור שמח**, ד״ח על רמב״ם מהרב הגאון ר׳ מאיר שמחה הכהן זצ״ל מדווינסק.

**משך חכמה** ב״ח על תורה מהרב הגאון ר׳ מאיר שמחה הכהן זצ״ל מדווינסק.

**עטרת יצחק** שו״ת מהרה״ג יצחק אייזיק רבינוביץ זצ׳ל אבד׳ק שאוול

**תוספות חיים** מהרה״ג חיים לובאצקי כולל קונטרס עגונות

**סליחות לט״ו כסלו** כפי מנהג דחברה קדישא (גחש״א)

**בר מצוה רעדעס** אין העבראיש, אידיש, דייטש און רוסיש.

**מראה עינים** ספר למוד אלף בית מאת מונוסביץ.

**אויספירלעכע קאטאלאגן אומזיסט.**

אדרעס:

**Rīgā, B. Šereševskis. P. O. B. 515**


---


Izdevniecība
**„Bilike - Bicher"**
Rīgā, Latvijā.